STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06636

KEMFER UN DENKER

P. Gdalia

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פ. גדליה

קעמפער און דענקער

פאַרלאַג אשו״ח — תל־אביב
1963

P. GDALIA

KEMFER UN DENKER

פ. גדליה

קעמפער און דענקער

©

נדפס בישראל

Printed in Israel

1963 — תשכ"ג

הדפוס הכללי בע"מ, רחוב השוק 26, תל־אביב

קעמפער און דענקער / פ. גדליה

אַ האַרציקן דאַנק די חברים אין ישראל (אשו״ח) פאַר זייער איניציאַטיוו ביים אַרויסגעבן מיין בוך „קעמפער און דענקער״.

✡

איך דאַנק מיין חברה און לעבנס־באַגלייטערין, סאָניע, אויך אונדזערע קינדער און משפחה אין מעקסיקע פאַר געבן מיר די פינאַנציעלע מעגלעכקייט דאָס בוך זאָל דערשיינען.

✡

אַ האַרציקן דאַנק מיין חבר, אבא גאָרדין, פאַר געבן זיך די מי, צו רעדאַק־טירן מיין בוך קורצע ביאָגראַפיעס און פאָרטרעטן פון אַנאַרכיסטישע קעמפער און דענקער, וואָס זיינען דערשינען אין פאַרזעצונגען אין די „פראָבלעמען״.

פּ. גדליה

לאָס־אַנגעלעס, דעצ. 1962

אינהאַלט

פאָרוואָרט פון אבא גאָרדין . . . . . I—XVI

וויליאַם גאָדווין 7

פיער זשאָזעף פרודהאַן 15

עליזע רעקלו 19

פ. ד. ניוועגהויז 31

יאָהאַן מאסט 36

ענריקאָ מאַלאַטעסטאַ 51

זשאַן גראַוו 65

סעבאַסטיאַן פאָר 79

פראַנציסקאָ פערער 95

אבא גאָרדין 101

פון אַמאָל 120



אבא גאָרדין

הקדמה

מיך פריידט באמת צו זען דאָס בוך „קעמפער און דענקער" דערשיינען אין פאַרלאַג „אַשו"ח".

דאָס בוך איז אַ טאָפּלטער בכור. ער איז דער ערשטלינג אין פאַרלאַג אשו"ח און דער ערשטלינגביים מחבר, פ. גדליה.

דער מחבר, חבר פ. גדליה, האָט מיך אויפגעפאָדערט אָנצושרייבן אַן הקדמה צו זיין בוך און איך טו עס מיט גרויס פאַרגעניגן.

איך בין געוועזן דער, וואָס האָט אים אָנגעמוטיקט צו נעמען שרייבן קורצע ביאָגראַפיעס פון די אַנאַרכיסטישע קעמפער און דענקער. די ביאָ־גראַפיעס זיינען געווען פאַרעפנטלעכט אין די „פראָבלעמען" אונטער מיין רעדאַקציע. און איך פיל ממש אַ רוחניותדיקע סאַטיספאַקציע אין זען זיי

דערשיינען אין בוך־פאָרם און האָלט עס פאַר אַ זכיה צו שענקען זיי אַן איינלייטונג.

די סעריע פון די ביאָגראַפיעס שליסט זיך מיט מיין ביאָגראַפיע.

אייגנטלעך בנוגע מיין ווייניקייט, אני הקטן'קייט, איז די ביאָגראַפיע בלויז אַ צולייג צו דער שיטה, וואָס הייסט „אינטעראינדיווידואַליזם", וועגן וועלכער דער מחבר, פ. גדליה, שרייבט אַן אָפּהאַנדלונג. ער פּרובירט די לערע דערקלערן, פּאָפּולאַריזירן.

אויף וויפל איך ווייס איז ער דער ערשטער, וואָס האָט זיך גענומען די מי עס צו טאָן.

וועגן מיינע ווערק, וואָס זיינען דערשינען אין יידיש, זיינען געשריבן געוואָרן רעצענזיעס, איבערבליקן און אויך קריטיקן, גוטע, שלעכטע און מיטלמעסיקע, אָבער דאָס אַלץ בחיפּזונדיק, כאַפּ־לאַפּ, אַ־לעק־אַ־שמעק, ווי דער שטייגער איז פון אַט־דעם זשאַנער שרייבן, אין וועלכן אַלץ דאַרף געזאָגט ווערן ווי אין איין אָטעם און קורץ געפּאַסט, אַזוי אַז אַלץ זאָל אָנגערירט ווערן, און קיין זאַך זאָל ניט גרונטאָוונע אונטערזוכט, באַטראַכט ווערן, געמאָסטן און געוויגן ווערן, ערנסט טעאָרעטיש.

פ. גדליה מאַכט אַ דרייסטן פּאַרזוך צו געבן אַן אָפּהאַנדלונג וועגן אינ־טעראינדיווידואַליזם און, וואָס איז נאָך שווערער צו טאָן באַפרידנדיק, וועגן עגאָסאפיע.

אַזוי ווי ער איז דער ערשטער, קאָן מען צו אים ניט זיין צו שטרענג און צופיל טאָר מען פון אים ניט פאָדערן, זיין אָפּהאַנדלונג מוז האָבן אַלע מעלות און חסרונות פון אַ פּיאָנערן־אַרבעט, אַן ערשטלינג־אַרבעט. און מיר ווילן האָפן, אַז ביי אַ צווייטער געלעגנהייט וועט ער זיך באַמיען אויס־פילן די בלויזן וועלכע ער, ווי אַן ערשטער און געוואָגטער עקספּאָנענט, האָט געמוזט לאָזן.

אגב, אַט־די אָפּהאַנדלונג איז אין כמות די גרעסטע אין בוך, זי אַנט־האַלט קאַרגע 20 ז"ז, בשעת די איבעריקע, די לענגסטע צווישן זיי, האַלטן ניט מער ווי 12, 13 ז"ז.

אָבער מיר וועלן פאַרדעם מאַכן אַ צאָל ראַנד־באַמערקונגען איידער מיר וועלן צוקומען צו אַט זיין לעצטער מאָנאָגראַפיע.

צום סוף פון בוך גיט אונדז דער מחבר זיין קורצע אויטאָ־ביאָגראַפיע אונטערן נאָמען „פון אַמאָל". דאָס איז אַ לעבנס־געשיכטע פון אַ מענטשן, וואָס הויזט ניט מיט דעם „מלוכהשן אָרום", רעכנט זיך ניט מיט זיינע גע־זעצן און „קאָנווענציאָנעלע ליגנס" און צאָלט דערפאַר אַ פּרייז, אין „זיצן" אין תפיסות אין מער ווי אין איין לאַנד.

דאָס איז אַ לעבן פון אַ רעוואָלוציאָנער, פון אַ קעמפער, וואָס רייצט

די אינדיקעס פון מאַכט און פון דער מיושבדיקער איינגעשטעלטער, רוטי־נירטער געזעלשאַפט.

ער האָט געמאַכט זיין דעביוט, געוואָרן רעוואָלוציאָנעריש בר־מצווה מיט איין יאָר שפּעטער ווי ער איז בר־מצווה געוואָרן.

דער מחבר איז געבוירן געוואָרן אין 1889 און אין 1903 האָט ער שוין פאַרזוכט דעם טעם פון דער קאַזאַקישער נאַגאַיקע, ד. ה., ער איז געטובלט געוואָרן אין ייסורים, אין ליידן פון אַ יונגן קעמפער, ווען ער איז אַלט געווען קוים 14 יאָר.

ערב רעוואָלוציע

אָט־וואָס ער שרייבט:

„מיר אַלע געהערן צו אַן עפּאָכע, וואָס האָט באַגייסטערט יונגע מייד־לעך און בחורימלעך צו פאַרלאָזן די שולן, בתי־מדרשים, אָרעמע און רייכע היימען, כדי זיך צו ווידמען אַן אידעאַל, פאַר וועלכן מע האָט באַדאַרפט קעמפן און גרייט זיין צו שטאַרבן" („קעמפער און דענקער", ז. 120).

— ושלחתי רעב בארץ.

דאָס בוך הייסט „קעמפער און דענקער". צוערשט האָט מען געקעמפט און ערשט שפּעטער האָט מען גענומען זיך גריבלען, זיך טיפן אין דער אידעאָלאָגיע, „גרייט זיין צו שטאַרבן" — און ניט צופיל זיך איבערלייגן פאַרוואָס אייגנטלעך איז מען גרייט אַוועקצוגעבן דעם לעבן.

מערקווירדיק וואָס דער מחבר פון חומש „שמות" האָט שוין געוווּסט פון דעם טיפן פּסיכאָלאָגישן שטריך, אַז די איבערגעגעבנקייט מיט לייב און לעבן צו אַ גרויסן פאַרכאַפנדיקן באַשטרעב קומט פאַרדעם און ערשט דערנאָך דאָס באַקענען זיך געגויער מיט זיין אינהאַלט און דרייסטן פאַר־מעסט. די יידן ביי מתן תורה, אַזוי שילדערט דער חומש־פּאַרפאַסער וואָרט־קינסטלער, האָבן געשטעלט דעם „נעשה" פאַרן „נשמע". קודם כל איז מען גרייט עס אויפצונעמען, אויסצופירן, קעמפן פאַר דער „הייליקער זאַך" און אַ סך שפּעטער וועט מען מאַכן אַ שטודיום פון דעם.

אַזוי האַנדלען ניט בלויז „עמא פזיזא ישראל", דאָס אימפּעט־פאָלק, וואָס יאָגט זיך, האָט קיין צייט ניט, נייערט אַלע רעוואָלוציאָנערן פון אַלע פעלקער און ראַסן האַנדלען אַזוי, ווייל עפּעס אַן אומבאַגרייפלעכע אומרו־איקייט באַצווינגט זיי און באַפעלט זיי צו האַנדלען „געפערלעך", צו לעבן געפערלעך, צו שטעלן דעם לעבן אין געפאַר, „אין קאָן" און גרייט זיין אים צו פאַרלירן, אָבער ניט צו פאַרשפּילן.

דאָס ווערט געטאָן, דוכט זיך, אינדיווידועל, אָבער אין דער אמתן איז עס אַ מאַסן־דערשיינונג. דאָס ווערט אונטערגענומען, כלומרשט, פריי־

ווילִיק, אָבער באמת איז דערביי פאַראַן אַ מין גייסטיקער צוואַנג וואָס די „עפּאָכע" איבט אויס אויפן יחיד.

אויך אָט־דעם מאָמענט פון אייגנאַרטיקן פרייען צוואַנג, וואָס ווערט אויסגעאיבט עפּעס פון אַ כוח וואָס שטייט ווי איבער אונדז און טויכט באמת אַרויף פון די טיפענישן פון דער מענטשלעכער פּסיכיק אין געוויסע פּראָ־ווידענציִעלע עפּאָכעס, ווערט געשילדערט אין מיטאָס וועגן מתּן־תּורה, מען האָט אויף זיי אַרויפגעלייגט, אָדער איבערגעבויגן איבער זיי, אַ גאַנצן באַרג: אָדער איר נעמט אָן די לערע, אָדער איר ווערט באַגראָבן אונטערן באַרג. ער וועט אייך פאַרשיטן.

די „עפּאָכע", דער גרויסער ערב רעוואָלוציע אין רוסלאַנד, וואָס איז געווען אפשר גרעסער, שענער, רייכער גייסטיק־נשמהדיק פון דער רע־וואָלוציע גופא, האָט געלאָזט מאַרשירן, מיט געזאַנגען אין האַרצן און פון די מיילער אַרויס, קיין סיביר, אין די קאַלטסטע פאַרוואָרפנסטע געגנטן, האָט געפירט אויף די באַריקאַדן ניט־וויסנדיק פון קיין שרעק, פון קיין פּחדנות, פון קליינלעכן עגאָיזם.

„מע האָט געליטן הונגער קעלט און... פאַרפאָלגונגען... מע האָט אַריינגעכאַפּט קלעפּ פון פּאָליציי און קאָזאַקן, געזעסן אין די תּפיסות, גע־גאַנגען פאַרשיקטע אין די ווייטע מקומות... תּמיד זינגענדיק מיט התלהבות... דאָס ליד איז געווען אונדזער תּפילה...

„אין די תּפיסות זיינען מיר פיזיש אויסגעוואַקסן און גייסטיק אויסגע־פורעמט געוואָרן" (דאָרט, ז. 121).

ווי געזאָגט, האָט די פּאָליציי אין אים פּרי „אַריינגעקלאַפּט" דעם רע־וואָלוציאָנערן גייסט און שטאַנדהאַפטיקייט.

„דאָס איז געווען אין אַ ווינטערדיקן פרייטיק־צונאַכט אין אָנהויב יאָר 1903, מע האָט מיך אַרעסטירט מיט אַ פּעקל בראָשורן אונטער דעם אָרעם, וואָס איך האָב באַדאַרפט דעם אָוונט איבערגעבן אַ חבר. מע האָט מיך געבראַכט אין דער... פּאָליציי־סטאַנציע. דעמאָלט האָב איך צום ערשטן מאָל דערפילט די שמיץ פון אַ קאָזאַקישער נאַגייקע אויף מיין לייב...

„סקאָזשי!" (זאָג)... ווער האָט דיר דאָס פּעקל געגעבן" (דאָרט ז. 26).

דער יונגער העלד מאַרטירערליידט און שווייגט און אויב ער רעדט, לייקנט ער שטיין און ביין. ער האָט דעם פּעקל געפונען. ער ווייסט ניט וואָס דאָס פּעקל אַנטהאַלט.

„מע האָט געקאָטעוועט, אַז עס איז געווען אַ שרעק, מיינע קולות זיינען זיכער דערגאַנגען צום זיבעטן הימל און ווען עס איז ניט שבת, ווען דער הימל איז געשלאָסן, וואָלטן געוויס מיינע קולות דערהערט געוואָרן". (דאָרט).

עס איז סוף 1903. דער פערצניאָריקער קעמפער איז שוין אַ פּאָליטישער עמיגראַנט. ער געפינט זיך אין פּאַריז.

ער איז אַ לערניינגל, באַקומט אַ האַלבן פראַנק אַ טאָג.

„אום צו קאָנען אויסקומען האָט מען געמוזט פּראַצעווען ווי די יידן ביי פרעהן אין מצרים, אמתדיקע עבודת־פּרך". (דאָרט ז. 129).

ער נעמט באַלד אַרבעטן ביי זיין פאַך לעדער־אַרבעט. און אַלס אָנ־פאַנגער באַקומט ער שוין 12 פראַנק אַ וואָך. (דאָרט ז. 130).

אין פּאַריז ווערט ער אַן אַריינגייער אין הויז פון מ. קאָרן און איר מוטער. ער קומט צו דער אַנאַרכיסטישער געזינונג.

מ. קאָרן איז פרוי מאַרי גאָלדשמיט, אַ ווונדערבאַרע פּערזענלעכקייט, וואָס ש. יאַנאָווסקי האָט צוגעצויגן און זי באַווירקט צו נעמען באַטייליקן זיך אין דער „פ. אַ. ש." און אין דער „פרייע געזעלשאַפט" אין וועלכער (פ.א.ש) זי האָט יאָרן לאַנג פאַרעפנטלעכט פּאָליטיש־טעאָרעטישע בריוו פון פראַנקרייך.

ער האָט זיך אויך באַקאַנט מיט איינעם, וואָס איז יאָרן שפּעטער געווען זייער פּאָפּולער אין דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור מיט זיינע ציגיינער־מעשיות.

„דער ערשטער יידישער חבר, מיט וועמען איך האָב זיך באַקענט, איז געווען אַ רומענישער מיט דעם נאָמען בערקאָוויטצי, אַ היטל־מאַכער פון פאַך... ער האָט זיך... אָפּגעגעבן מיט פאַרשפּרייטן אַנאַרכיסטישע ליטע־ראַטור און צייטונגען... ווו אַ מיטינג אָדער אַ רעפעראַט, דאָרט איז ער געווען מיט זיין פּעקל, און ער האָט מיך מיטגענומען, און מיט דער צייט בין איך געוואָרן זיין רעכטע האַנט". (דאָרט ז. 131).

קאָנראַד בערקאָוויטצי איז געבוירן געוואָרן אין 1882. ער איז געווען עלטער פון מחבר מיט זיבן יאָר. ער האָט אימיגרירט קיין אַמעריקע אין 1916. צווישן זיינע ענגלישע ווערק פאַרנעמט אַן אַנגעזעענעם פּלאַץ זיין אויטאָביאָגראַפיע „דאָס איז דער ציגיינער אין מיר" דערשינען אין ניו־יאָרק אין 1941.

ער האָט געהערט צו די יוגנט „שטימונג־אַנאַרכיסטן „חטאות־נעורים" אָדער נויט־„עמיגראַנטן־אַנאַרכיסטן". ווי נאָר ער האָט זיך איינגעבירגערט און זיך גוט איינגעאָרדנט, האָט ער פאַרלאָזן דעם אַנאַרכיסטישן לאַגער.

אין יעדער ראַדיקאַלער באַוועגונג זיינען פאַראַן אַזעלכע צייטווייליקע יוגנטלעכע מיטלויפערס, „אויפברויז־פּראָטעסטאַנטן" אָדער אויפשטענדלער.

דער מחבר איז מער באַווירקט געוואָרן פון מ. קאָרן מיט איר שטאַנד־האַפטיקן כאַראַקטער און טיפע פעסטע איבערצייגונגען, וואָס זיינען פון אַ יישוב־הדעתדיקן גוט־דורכגעטראַכטן כאַראַקטער.

דער מחבר איז אַ ראַציאָנעלער ניט בלויז עמאָציאָנעלער אַנאַרכיסט.

עקספּראָפּריאַציעס קליינע און גרויסע

דער מחבר, באַשרייבנדיק זיינע דערפאַרונגען, פּרובירט באַלייכטן זיי אידעאָלאָגיש און קומט צו מסקנות, וואָס זיינען ניט געווען אין איינ־קלאַנג מיט דעם געדאַנקען־גאַנג און אויך האַנדלונגען פון דעם מחברס נאָענטע חברים. געוויסע רייבונגען פון אַן אידעאָלאָגישן באַטייט זיינען אומפאַרמיידלעך ווו עס איז בנמצא אַ ברייטער מיינונג־פאַנאַנדערגאַנג.

אין די ערשטע חדשים פון יאָר 1906. ער איז אינגאַנצן אַלט 17 יאָר, קומט ער מיט אַ טראַנספּאָרט אומלעגאַלע בראָשורן געשיקט פון פּאַריז צו די פּוילישע חברים.

דער אָנפאַנג פון 1906 איז דער טראַגישער אויסגאַנג פון דעם באַוואָפנטן אויפשטאַנד אין מאָסקווע (1905), וואָס איז דערטרונקען געוואָרן אין בלוט. דאָס לאַנד איז אויפגערודערט, די אייזערנע לאַפּע פון דער רעאַקציע האָט נאָך ניט באַוויזן אינגאַנצן צו דערשטיקן דעם אויפשטאַנד־אויפרודער אין לאַנד, דערהויפּט אין פּוילן ווו די קאַמף־גרייטקייט האָט זיך גענערט פון צוויי קוואַלן, אי פון אַ פּראָלעטאַרישן און אי פון אַ נאַציאָנאַלן.

„די עקספּראָפּריאַציע־קראַנקהייט האָט געשלאָגן טיפע וואָרצלען. דאָס איז געווען דער טיפער פּסיכאָז פון דער צייט און אומשטענדן". (דאָרט ז. 135).

דער גרויסער שטורם־קנויל האָט זיך צעדריבלט אויף דינע נעבעכדיקע פּעדימלעך. און דער גרויסער לאָזונג־רוף „עקספּראָפּריאַציע פון די עקס־פּראָפּריאַטאָרן", וואָס האָט פאַר זיין פאָטער ירמיהן, דעם נביא לגוים מיט זיין זאָג „און דיינע ראַבירער וועלן ראַבירט ווערן און דיינע פּלינ־דערער וועלן געפּלינדערט ווערן" (ל', ט"ז), האָט זיך אויסגעביטן „אויף קליין־געלט" זיך אויסגעדריבט אין פּריוואַטע קליינלעכע עקספּראָפּריאַציעס. „דאָס איז אין אַלגעמיין דעמאָלט געווען די פּראַקטיק אויך פון די אַנדערע פּאָליטישע פּאַרטייען". (דאָרט, ז. 134).

„איך האָב זיי (די חברים) דעמאָלט געראָטן זיך אָפּצוטרייסלען פון דער טאַקטיק, בעסער זיך אָפּגעבן מיט לערנען און שטודירן דעם אַנאַרכיס־טישן וועלט־באַנעם, כדי זיי זאָלן וויסן פאַרוואָס זיי קעמפן און ליידן". (דאָרט, ז. 134).

אָבער אָט־די צוויי זאַכן „וויסן" און „קעמפן" גייען ניט תמיד צוזאַמען געאָרעמט דורכן פּריוואַטן און געזעלשאַפטלעכן לעבן. אויף קידוש השם זיינען געגאַנגען לאָוו־דווקא גרויסע לומדים, נאָר פּשוטע יידן, וואָס האָבן קוים געקאָנט „אַ שייטל עברי".

ניט די סעקסאָלאָגן, פּסיכאָלאָגן זיינען די הייסטע איבערגעבנסטע פאַרליבטע, וואָס זיינען גרייט אָוועקצוגעבן זייער לעבן פאַר זייער דולציניע,

נייערט דווקא די דאַנקיכאָטן, וואָס ווייסן ווייניק וועגן די טעאָריעס פון ליבידא און ליבע.

„ווייל דער קרייז איז געווען... אויסגעשפּראָכן קעגן קולטורעלער אַרבעט, — 'מיט קולטור מאַכט מען ניט קיין רעוואָלוציע' — איז געווען זייער מאָטאָ. מיך האָבן זיי גערופן 'דער קאַבינעטנער אַנאַרכיסט'. צו מאַכן פּראָפּאַגאַנדע מוז מען האָבן געלט. ביי די אָרעמע אַרבעטער קאָן מען דאָס ניט פּאַרלאַנגען, דאָס קאָן מען נאָר נעמען ביי די רייכע גנבים".
(דאָרט, 132—134).

די גרעסטע טראַגעדיע פון דער מענטשהייט איז אָט־די אומגליקלעכע דיקאָטאָמיע: די וואָס ווייסן, זיינען ניט גרייט צו קעמפן, פאַרמאָגן ניט קיין קאַמפלוסט און די וואָס קעמפן, ווייסן ניט פאַרוואָס זיי קעמפן. זייער ווייניק מענטשן, בלויז געציילטע אויסדערוויילטע, פאַרמאָגן ביידע זאַכן אי מסירת־נפשדיקע איבערגעבנקייט, אי אַ באַהאַוונטקייט, טעאָרעטיש וויסן פון דער זאַך פאַר וואָס זיי קעמפן.

דער מחבר גיט איבער אייניקע עפּיזאָדן און ציינט אָן, אַז ער האָט אויף אַ פרידלעכן אופן געקראָגן דאָס, וואָס די חברים וואָלטן באַקומען ערשט דורך טעראָריזירן די בעל־דברס, אַזוי אין אַ רעדאַקציע אַזוי אין אַ טעאַטער.

די מעשה איז אָבער די, וואָס די איינצלנע פאַלן באַווייזן ווייניק. די אייגנטימער זיינען נאָכגעקומען זייערע בקשות דערפאַר, וואָס זיי האָבן גוט געוווּסט אַז אויב זיי וועלן ניט געבן מיט גוטן צום גוטן חבר וואָס בעט, וועלן ביי זיי דאָס נעמען מיט בייזן די „שלעכטע" חברים, וואָס בקשה'־ווען ניט, נייערט קומען באַוואָפנט און נעמען.

אַ הון „גיט" שמאַלץ און יעדער בירגער צאָלט „פּרייווויליק" שטייער, וויסנדיק אַז אויב ער וועט ניט קומען אַליין און באַצאָלן, וועט מען קומען צו אים און נעמען און עס וועט קאָסטן טייערער.

אַזוי, אַז די פּאָרביישפּילן וואָס דער מחבר ברענגט קאָנען קיינעם, וואָס האַלט יאָ פון עקספּראָפּריאַציע, ניט איבערצייגן אין דער ריכטיקייט פון זיין טאַקטיק.

בכלל גענומען ווערן טאַקטישע פראַגן געלייזט לויט די אומשטענדן, לויט דער צייט און דעם אָרט, און ניט אַבסטראַקט פּרינציפּיעל.

„מיר האָבן פאַרקויפט אַ היפּשע צאָל בילעטן און מיר האָבן אַריינ־באַקומען אַ שיינע פּאָר רובל... די וואַרשעווער חברים האָבן דעם אופן פון שאַפן געלט געהאַלטן פאַר אַ קליין־בירגערלעכן. און די אונטערשטע שורה איז געווען, דאָס איך האָב זיך פון זיי אָפּגעטרייסלט און בין פון זיי אַוועק, און זיי זיינען, מיט אַ קורצער צייט שפּעטער, אַלע אַרעסטירט און צעשאָסן געוואָרן" (דאָרט, ז. 138).

איך וואָלט צושטעלן די ווערטער:

ערע דעם אָנדענק פון די קעמפער מאַרטירער! אויף זייער אומבאַקאַנטן קבר לייגן מיר אַ קראַנץ רויזן.

דער מחבר גייט אָן מיט זיינע זכרונות. ער גייט דורך געפענקעניש (הגם ער איז כמעט אַ פרידלעכער, כאָטש ניט קיין פולער טאָלסטאָיאַנער, אַנאַרכיסט) אין פאַרשיידענע לענדער ביז ער קומט אָן אין מעקסיקע און פון מעקסיקע פּעקלט ער זיך אַריבער קיין קאַליפאָרניע, לאָס־אַנגעלעס, ווי ער איז טעטיק ביז אויף היינטיקן טאָג.

מיר וועלן אים ניט נאָכפאָלגן. די זכרונות זיינען לייכט דערציילעריש שפאַנענדיק געשריבן און יעדער לייענער וועט זיך מיט זיי באַקענען אָן אונדזער דערמוטיקונג.

מיר וועלן זיך, אָבער, אָפּשטעלן אויף אייניקע אידעאָלאָגישע פונקטן.

דער ערשטער וועלט-קריג

עס האַנדלט זיך וועגן דער ערשטער וועלט־מלחמה 1914 און די שטעלונג צו איר. דער אַנאַרכיסטישער לאַגער, ווי אויך דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער און סאָציאַל־רעוואָלוציאָנער, האָט זיך געשפּאָלטן. פּיאָטער קראָפּאָטקין איז געווען דערפאַר, אַז מע זאָל קעמפן פאַר רוסלאַנד און אירע אַליאירטע קעגן דייטשלאַנד. די מערהייט פון די אַנאַרכיסטן אין רוסלאַנד און אין אויסלאַנד, צווישן זיי מאַלאַטעסטאַ, ראָקער און פילע אַנדערע פּראָמינענצן, זיינען געווען קעגן אָט־דער שטעלונג. דער מחבר איז, הפּנים, געווען איינפאַרשטאַנען מיט קראָפּאָטקינען, און ער גיט איבער, אַז אין 1949 האָט ראָקער אין זיינעם אַ רעפעראַט אין לאָס־אַנגעלעס זיך געשלאָגן „על חטא” פאַר זיין פונאַנדערגיין זיך מיט קראָפּאָטקינען אין 1914—1918.

„איך האָב וועגן זיין שלאָגן זיך חטאתי בנוגע זיין טעותדיקער שטעלונג צו דער מלחמה בכלל און לגבי פּ. קראָפּאָטקינען, בפרט, געשריבן אין דעם מאַי־נומער ׳פ.אַ.ש.׳ פון 1949”. (דאָרט, ז. 174).

ראָקער, פאַרשטייט זיך, איז געווען אין פולן רעכט צו בייטן זיין קוק אויף זאַכן. אָבער איך קאָן דאָך ניט זען מיט וואָס די וויטערדיקע געשיכטע פון דייטשלאַנד האָט באַשטעטיקט און רעכטפאַרטיקט קראָפּאָטקינס שטעלונג אַזוי, אַז מיר, וואָס זיינען געווען דעפיטיסטן און קעגנער פון נעמען אָן אָנטייל אין דער מלחמה אויפן צד פון רוסישן צאַר, זאָלן זיך דאַרפן פילן ווי „זינדיקע”, אָדער ווי די, וואָס האָבן ניט ריכטיק געשטעלט דעם פּאָליטישן דיאַגנאָז און פּראָגנאָז.

די פראַגע איז געווען היפש קאָמפּליצירט און פאַרוויקלט.

ווילהעלם־דייטשלאַנד איז זיכער געווען אַ גרויסער רעאַקציאָנערער כוח, ווען פאַרגליכן מיט ענגלאַנד און פראַנקרייך. אָבער דאָס צאַרישע רוסלאַנד איז געווען נאָך רעאַקציאָנערער, און מיר האָבן געגאַרט נאָך אַ רוסישער צאַרישער מפלה. קיינער פון אונדז איז ניט געווען פאַר אַ דייטשן זיג. אויסער די דייטשע פּאַטריאָטן. אויבערפלעכלעך האָט אויסגעזען, אַז רוסלאַנדס מפלה מוז ברענגען צו דייטשלאַנדס ניצחון. אָבער דאָס איז געווען אַ פאַטאַלער טעות. און די געשיכטע האָט באַוויזן, אַז ביידע רעאַקציאָנערע רעזשימען זיינען צעשמעטערט געוואָרן. זיי האָבן זיך קעגנזייטיק אומגעבראַכט. אָבער זייער ביידנס אומקום האָט קיין גרויסע סאָציאַלע גליקן ניט געבראַכט. אין רוסלאַנד האָט זיך צעבליט סטאַליניזם און אין דייטשלאַנד היטלעריזם.

איז מיט וואָס איז קראָפּאָטקינס שטעלונג רעכטפאַרטיקט געוואָרן? ער האָט געטענהט, אַז מע מוז צעשלאָגן דייטשלאַנד מיט איר מיליטערישער אומגעהויער מאַכט? איז דאָך עס געטאָן געוואָרן. אָבער די מפלה האָט ז' גאָרניט אויסגעלערנט. נאָך דעם ווי דער דייטשער מיליטאַריזם איז צעהרגעט געוואָרן איז ער אויפגעשטאַנען צו תחית־המתים און געוואָרן נאָך ווילדער, גרויזאַמער, חיה־רעהדיקער.

די געשיכטע האָט אַרויסגעטראָגן איר ריכטיקן פּסק־דין, פאַרדאַמט ביידע רעזשימען, סיי ווילהעלמס און סיי ניקאָלאַיס, אָבער גלייך קיין ישועה איז פון דעם ניט אַרויסגעקומען. אַ הידרע האָט זיבן קעפּ, אָפּהאַקן איין קאָפּ איז ניט גענוג.

ווילהעלם האָט זיכער אויסגעזען צו זיין אַ מילדערער גזלן ווי ניקאָלאַי. און מיר האָבן ניט געקאָנט גיין קעמפן אין ניקאָלאַיס אַרמיי קעגן ווילהעלמס אַרמיי. די שוואַרצע מפלה האָט געדאַרפט קומען אויף ביידן, און זי איז געקומען, אָבער ניט אין אַ גענוגנדיקער מאָס, הפּנים.

וועגן אינטעראינדיווידואַליזם

ווי שוין דערמאָנט אויבן, האָט דער מחבר זיך אָנגענומען מיט מוט און אָנגעשריבן אַ מאָנאָגראַפיע וועגן אינטעראינדיווידואַליזם. ער טוט עס ניט אָן קווענקלעניש, ווייל ער באַגרייפט, אַז זיין אויפגאַבע וועט אים אָנקומען שווער דורכצופירן.

„אבא גאָרדין איז אָן שום ספק היינט צו טאָג... די דיסקוטירבאַרסטע געשטאַלט... אין דער יידישער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג... שרייבן וועגן אים איז געוויס ניט פון די לייכסטע אויפגאַבעס, וואָס איך האָב אויף זיך גענומען". (דאָרט, ז. 102).

„הגם אַבאַ גאָרדין איז שוין ווייט ניט קיין אומבאַקאַנטער, סיי אין

דער יידישער קולטורעלער וועלט און סיי אין דער יידישער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג... דאָך איז דאָס שרייבן וועגן אים ניט פון די לייכטע זאַכן. און אפשר טאַקע דערפאַר וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן אַ סך ווערק, וואָס עס איז ניט לייכט צו לייענען.

הגם דעם אמת זאָגנדיק, דער פאַרלאַנג צו שרייבן... וועגן אים... וואָ־רימט זיך שוין לאַנג אין מיין ברוסט־קאַמער. עס האָט מיר, אָבער, לא עליכם געפעלט, צו ערשט, די געוואַגטקייט, און, שנית, האָט מיר אויך געפעלט דער נויטיקער מאַטעריאַל..." (דאָרט, זז. 102—103).

בנוגע „געוואַגטקייט" האָב איך דעם מחבר דערמוטיקט ער זאָל עס טאָן און איך האָב אויף דעם קיין חרטה ניט. זיין אָפּהאַנדלונג איז אַדורכ־געטראַכט, הגם ניט פול, אָבער, ווי געזאָגט, ער איז אַ פּיאָנער און ער פאַרדינט, אַז מע זאָל אים פאַרגעבן, נעמענדיק אין באַטראַכט די שווע־ריקייט פון איבערגעבן אַ שיטה אין אַ קורץ געפאַסטן עסיי. מיר גופא וואָלט אַזאַ פּרעציזע עקספּאָזע ניט אָנגעקומען לייכט.

„צום ערשטן מאָל האָב איך געהערט דעם נאָמען גאָרדין אין יאָר 1922 אין מאָסקווע... אָבער עס איז ניט געווען א. גאָרדין, בייערט... די 'בראַטיאַ גאָרדין', ווי מען האָט זיי דאָרט גערופן". (דאָרט, ז. 104).

זיי האָבן געהאַט זייער... פּראָגראַם: 'דער פינף בונד' — די פינף באַ־וווּלטע פון דער געזעלשאַפט". (דאָרט, ז. 106).

דאָ איז דער מחבר צו קורץ. ער דערקלערט ניט ווער זיינען עס די פינף באַליידיקטע אין אונדזער היינטיקער געזעלשאַפט.

וועל איך עס טאָן פאַר אים.

דער אַרבעטער איז ניט דער איינציקער קעמפער קעגן דער היינטי־קער רשעות־וועלט, און עס האָט ניט קיין זינען און עס איז ניט קיין יושר איינצופירן אַ דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט און מיינען, אַז דער אַרבעטער אַליין איז בכוח פאַנאַנדערצוּוויקלען דעם קנויל פּראָבלעמען, וועלכן די געזעלשאַפט דאַרף פאַנאַנדערפּלאָנטערן.

איך וועל ציטירן וואָס מיר, ברידער א. און וו. גאָרדין, האָבן געשריבן וועגן אָט־דעם ענין. (אונדזערע חיבורים, ז"ז 11—12, ווילנע, 1912):

„די היינטיקע געזעלשאַפט האָט, לפי אונדזער וויסן, פינף באַליידיקטע: פּראָלעטאַריאַט, איטעריטאָריאַליאַט (פעלקער, וואָס פאַרמאָגן ניט קיין טע־ריטאָריעס אָדער גאָר קליינע טעריטאָריעס און שפּירן אַ שטאַרקן מאַנגל אין לאַנד, אָדער געפינען זיך אונטער אַן אימפּעריאַליסטישן קאָלאָניאַלן יאָך), פרויענשאַפט, 'יחיד' און יונגוואַרג. זיי זיינען דער פינפלינג פון סאָציאַלן פּראָגרעס. יעדער פון זיי איז אַ טרעגער פון אַן אידעאַל... זיי ליגן אין פאַרשיידענע תחומים פון דער סאָציאָלאָגיע, זיינען זעלבסט־שטענדיק, געפינען זיך, אָבער, אין אַ געוויסער אויסטויש־שייכות. אפּאַ־

מיליזם איז די פֿאַרניכטונג פֿון דער סאָציאַלער פֿאַמיליע — אפֿאַמיליזם באַקעמפֿט, על כּן, דאָס מיסברויכן די ביאָלאָגישע סעקסועלע אונטערשיידן פֿאַר אַ יסוד צו בויען אויף זיי אומיושרדיקע, אומעטישע סאָציאַלע אומגלייכהייטן בצורת שטוב־ווירטשאַפֿט און שטוב־דערציונג. אאימפּעריומיזם (דאָס איז אָנגעגעבן ווי דער אידעאַל פֿון „יחיד״, „אאימפּעריומיזם״ איז אַנאַרכיזם אַנדערש טערמינאָלאָגיזירט מחמת צענזור־באַדינגונגען אין צאַרישן רוסלאַנד) הייסט אָפּשאַפֿן דאָס צוואַנג־רעכט. די רייך־אינדיווידואַליזירטע פּערזענלעכקייט דולדעט ניט קיין העטעראָנאָמיע (פֿרעמד געזעץ), עס וויל זיך אויפֿפֿירן לויט זיינע איבערצייגונגען אומגעשטערט. די פֿאַרהעלטענישן פֿון יחיד צום יחיד, פֿון יחיד צו דער געמיינשאַפֿט, פֿון געמיינשאַפֿט צו געמיינשאַפֿט, ווערן רעגולירט דורך קאָנווענציאָנעלע סאָציאַלע נאָרמעס: מנהגים, מאָראַל און ראַט־רעכט. די פֿאַרקלענערונג פֿון שטראָפֿן, די באַגרענעצונג פֿון דער קרימינאַל־קאָדעקס ספֿער, ערן־געריכט, בוררים־משפּטים און אַז. וו. זיינען עטאַפּן אויף דעם וועג.

סאָלידאַריטעט פֿון אַלע באַליידיקטע

די עקזיסטירנדיקע רשעותן וועט קיינער ניט באַזייטיקן אינגאַנצן אין איינצל־קאַמף, נייערט מיט פֿאַראייניקטע כּוחות פֿון גאַנצן פֿינף־בונד... דער פֿינפֿלינג נעמט אַרום די גאַנצע געזעלשאַפֿט. זיינע אידעאַלן זיינען די אידעאַלן פֿון דער גאַנצער מענטשהייט.

דער בילדלעכער אויסדרוק פֿון פֿינף־בונד אידייע איז דער יונגמענטש, אַ וויזיאָנערע דראַמע אין פֿערזן דערשינען אין יאָר 1913.

„קאָסמיזם הייסט אינטערנאַציאָנאַליזירן די טעריטאָריעס, די געזעלשאַפֿטלעכע באַזעס״. (ספֿר אל הגולה, ז. 18, ווילנע 1909).

„דער קאָסמיזם איז דער איינשטעל, ביי וועלכן ס'זיינען ניט פֿאַראַן קיין טעריטאָריעלע זכיות; אַלע פֿעלקער ווערן קאָנסטרואירט לויטן געמיינדע־פּרינציפּ... קיין שום פֿאָלק האָט ניט קיין רעכט צו פֿאַרוואַלטן אַ צווייטן פֿאָלק. קיין שום לשון, קיין שום שולע האָט ניט קיין באַזונדערע פּריווילעגיעס״. (אונדזערע חיבורים, ז. 10, 1912).

„אפֿאַרמיזם פֿאַרניינט דאָס רעכט פֿון אַלטן דור גייסטיק צו באַווירקן דעם יונגן־דור דורך שולע־בילדונג, באַטראַכטנדיק זי ווי אַן אָרגאַניזירטער גייסטיקער צוואַנג. די צופּאַסונג־שולע איז דער שטאַנדפּונקט פֿון דער יונגוואַרג״. (דאָרט, ז. 8).

„די נייע פּעדאַגאָגיק טיילט אָפּ דערציונג פֿון בילדונג, וויל האָבן, אַז דער אויפֿוואַקסנדיקער דור זאָל דערצויגן ווערן, ניט געבילדעט ווערן, ד. ה. צוגעפּאַסט ווערן צום לעבן, צו דער פֿיזישער און סאָציאַלער סביבה און

באין־אופן ניט צו דער אידעאָלאָגישער סביבה, צו דער אידייען־וועלט, צו דער ריין־גייסטיקער קולטור". (דאָרט, ז. 6).

ניט אַן רעכט שרייבט דער מחבר פ. גדליה:

„מיט דעם בליאַסק פון די ערשטע פונקען פון דער רעוואָלוציע, אויף וועלכער זיי האָבן מיט אַ ליידנשאַפטלעכן אייפער געוואַרט, זיינען זיי... געקומען אין די קרוין־שטעט פעטערבורג און מאָסקווע, טראָגנדיק מיט זיך, אונטער דעם אָרעם, זייער גייסטיקן באַגאַזש, אַ פּאַרטיקן 'אני־מאמין', וועלכן זיי האָבן שוין לאַנג פון פריער אויסגעאַרבעט, צוגעגרייט. זיי האָבן נאָר געוואַרט אויף דעם געבענטשטן טאָג, וואָס דאַרף און מוז לויט זייער נביאישער אינטואיציע קומען, ווי דער אומפאַרמיידלעכער קלימאַקס פון דער מלחמה 1914—1918. (קעמפער און דענקער, ז. 108).

אַ שאָד, וואָס דער מחבר גיט אָפּ צייט און פּלאַץ אין זיין אָפּהאַנדלונג אויף פירן אַ פּאָלעמיק מיט די דאָגמאַטיקער פון דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג. ער לאָזט זיך אַריין צופיל אין אַפּאָלאָגעטיק, אין כשרן דעם אינטעראינדיווידואַליזם, אים פּראָפּאַגאַנדירן. לויט מיין פאַרשטיין נאָך, וואָלט ער פיל מער דערגרייכט, ווען ער גיט אָפּ זיין מי און דעם פּלאַץ אין דער אָפּהאַנדלונג אויף אַרויסצוברענגען אין מער רעליעף און דעטאַל די פּרינציפּן פון אינטעראינדיווידואַליזם ווי אַן אינטעראינדיווידאָלאָגיע, וואָס קומט דערגאַנצן די סאָציאָלאָגיע, ווי אַ וויסנשאַפט, ער האָט באַדאַרפט אונטערשטרייכן וואָס קלערער אין וואָס דער אינטעראינדיווידואַליזם גייט זיך פאַנאַנדער מיטן מאַרקסיזם, סאָציאַליזם־קאָמוניזם און די קלאַסישע שולן פון אנאַרכיזם, דערהויפּט פון קראָפּאָטקיניזם און אַנאַרכאָ־סינדיקאַליזם.

ער באַרירט אינגאַנצן ניט די פראַגע פון קלאַסן, פון שותפות־אייגנטום, ווי אויך די טאַקטישע פראַגן, דהיינו, די „אוזורפּאַציע פון די אוזורפּאַטאָרן", וואָס דער אינטעראינדיווידואַליזם האָט געשטעלט ביי דער זייט פון דער „עקספּראָפּריאַציע פון די עקספּראָפּריאַטאָרן". ער האָט אינגאַנצן דורכגעלאָזן די עקאָנאָמישע לערע, וואָס דער אינטעראינדיווידואַליזם אַנטוויקלט און רופט זי אַן „סאָציאָלאָגישע עקאָנאָמיע" קעגן מאַרקסעס „פּאָליטישע עקאָנאָמיע", וועלכע ער שטעמפּלט ווי „בוכהאַלטערישע", ווייל זי האַלט זיך אויף דער אויבערפלאַך און דעקט ניט אויף די סאָציאָלאָגישע גרונט־יסודות פון אָרגאַניזירטע קעגן אָרגאַניזירטן, וואָס זיינען אין איר פאַרקערפּערט.

ער האָט אויך ניט אָנגעוויזן אויפן עיקר פון אינטעראינדיווידואַליזם, וואָס באַשטרעבט זעלבסט־אָרגאַניזאַציע און שטעלט אויף דעם דעם טראָפּ.

ער צייגט אויך ניט אָן, אַז אינטעראינדיווידואַליזם טרויט ניט הן דער מלוכה און הן דער געזעלשאַפט, ווייל ביידע, סיי בשותפות, סיי יעדע באַזונדער פאַר זיך, אונטערדריקן דעם יחיד, און ער אַנערקענט

בלויז די פאַראייניקונגען, אין וועלכע דער יחיד פאַרבינדט זיך מיט די איבעריקע יחידים ווי אַ גלייך־באַרעכטיקטער און גלייך־סיטואירטער, איווירטשאַפטלעך און אי פּאָליטיש, מיטגליד.

ער האָט אינגאַנצן ניט אויסגענוצט מיינע ווערק „סאָציאַלע אַבער־גלויבעריי און קריטיק" און „די יסודות פון דער געזעלשאַפט", וואָס אין זיי ווערט דער אינטעראינדיווידואַליזם ווי אַ טעאָריע בעאַרבעט.

ער באַרירט לייכט מיין ווערק „יידישע עטיק" און די לערע וועגן זעלבסט־גלויבן, וואָס געהערט אייגנטלעך מער צו עגאָסאָפיע, עגאָלאָגיע, ווי צו אינטעראינדיווידאָלאָגיע. עס איז מער אַ פּסיכאָלאָגיש פילאָזאָפישער באַנעם, ווי אַן אינטעראינדיווידאָלאָגישער.

איך האָב דעם מחבר אויף דעם אויפמערקזאַם געמאַכט און ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער וועט אָנשרייבן אַ צווייטע אָפּהאַנדלונג וועגן אינטער־אינדיווידואַליזם אין וועלכער ער וועט צעאַקערן דאָס פעלד פון סאָציאַל־פאָרשונג טיפער.

איך האָף, ער וועט זיין צוזאָג האַלטן. פאַר אַן אָנפאַנג האָט ער אויפ־געטאָן זייער פיל.

און ער פאַרדינט אַ וואָרט פון דערמוטיקונג און אַ חברישן יישר־כוח, פון מיר, ווי פון דעם טאַטן פון אינטעראינדיווידואַליזם.

און אַ גאָר האַרציקן דאַנק און חברישן האַנטדרוק קומט דעם מחבר פאַר אָנווייזן זייער זאַכלעך, אַז דער אינטעראינדיווידואַליזם גרונדפעס־טיקט טיף אין דער אַנאַרכיסטישער טעאָריע און איז דירעקט, אין זיין הויפּט־טעזיס, פאַרבונדן מיט גאָדווינען, דעם פאָטער פון דעם ריינעם אַנאַרכיסטישן באַנעם.

שרייבנדיק וועגן גאָדווינען באַטאָנט דער מחבר, פּ. גדליה, אַז דער הויפּט־פּרינציפּ פון גאָדווינס לערע איז דער באַנעם און די פאָדערונג, אַז עס דאַרף און זאָל געשאַפן ווערן אַ „פעדעראַציע פון יחידים", וואָס איז אַן אינטעראינדיווידואַל בלויז אַרויסגעבראַכט אין אַנדערע טערמינען.

מיר וועלן ברענגען אַ ציטאַטע פון בוך „קעמפער און דענקער":

„אין קעגנזאַץ צו דעם אָנגענומענעם מיטאָס פון אַ פלאַנמעסיקער אָר־גאַניזירטער פּאָליטישער מאַשין, אונטער וואָס פאַר אַ פאָרם אָדער פּנים זי זאָל זיך ניט פאָרשטעלן, פּאַרטיי, קירך, שטאַט אָדער אפילו סינדיקאַט, האָט ער (וויליאַם גאָדווין) פאָרגעשלאָגן, זיין סאָציאַל־פילאָזאָפישן אני מאמין: ‚די פעדעראַציע פון יחידים'. דער קאַמף פאַר אָדער לטובת הכלל קאָן נאָר דעמאָלט זיין אַ ווירקלעכקייט, האָט ער אָנגעוויזן, ווען די פריי־הייט פון דעם יחיד, זיין פרייער אויסוואַל פון אַסאָציאַציע, וועט זיין פאַר־זיכערט. (זז. 8—9).

נאָך אַ ציטאַטע:

„אָט וואָס עס שרייבט דער איטאַליענישער חבר ס. זאַקאַריאַ אין זיין נאָר וואָס אַרויסגעגעבענער בראָשור: 'ווילִיאַם גאָדווין, דער קאָנסטרוקטאָר פון דער פעדעראַציע פון יחידים'.״

וואָס אָנבאַלאַנגט מיך, האָב איך ערשט איצט און אויף דאָס ניי אַנט־דעקט גאָדווינען. אין דעם אינהאַלט פון זיין גרויסן ווערק האָב איך ערשט איצט אויסגעפונען דעם ריכטיקן און פולקאָמען אַנאַרכיסטישן וועלט־באַנעם'...״ ז. 11).

דאָס איז מיט אַנדערע ווערטער אינטעראינדיווידואַליזם, וואָס שטעלט דעם טראָפּ אויף דעם יחיד און זיינע באַוווסטזיניקע און פרייע פאַרבינ־דונגען מיט גלייך־באַרעכטיקטע יחידים.

צי דער מחבר, חבר פּ. גדליה, האָט עס געטאָן מיטן אַן אויסגערעכנ־טער כוונה, ווייס איך ניט, אָבער עס צייגט זיך, אַז אַרכיטעקטאָניש איז דאָס בוך „קעמפער און דענקער״ פיין אַרויסגעקומען: עס הויבט אָן מיטן גרונטפּרינציפּ פון אַנאַרכיזם, וואָס איז די „פעדעראַציע פון יחידים״, וואָס איז דאָס אייגענע וואָס מאַקס שטירנערס „פאַרבאַנד פון עגאָיסטן״, פון אינדיווידן. אַן אינדיוויד, וואָס טרעט אַריין אין אַן אַסאָציאַציע מיט אַנדערע אינדיווידן־„עגאָיסטן״ קאָן ניט בלייבן אינדיווידואַליס־טיש־עגאָאיסטיש, ער מוז, לויט זיין פּריוויליקער האַנדלונג, ווערן אינטעראינדיווידואַליסטיש, ער ווערט אַ באַטייליקטער שותף פון אַן אַסאָציאַציע, ניט קיין מיטגליד אין אַ געזעלשאַפט און אוודאי ניט קיין חבר אי אַ פּאַליטישער פּאַרטיי מיט אַ צענטראַל־קאָמיטעט, אין וועלכער ער, דער יחיד, ווערט פאַרלאָרן, ווערט צעריבן, ריכטיקער, צעקייט און אַראָפּגעשלונגען. ער ווערט אויס יחיד, אויס פרייע פּערזענ־לעכקייט. ער פאַרלירט אי זיין קאָפּ, אי זיין האַרץ, אי זיין געוויסן. דאָס אַלץ גיט ער אַוועק פאַר זיין נומערירטן פּאַרטיי־ביכל.

„בנוגע דער געזעלשאַפטלעכער פראַגע איז געמאַכט געוואָרן ...אַ וויל־דער שפּרונג. אויב אינדיווידואַליזם־עגאָאיזם טויג ניט, ער האָט זיך אַרויס־געוויזן אין פילע הינזיכטן צו זיין פּעלערהאַפט, מיינט עס נאָך ווייט ניט, אַז מע דאַרף מאַכן אַ שפּרונג צום סאָציאַליזם, און וואָס איז נאָך פיל־פיל ערגער, צום שטאַט־סאָציאַליזם. צו אַ מכלומרשט איינהייטלעכער געזעל־שאַפטלעכקייט מיט פאַלש־ליגנערישן, הגם אָנלאָקנדיקן, צוזאָג פון קלאַסנ־אָפּשאַף. עס איז פאַראַן אַן אַנדער צוגאַנג און דאָס איז אינטעראינדיווידו־אַליזם, אַ פאַראייניקונג פון אינדיווידן, אַ פאָרם פון שותפות, אין וועלכער די יחידים־שותפים פאַרלירן ניט זייער עקאָנאָמישע, פּאָליטישע און אינטע־לעקטועלע אידענטיטעט־אינטעגריטעט.

אינטעראינדיווידואַליזם גיט אַן ענדגילטיקע לייזונג פון דעם פּראָבלעם ווי צו רעגולירן די שייכותן פון יחיד צום יחיד און פון יחיד צום ציבור. ער באַהויפּט, אַז דער ציבור ווי אַ סאָציאַלער אַגרעגאַט, וואָס אָנדערקענט ניט זיינע יחידים, דאַרף זיך אויפלייזן, ווייל ער אַנטהאַלט אין זיך אַנאַכראָניסטישע עלעמענטן; ער רעגיסטרירט אַ צוריקפאַל צו אַ פאַרקלונגענער פאַרגאַנגענהייט, צו יענער צייט, ווען די יחידים האָבן נאָך ניט באַוויזן זיך אויסצוקריסטאַליזירן.

אבא גאָרדין

רמת־גן, דעצעמבער, 1962.

דער נביא פון א נייער וועלט

וויליאַם גאָדווין (1836—1756)

וויליאַם גאָדווין איז, אָן שום ספק, איינער פון די זעלטנסטע און אויך פון די פאַרגעסנסטע, ריכטיקער פון די פאַרשוויגנסטע דענקער, פילאָזאָפן פון דעם 18־טן יאָרהונדערט.

ער איז ווי אַ פלאַמענדיקער מעטעאָר דורכגעלאָפן איבער אונדזער האָריזאָנט, אויפגערודערט די פלעגמאַטישע געמיטער פון זיינע צייט־גענאָסן, און איז פאַרשווונדן.

עס האָט באַדאַרפט נעמען איבער אָנדערטהאַלבן יאָרהונדערט, דאָס עס זאָלן זיך אָפזוכן אַ פאָר יוגנטלעכע לאַנדסלייט, ענגלישע אינטעלעקטואַלן, וואָס זאָלן זיך אין אים דערמאָנען און אַן אָפּטרייסל־טאָן דעם, איבער דער

לאַנגער צייט אָנגעקליבענעם, שטויב פון זיינע ווערק, און ער זאָל ווידער ווערן, ווער ווייסט אויף ווי לאַנג, דער סוזשעט, די טעמע פאַר די גריבלער אין דעם סאָציאָלאָגישן פּראָבלעם, אָדער איז עס דערפאַר, וואָס די פראַנצויזישע רעוואָלוציע פון 1789 איז מגולגל געוואָרן אין דעם רוסישן טאָטאַליטאַריזם, דאָס די יוגנטלעכע ענגלישע חכמים זאָלן זיך כאַפּן, אַז דאָס געשעענע, אָט־דער גילגול, איז אין דער אמתן דאָס מקויים־ווערן פון גאָדווינס נביאות.

וויליאַם גאָדווין איז געווען דער ערשטער און דער איינציקער, וואָס האָט געלערנט די געהעריקע לעקציע פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, און פון די טרויעריקע קאָנסעקווענצן פון איר ברוטאַלער דיקטאַטור.

ער איז געווען דער ערשטער און דער איינציקער, שרייבט מיט רעכט דער בעלגישער דענקער, חבר העם דעם, וואָס האָט אויפגעדעקט (דעמאַס־קירט) די דעמאַגאָגישע מאַסקע, וואָס אונטער איר באַהאַלטן זיך די רעוואָ־לוציאָנערע לאָזונגען פון די יאַקובינער (די פּאָליטישע אויטאָריטעט פּאַרטיי, וואָס האָט געשפּילט די הויפּט־ראָלע אין דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, זייערע מיטינגען פלעגן זיי אָפּהאַלטן אין דעם רעליגיעזן קאָנווענט פון דעם הייליקן יעקב, דערפאַר האָט מען זיי גערופן די יאַקובינער) און זייערע אָפּאָרטוניסטישע נאָכלויפערס, וואָס פלאָדזשען זיך אין דער שויס פון אַ טאָטאַליטאַרן סיסטעם וואָס פאַר אַ נאָמען אָדער קאָליר עס זאָל נישט טראָגן.

וו. גאָדווין איז געווען דער פילאָזאָף פון פרייהייט און גערעכטיקייט. הגם אויך אַליין אַ רעוואָלוציאָנער, ער האָט אפילו געגלויבט אין דער אויפריכטיקער כוונה פון די פראַנצויזישע רעוואָלוציאָנערן, ער האָט גע־גלויבט דאָס זיי זענען אין דער אמתן באַאיינפלוסט פון די גרויסע פרייהייטס־פרינציפּן, אין וועמענס זכות זיי קעמפן, וועלכע זענען אין תוך אויך זיינע, האָט ער, אָבער, נישט געהאַט קיין צוטרוי צו די אַזוי־גערופענע רעוואָלו־ציאָנערע קלובן אָדער פּאָליטישע פּאַרטייען אין וועלכע דער יחיד, די מערהייט פון יחידים, דאָס מיינט די ברייטע פאָלקס־מאַסן, ווערן סוף כל סוף בטל, פאַרלירן אומפאַרמיידלעך זייער פרייהייט און רעכט, זיי ווערן אויטאָמאַטיש פאַרוואַנדלט אין אַ סטאַדע פון געהאָרכזאַמע אויספאָלגערס פון סטאַטוטן, פון דעקרעטן, פאָלגערס פון אַ העכערער היעראַרכיע, אָדער פון אַ זיך אַרויפגעדראַפּעטן פירער, וואָס איז אַן אויטענטישער פּראָדוקט פון אַ קלוב אָדער פון אַ פּאַרטיי־סיסטעם.

אין קעגנזאַץ צו דעם אָנגענומענעם מיטאָס פון אַ פלאַנמעסיקער אָרגאַניזירטער פּאָליטישער מאַשין, אונטער וואָס פאַר אַ פאָרם אָדער פּנים זי זאָל זיך נישט פאַרשטעלן, פּאַרטיי, קירכע, שטאַט, אָדער אפילו סינדיקאַט

(פּראָפעסיאָנעלער פּאַריין), האָט ער פאָרגעשלאָגן זיין סאָציאַל פּילאָזאָפּיש׳ן אני־מאמין: „די פעדעראַציע פון יחידים“. דער קאַמף פאַר אָדער לטובת הכלל קען נאָר דעמאָלט זיין אַ ווירקלעכקייט, האָט ער אַנגעוויזן, ווען די פּרייהייט פון דעם יחיד, זיין פרייער אויסוואַל פון אַסאָציאַציע (גרופּירונג), וועט זיין פאַרזיכערט, נאָר ווען דער פרייער ווילן וועט זיין דער יסוד פון דעם סאָציאַלן סדר, קען דעמאָלט און נאָר דעמאָלט דער סאָציאַליזם ווערן אַ ווירקלעכקייט.

וו. גאָדווין איז זיכער פאַר זיין דור געווען פּרעמאַטור, אפילו זיין לשון איז געווען פון אַן אַנדערער, פון אַ ווייט שפּעטערער צייט, דעריבער איז נישט קיין וווּנדער, וואָס ער איז אפילו נישט פאַרשריגן נאָר פּשוט פאַרשוויגן געוואָרן. דאָס איז, פאַרשטייט זיך, פיל ערגער. עס איז אַ פאַקט, אַז טאָקע צוליב דעם וואָס זיין ווערק: „אינקווירי קאָנסערנינג פּאָליטיקל זשאַסטיס ענד איטס אינפלוענס אָן מאָראַל ענד העפּענעס“ (די פאָרשונג וועגן פּאָליטישער גערעכטיקייט און איר איינפלוס אויף דער מאָראַל און גליקזעליקייט) — איז געווען אַזוי טיפּזיניק, איז ער נישט אַנגעקלאָגט געוואָרן פון דעם שטרענג־קאָנסערוואַטיוון געריכט פון זיין מאַיעסטעט די ענגלישע מאָנאַרכיע, הגם מען שרייבט דאָס צו דעם הויכן פּרייז פאַרוואָס דאָס ווערק האָט זיך פאַרקויפט, (דריי גינעס, וואָס איז לויט דער וואַלוטע פון יענער צייט געווען 15 דאָלאַר), דערפאַר איז דאָס ווערק נישט דער־גאַנגען צו די ברייטע פאָלקס־מאַסן, דעריבער איז עס נישט באַטראַכט געוואָרן פאַר געפערלעך. אָבער דאָס פּאַראַדאָקסאַלע דערפון איז, וואָס אין אַ משך פון קאַרגע 5 יאָר איז דאָס ווערק דערשינען אין דריי אויפלאַגעס און יעדע פון זיי מיט אַ מער בייסנדיקער קריטיק, מיט שטאַרקערע אַרגו־מענטן קעגן דעם איינגעשטעלטן סדר. גאָדווין האָט געהאַט אַזאַ גרויסן פאַרערער ווי דעם באַוווּסטן ענגלישן דענקער און ליטעראַטור־קריטיקער: וויליאַם האַזליט, — 1778—1830, וואָס האָט מיט באַגייסטערונג געשריבן: עס האָט זיך נאָך ביז היינט צו טאָג (ער פאַרופט־זיך אויף דער צייט, וואָס דאָס ווערק איז דערשינען — 1793) נישט געפונען אַזאַ ווערק, וואָס זאָל האָבן געגעבן אַזאַ שטאַרקן קלאַפּ, פּילאָזאָפיש גערעדט, דעם סאָציאַלן־פאַנטאַזיע, ווי עס האָט אים דערלאַנגט דאָס מייסטערווערק פון וויליאַם גאָדווין.

אין שייכות מיט דעם נאָר־וואָס געזאָגטן, איז זייער אינטערעסאַנט וואָס עס שרייבט דער היינט־צייטיקער ענגלישער דענקער, חבר זשאָרזש וודקאָק: „עס איז קיין צווייפל נישט, דאָס וו. גאָדווין האָט יאָ געהאַט אַ גאָר גרויסן איינפלוס אויף דעם סאָציאַליסטישן געדאַנקען־גאַנג פון זיין צייט, יעדנפאַלס אין ענגלאַנד, מענער ווי ראָבערט אָווען, — 1801—1877 —

און פּראַנציס פּלאַס, וועלכע זענען געשטאַנען ביי דעם וויגעלע פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, זענען זיכער געווען אונטער דעם דירעקטן איינפלוס פון גאָדווינס ווערק, און עס קען נישט געמאָלט זיין דאָס די אַרבעטער וואָס האָבן אין די 90־קער יאָרן פון יענעם יאָרהונדערט געגרינדעט קלובן מיט דעם איינציקן צוועק זיך איינצושאַפן גאָדווינס ווערק, זאָלן זיך אין אַ געוויסער מאָס אַמווייניקסטנס נישט האָבן אָנגעשטעקט מיט די אידייען פון זיינע ווערק.

עס איז מער ווי וואַרשיינלעך, דאָס בשעת זיין נאָמען האָט געזונקען אין דער פאַרגעסנקייט, איז דער איינפלוס פון זיינע ווערק דאָך געבליבן לעבהאַפט, און ער האָט געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע אין די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, וואָס זענען אַנטשטאַנען אין יאָר 1830.

אין די ערשטע קאָאָפּעראַטיוון, און אין די אַרבעטער־סינדיקאַטן, האָט געהערשט אַ באַדייטנדיקער מיסטרוי קעגן דער אויטאָריטערער פּאָליטיק און פּאָליטיקער, אַ מיסטרוי וואָס האָט אָן שום ספק זיין שורש אין דער גרויסער קעגנערשאַפט און פאַראַכטונג וואָס גאָדווין האָט אַרויסגעבראַכט אין זיין ווערק, קעגן די אַזויגערופענע „פּאָזיטיווע־אינסטיטוציעס", דאָס הייסט די לעגאַלע און מיט הייליקייט באַקליידטע אינסטיטוציעס. מען קאָן נאָך היינט געפינען סמנים פון גאָדווינס און פון זיין תלמיד ראָבערטס אָווענס איינפלוס אין דער אַרבעטער־באַוועגונג אין ענגלאַנד.

היינט צו טאָג געפינען מיר זיך אויף דאָס ניי, דאָרט ווו וו. גאָדווין האָט אָנגעהויבן: די אַרבעטער־באַוועגונג גופא האָט אונדז נאָך אַמאָל באַוויזן דעם שענדלעכן איינפלוס פון דער אויטאָריטעט. דער שטאַט־סאָציאַליזם איז באַשטימט נישט קיין קלענערע צרה ווי די מאָנאַרכיע און די אָליגאַרכיע פון אַלע סאָרטן, קעגן וועלכער וו. גאָדווין האָט אין זיין צייט געקעמפט.

זיין אויספירלעכער אַנאַליז איבער די רעגירונגס־סיסטעם איז אויך אמת היינט, ווי ער איז געווען דעמאָלט, ווען גאָדווין האָט געשריבן זיין מאָנומענטאַל ווערק.

ווילן מיר ערנסט, שרייבט דער חבר זש. ווודקאָק, זוכן נייע וועגן אויסערהאַלב דעם אויטאָריטערן פּאָליטישן דזשונגל, דעמאָלט מוזן מיר אומבאַדינגט שטודירן די שריפטן פון דעם גרויסן פאָרלויפער פון דעם אַנאַרכיסטישן געדאַנק.

צום באַדויערן איז דאָס ווערק צוזאַמען מיט זיין מחבר פאַרבליבן נישט מער ווי אַ כראָנאָלאָגיש בלעטל אין די געשיכטלעכע אַנאַלן פון יענער צייט.

דאָס ווערק איז אַריין אין דער פאַרגעסנהייט, זיין מחבר איז געשטאָרבן אין דער טיפער איינזאַמקייט און אין גרויס אָרימקייט, אפילו איצט ביי זיין

דערוואַכונג, פון זיין צוריק־אַרויפקומען אויף דעם אויבערפלאַך פון דער עפנטלעכקייט, אויב אַזוי קען מען דאָס באַצייכענען, איז עס אויך נישט מער ווי אַ קליינטשיק פונקעלע אויף דעם פאַרכמאַרעטן האָריזאָנט פון דער היינטיקער כאַאָטישער וועלט, אָן פערספעקטיוון פון אַריבערצושפּאַנען די ד׳ אמות פון דעם קליינעם קרייז פון די פּאָר געציילטע יוגנטלעכע אינטעלעקטואַלן אין לאָנדאָן. הגם מיר וואָלטן זיכער זיך נישט געפילט אַנטוישט, ווען אונדזער פּעסימיזם ווייזט זיך אַרויס צו זיין אומבאַרעכטיקט. אָט וואָס עס שרייבט דער איטאַליענישער חבר, ס. זאקאריא, אין זיין נאָר וואָס אַרויסגעגעבענער בראָשור: „וויליאַם גאָדווין דער קאָנסטרוקטאָר (בויער) פון די פעדעראַציע פון יחידים״; וואָס אָנבאַלאַנגט מיך, האָב איך ערשט איצט און אויף דאָס ניי אַנטדעקט גאָדווינען. אין דעם אינהאַלט פון זיין גרויסן ווערק האָב איך ערשט איצט אויסגעפונען דעם ריכטיקן און פולקומען אַנאַרכיסטישן וועלטבאַנעם, וואָס נעמט אַרום אַלזייטיק דעם יסוד פון די אַלגעמיינע סאָציאַלע קאָנצעפּטן און שייכותן. זיין ביַיטראָג איז אָן צווייפל אַ סאָלידער, וואָס קען אונדז דינען ווי דער קאָמפּאַס צו אונדזערע אַנאַרכיסטישע טעטיקייטן פאַר דער אויפבויונג פון אַן אמתער פרייער געזעלשאַפט, אָן הערשער און באַהערשטע, אָן פירער און אָן געפירטע״.

וויליאַם גאָדווין איז געבוירן געוואָרן דעם 3טן מערץ אין יאָר 1756 אין דעם קליינעם שטעטל וויסביטש, ביי קאָמפּרידזשייר, ענגלאַנד, ביי זייער פרומע עלטערן. זיין פאָטער זשאָן גאָדווין איז געווען אַ פּראָמינענטער פּראָטעסטאַנטישער גייסטלעכער, און האָט געהאָפט דאָס זיין בן־יחיד וועט אויסוואַקסן צו זיין אַ געטרייער נאָכפאָלגער, און אין דער אמתן איז דער קליינער וויליאַם פון קינדוויַיז אָן געווען זייער רעליגיעז געשטימט, ער איז געווען באַגייסטערט פון זיין פאָטערס חלום, אים, זיין יורש, צו זען אין דער גלחישער הלבשה.

ווען זיין פאָטער איז אין יאָר 1773 געשטאָרבן איז דער קליינער וויליאַם דעמאָלט אַלט געווען 17 יאָר, האָט אים די מוטער אַריינגעגעבן אין דער האָקסטאָן אַקאַדעמיע, אַ טעאָלאָגישער אינסטיטוט אין לאָנדאָן. און אין עטלעכע יאָר אַרום, האָט שוין די מאַמע געשעפּט נחת פון זיינע דרשות, וואָס ער האָט געהאַלטן אין פאַרשידענע קירכעס איבערן לאַנד. און פון 1777 ביז 1783 האָט ער שוין געדרשנט אַלס אַ טיטולירטער גייסטלעכער. דעם טאַטנס טרוים איז, לכן, פאַרווירקלעכט געוואָרן און די מאַמע איז געווען מלא־שמחה. אָבער לאַנג האָט דער מאַמעס נחת, און זיין זעלבסט־צופרידנקייט פון זיין רעליגיעזן דערפאָלג, נישט געדויערט, דער שטן־המשחית האָט זיך אַריינגעמישט, דער יונגער גייסטלעכער, האָט זיך באַקענט מיט, און איז שטאַרק באַאיינפלוסט געוואָרן פון די פילאָזאָפישע ווערק פון די פראַנצוי־

זישע ענציקלאָפּעדיסטן פון יענער צייט, ווי צום ביישפּיל די ווערק פון וואָלטער (1694—1778), דידעראָ (1713—1784), העלוועטיוס (1715—1771), זשאַן זשאַק רוסאָ (1712—1778) און אַנד. ער רייסט איבער מיט דער קירכע, און צוליב דעם אויך מיט זיין פרומער מאַמע און זיין גאַנצער משפחה, און ווידמעט זיך מיט זיין גאַנצן יוגנטלעכן דינאַמיזם דעם שטודיום פון סאָציאַל־פילאָזאָפישע און פּאָליטיש־עקאָנאָמישע פּראָבלעמען ,און איבער־הויפּט גיט ער זיך אָפּ מיט דער פראַגע פון דערציונג. די פראַגע פאַרנעמט ביי אים דעם אויבנאַן פון זיין אינטערעס.

ער שרייבט ווערק אויףביידע געביטן, אָבער אויף ביידע געביטן האָט ער נישט קיין גרויסן דערפאָלג.

זיינע ראָמאַנען און דערציילונגען זענען אַ געוועב פון סאָציאַל־פּאָלי־טישע פּראָבלעמען, אין וועלכע דער שטאַט, דאָס געזעץ, די אָרגאַניזירטע רעליגיע און דאָס דערציונגס־סיסטעם ווערט זייער שטאַרק קריטיקירט און זיינע שריפטן האָבן נישט אָנגערעגט.

ער גרינדעט אַ שול. שיקט פאַנאַנדער זיין לער־פּראָגראַם וואָס איז וויט צו ראַדיקאַל פאַר זיינע פּוריטאַנישע לאַנדלייט, און מוז זיך אָפּזאָגן פון זיין פּלאַן. אָבער כדי צו קאָנען זיך דערנערן, ווערט ער אַ פּעריאָדיסט, ער שרייבט פּעליטאָנישע ראָמאַנען, און דערציילונגען פון אַ לייכטן זשאַנער, דאָס וואָס די רעדאַקטאָרן האָבן געוואָלט. ער באַקענט זיך מיט אַ גרופּע אינטעלעקטואַלן, איבערהויפּט צווישן די סימפּאַטיקער פון דער פראַנצויזי־שער רעוואָלוציע. אין אָט דער צייט, אין יאָר 1793, האָט ער געשריבן זיין ווערק „אינקווערי אינטאָ פּאָליטיקאַל זשאַסטיס״ (אַ פאָרשונג וועגן פּאָליטישער גערעכטיקייט). די אַרבעט האָט אים אין אַ געוויסער מאָס און אויף אַ שטיקל צייט פאַרשאַפט אַ רעלאַטיווע סאַטיספאַקציע און אפילו דערפאָלג. דאָס ווערק איז אַ בייסנדיקע קריטיק פון שטאַט. ער זאָגט אין אים בפירוש, דאָס יעדע רעגירונג איז אַן אינקובאַטאָר (אַן אויסווארעמער) פון קאָרופּציע. עס איז פּונקט דערשינען איז דער צייט, ווען איז פּאַריז ווערט הינגעריכט דער קסר לואי דער 16טער, און פראַנקרייך האָט דערקלערט מלחמה קעגן ענגלאַנד און האָלאַנד, און די קאָנסערוואַטיווע ענ־גלענדער און פרומע מאָנאַרכיסטן זענען געוועזן אָנגעלאָדן מיט צאָרן קעגן דאָס רעוואָלוציאָנערע פראַנקרייך בכלל און קעגן יעדן ראַדיקאַליזם בפרט. דאָך האָט זיך דאָס בוך, טראָץ דעם הויכן פּרייז, גוט פאַרשפּרייט. ווי שוין פריער דערמאָנט, זענען אין אַ משך פון אַ קורצער צייט געמאַכט געוואָרן דריי אויפלאַגעס, און אין אַ יאָר שפּעטער, אין 1794 האָט גאָדווין אַרויסגעגעבן זיין גרויסע דערציילונג: „קאַלעב וויליאַם״ וואָס איז אויך געקרוינט געוואָרן מיט אַ דערפאָלג.

אין יאָר 1796 באַקענט ער זיך מיט דער שרייבערין, מערי וואָלסטאָנ־קראַפט, מיט וועלכער ער האָט אַ יאָר שפּעטער אין 1797, חתונה, אָבער לאַנג האָט זייער גליק נישט געדויערט. דעם 10־טן סעפּטעמבער פון דעם זעלבן יאָר האָט זי אים געבוירן אַ טעכטערל, און אין עטלעכע טעג שפּעטער איז זי געשטאָרבן פון אַ שטאַרקן פיבער. מיט דעם אומגליק הייבט זיך אָן אויך דאָס נײַ זיין ביטערע דאָליע — דער געראַנגל צו קאָנען זיך דערנערן און אויסהאָדעווען זיין טעכטערל איז גאָר אַ שווערער, ער מוז ווידער זיך אומקערן צו זיין זשורנאַליזם, און שרייבן פאַר די צייטונגען אין דעם לייכטן זשאַנער.

עטלעכע יאָר שפּעטער האָט ער חתונה מיט דער פרוי קלעמאַנט, אויך אַ שרייבערין, אָבער ער איז פון דעם שידוך נישט צופרידן, עקאָנאָמיש האָט זיך זיין לאַגע נאָך מען פאַרערגערט.

אין יאָר 1805 גרינדעט זיין פרוי אַ ביכער־פאַרלאַג, אונטער דעם נאָמען „באַלדווין". ער שרייבט פאַר איר מעשה־ביכלעך און דערציילונגען, און דאָס געשעפט איז אַוועק נישט שלעכט, האָט זיך פאַרגרעסערט, זיך אַריבער־געצויגן אין אַ בעסערער געגנט, אָבער ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויס־געוויזן האָט אין דעם פאַל נישט געגילט דאָס ווערטל „משנה מקום משנה מזל". דאָס געשעפט האָט אָנגעהויבן צו גיין באַרגאַראָפּ, און איבער דער צייט אין דאָס טעכטערל, מערי, אויסגעוואַקסן און איז געוואָרן דאָס ליבלינג פון טאַטנס אַ פאַרערער, מיט וועמען זי האָט אין יאָר 1813 געהייראַט, און דאָס איז דער פרייהייט־דיכטער, פּערסי בישע־שעלי, 1792—1822. ער האָט געהאָט צו פאַרדאַנקען זיין דיכטונג, ווי ער אַליין האָט דאָס געזאָגט, דעם גרויסן איינפלוס פון זיין שווער. מערי איז אויך געווען אַ שרייבערין, און מחברין פון דעם באַוווּסטן ווערק "פראַנקענשטיין". זי האָט געשריבן אונטער דעם נאָמען פון איר פאַרשטאָרבענער מוטער: מערי וואָלסטאָנקראַפט.

אין יאָר 1822 איז דער יונגער דיכטער געשטאָרבן (קוים אַלט געווען 30 יאָר) און אין דעם זעלבן יאָר האָט דער ביכער־פאַרלאַג אויך באַנקראָ־טירט, און גאָדווין איז ווידער געבליבן אַ גרויסער אָרימאַן.

אין יאָר 1833, שוין אַלס זקן פון 77 יאָר, האָבן פריינט באַקומען פאַר וו. ג. אַ שטעלע אין צאָל־אַמט, נאָמינאַל אַלס אַן אויפזעער, אָבער אַן פליכטן...

אַזוי האָט דער אומקאָמפּראָמיסלעכער, עקשנותדיקער פרייהייטס־דענקער און פילאָזאָף, דער נביא פון אַ נייער גערעכטער וועלט, אויסגעהויכט זיין לעצטן אָטעם־צוג, אַפּריל דעם 7־טן 1836 אין עלטער פון 80 יאָר.

פ. גדליה

ביבליאָגראַפיע:

1. אינקוויירי קאָנסערניג פּאָליטיקל זשאַסטיס ענד איטס אינפלוענס אָן מאָראל ענד הפּינעס" (פאַרשונג מכוח פּאָליטישער גערעכטיקייט און איר איינפלוס אויף דער מאָראַל און גליקזעליקייט) — 1793.

2. קאַלעב ליליאַם, — 1794 — דערציילונג, פון אַ סאָציאַל־פּאָליטישן אינהאַלט.

3. סענט ליאָן — דער הייליקער לעאָן, אַ היסטאָרישער איבערבליק פון 16טן יאָרהונדערט. דערשיינען אין 1799.

4. אינקוויירי, א. סעריס אָף עסייעס. — 1797 — פאָרשונגען, אַ סעריע עסייען.

5. מעמאָריס אָף טע אויטאָר אָף א ווינדיקיישן אָף טע רייט אָף וואָמען. — 1798 — אין אָנדענק פון דעם אויטאָר דער פאַרטיידיקערין פון פרויען־רעכט.

6. אַנטאָניאָ — טראַגעדיע אין 5 אַקטן אין פערזן — 1800.

7. לאַיף אָף זשעאָפרי שאָסער. 1803 — דאָס לעבן פון זשעאָפרי שאָסער.

8. לייוו אָף עדוואַרד און זשאָן פיליפּס. — 1815 — דאָס לעבן פון עדוואַרד און זשאָן פיליפּס.

9. מאַנדעווילא אָף טע 17טע סינטשורי, — 1817 — מאַנדוויל, אַן איבערבליק איבער דעם 17טן יאָרהונדערט.

10. פּאָפּולעישן, אַן ענטפער צו מיסטער מאַלטוס. — 1820 — באַפעלקערונג, אַן ענטפער צו דעם הער טאָמאָס מאַלטוס.

11. היסטאָרי אָף טע קאָמענוועלט. טו טע רעסטאָריישן אָף שאַרל 2, ד, 4 וואָלומס. — 28־1824 —, היסטאָריע פון דער קאָמענוועלט ביז דער רעסטאַווראַציע פון שארל דעם 2טן.

נ. ב.

„מעמאָריס אָף טע אויטאָר אָר אַ ווינדיקיישן אָף וואָמען רייט" — האָט ער געשריבן אין אָנדענק און אין כבוד פון מערי וואָלסטאָנקראַפט, זיין פרוי, וועלכע איז ביים לעבן געווען אַ פּיאָנערין פון פרויען־עמאַנציפּאַציע.

פיער זשאזעף פרודהאן

(1865 — 1809)

אַ קינד פון די אָרעמסטע שיכטן פון דער געזעלשאַפט, שוין אין זייַן פריִעסטער יוגנט האָט ער געפילט דעם טעם פון הונגער און נויט, צו 7 יאָר איז ער געווען אַ פּאַסטעכל פון שאָף. ער איז געבוירן געוואָרן דעם 15־טן יאַנואַר 1809, אין דער שטאָט בעזאַנסאָן — פראַנקרייך — זייַן טאַטע אַן ערד־אַרבעטער, די מאַמע, אַ וועש־וואַשערין. אין שטוב האָט תמיד געפעלט דאָס נויטיקסטע. די קלוגשאַפט פון דעם קליינטשיקן זשאָזעפל, האָט געצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון זייַן טאַטנס אַ פרייַנט, וואָס האָט זיך באַמיט אים אַרייַנצוגעבן אין אַ שולע, וווּ ער ווערט איינער פון די בעסטע שילערס, אָבער די נויט פון דער משפחה, צווינגט אים צו פאַרלאָזן די שולע. הויבט

ער אַן אַרבעטן אין אַ דרוקעריי, ווו ער ווערט מיט דער צייט אַ קאָרעקטאָר. אין 1833 האָט ער געקראָגן אַ סטיפּענדיע פון דער בעזאַנסאָנער אַקאַדעמיע, וואָס האָט אים געגעבן די מעגלעכקייט צו פאָרן נאָך פּאַריז צו שטודירן. אין יאָר 1843 האָט ער אָנגענומען אַ קאָמערץ־שטעלע אין דער שטאָט ליאָן. אין 1847 האָט ער די שטעלע אויפגעגעבן און זיך באַזעצט אין פּאַריז.

דאָ האָט ער אין די פּאָר יאָר פון 1848 ביז 1850 ארויסגעגעבן עטלעכע צייטונגען. אין יאָר 1848 איז ער דערווײלט געוואָרן אַלס דעפּוטאַט צום פּאַרלאַמענט, אין יאָר 1849 האָט ער געגרינדעט אַ פאָלקס־באַנק. באַלד נאָכדעם איז ער פאַרמשפּט געוואָרן אויף דריי יאָר תּפיסה פאַר אַ פאַרברעכן קעגן דעם פּרעסע־געזעץ, ער איז אָפּגעזעסן זיין טערמין.

אין יאָר 1852 איז פּרודהאָן באַפרייט געוואָרן פון תּפיסה, ער איז געבליבן ווױנען אין פּאַריז, ביז ער איז ווידער פאַרמשפּט געוואָרן אויף דריי יאָר פאַר נאָך אַ פאַרברעכן קעגן דעם פּרעסע־געזעץ. איצט איז ער אַנטלאָפן און זיך באַזעצט אין בריסל, (בעליגע). אין 1860 האָט מען אים באַגנעדיקט און ער איז צוריקגעקומען קיין פראַנקרייך, וואו ער איז אין 1865 אין עלטער פון 56 יאָר געשטאָרבן.

אָט דאָס איז בקיצור אָנגעוואָרפן עטלעכע לעבנס־שטריכן פון אַן אומ־רואיקן בונטאָר, וועלכער האָט אין זיין קורצער לעבענס־צייט, באַוויזן מיט זיין וואָרט און פען, נישט נאָר אָנצוואַרפן אַ שרעק אויף די הערשנדיקע קלאַסן, אויפוועקן דעם פאָלקס געוויסן אין קאַמף פאַר אַ גערעכטערער וועלט, נאָר אויך געלאָזן אַ גייסטיקע ירושה פאַר די צוקונפטיקע דורות. ער האָט אין דעם לויף פון די קאַרגע 20 יאָר פון זיין מיליטאַנטישער טעטיקייט איבערגעלאָזן אַ שאַץ פון אומשטערבלעכע ווערק, מכוח געזעץ, שטאַט און אייגנטום. אין 1840 דערשיינט זיין ווערק „וואָס איז אייגנטום?", אין וועלכן ער באַהאַנדלט די פראַגע פון אַרבעט און רעגירונג. זיין ווערק. „דאָס סיסטעם פון עקאָנאָמישע סתירות, אָדער די פילאָזאָפיע פון דעם עלענד" דערשיינט אין 1846—ווייטער „דער ווידוי פון אַ רעוואָלוציאָנער" 1849 — און דאָס בוך: „די אַלגעמיינע אידייע פון דער רעוואָלוציע אין 19־טן יאָר־הונדערט" — 1851 — און צום סוף זיין גרויס ווערק אין דריי בענד: „וועגן גערעכטיקייט אין דער רעוואָלוציע און אין דער קירכע, נייע פּרינציפּן פון אַ פּראַקטישער רעוואָלוציע" — 1858. מיט רעכט שרייבט מאַקס נעטלאַו, דער היסטאָריקער פון דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג, אין זיין מאָנומענטאַלן ווערק: „די אַנאַרכיסטישער באַוועגונג, אינם לויף פון דער צייט".

„עס האָט באַדאַרפט נעמען 50 יאָר פון אַ ברוטאַלער, כסדר שטייגענ־דיקער רעאַקציע וואָס איז געקומען נאָך דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע פון 1789, און זאָל וואָס אַמאָל אַלץ מער און מער אויסשפּרייטן און פאַרשטאַרקן

איר פינסטערע ממשלה אויף דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן אין לאַנד, דאָס אַ שטימע פון פּראָטעסט... זאָל זיך לאָזן הערן ווי אַ שטאַרקער דונער אין אַ זומער־נאַכט״. דאָס איז געוועזן דער געוואַגטער קול פון פּיער זשאָזעף פּרודהאָן, וואָס אין געווען אַ מעכטיקער וועטאָ געוואָרפן אין פּנים, פון אַ לואי באָנאַפּאַרט און זיין פינצטערער קליקע, ווען עס איז געלונגען דורך פאַרשידענע כיטרע שפּיצלעך און פּאַראַט צו פאַרכאַפּן די מאַכט אין פראַנקרייך.

די פּריוויליגירטע קריטיק, דערשטיקט אין דעם 18־טן יאָר־הונדערט האָט אין אים און דורך אים אויפסניי אויפגעלעבט, אויפגעשטאַנען תחית־המתים, דער אויטאָריטאַרער גייסט וואָס האָט זיך מולטיפּליצירט אין דעם לויף פון די 50 יאָר, האָט געקראָגן אַ טויט־קלאַפּ.

דער נייער פּעאָדאַליזם, די ביוראָקראַטיע פון דעם צענטראַליסטישן שטאַט, די אויפגעקומענע בורזשואַזיע וואָס האָט נאָר געזוכט רייכער צו ווערן אויף דעם חשבון פון דעם אַרבעטער־פאָלק, דער אויטאָריטאַרער גייסט בכלל וואָס האָט אויך געשפּייזט די האָפענונג פון די סאָציאַליסטן, האָט געפילט דעם מעכטיקן קלאַפּ פון פּ. זש. פּ., מיט זיין קעגנשטעלן זיך די פינסטערע כוחות, מיט זיין דרייסטן רוף צו אַנאַרכיע!

ער האָט אויפגעדעקט דעם טרויעריקן מצב אין וועלכן עס האָט זיך געפונען דאָס אַרבעטער פאָלק, ער האָט דעמאַסקירט די אומגערעכטיקייטן און פאַלשקייטן פון דעם שטאַט, קירכע און בורזשואַזיע, די אמתע פאַראור־זאַכער פון אַלע סאָציאַלע איבלען, ער האָט מיט זיין שטאַרק וואָרט און שאַרפער פען אריינגעבראַכט אַ נייע ערא פאַר דעם אויפברעכעדישן סאָציאַלן געדאַנק. אַנאַרכיע איז פון אים צום ערשטן מאָל ארויסגעבראַכט געוואָרן אַלס אַ תמצית פון אַ סאָציאַלער קאָנצעפּציע, וואָס איז אין די 60־קער יאָרן פון דעם זעלבן יאָר־הונדערט, ביי דער גרינדונג, פון דעם 1־טן אינטערנאַציאָנאַל, געוואָרן דער מאָטאָ פון אַן אוניווערסאַלער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג, וועלכע האָט זיך פאַרשפּרייט איבער דער גאָרער וועלט. אין שייכות מיט דעם איז אויך אינטערעסאַנט וואָס עס שרייבט אַן אומפּאַרטייאיי־שער היסטאָריקער, אין זיין ווערק „די אַנאַרכיסטישע באַוועגונג אין פראַנק־רייך״ פון 1880 ביז 1914:

פּיער זשאָזעף פּרודהאָן איז אין יאָר 1840 געווען דער ערשטער, וואָס האָט דעם וואָרט אַנאַרכיע געגעבן אַ פּרעציזן באַדייט, און עס געמאַכט פאַר אַ לייטמאָטיוו פון אַ געזעלשאַפטלעכן איינשטעל.

אַנאַרכיע — אַ וועלט אָן הערשער און אָן באַהערשטע. פריי פון יעדער אויטאָריטעט, פון שטאַט, קירכע, מיליטער און אַרמיי. זיין לאָזונג איז געווען: צעשטערן, כדי נאָך דעם קענען שאַפן, זאָלן מיר צו ערשט אָפּשאַפן

אַלע איבלען פון דער אויטאָריטעט, כדי אויף זייערע חורבות אויפבויען אַ געזעלשאַפט פון פרייהייט און ווילשטאַנד, פּאָליטיש, דורך דעם פעדעראַליזם, און עקאָנאָמיש אויף דעם יסוד פון דער קעגנזייטיקער הילף, מוטואַליזם.

די אויטאָריטעט, האָט ער געזאָגט, איז קוים געקומען אויף דער ערד, און די גאַנצע וועלט האָט זיך געגומען אַרומרייסן צוליב איר.

אויטאָריטעט, מאַכט, רעגירונג, שטאַט, די אַלע ווערטער זיינען נאָר סינאָנימען פון איינער און דער זעלבער זאַך, יעדער פון זיי שטעלט מיט זיך פאָר אַ מיטל, אַן אופן ווי אונטערצודריקן און עקספּלואַטירן דעם מיט־מענטשן.

אַבסאָלוטיסטן, דאָקטרינערן, דעמאַגאָגן פון אַלע סאָרטן, ווענדן כסדר זייערע בליקן צו דער אויטאָריטעט, ווי צו זייער וועג־ווייזער, אַלע פּאַרטייען אָן אויסנאַם פון זייער קאָליר, זיינען פאַרשיידענע פאָרמען פון אַבסאָלוטיזם, עס וועט נישט זיין קיין פרייהייט, עס וועט נישט זיין קיין אָרדענונג אין דער געזעלשאַפט, און עס וועט אויך ניט זיין קיין אייניקייט צווישן די אַרבעטער, אַזוי לאַנג ווי דער גלויבן אין אויטאָריטעט וועט פאַרנעמען דעם אויבנאַן אין דעם פּאָליטישן שולחן־ערוך פון פּאַרטייען.

קיינע פּאַרטייען, קיין אויטאָריטעט, אַבסאָלוטע פרייהייט פון מענטש און בירגער, אָט די דריי ווערטער שטעלן מיט זיך פאָר מיין פּאָליטישן און סאָציאַלן אַני־מאמין. אָט־אַזוי האט ער פּ. זש. פּרודהאָן פאָרמולירט זיין סאָציאַל־פילאָזאָפישע קאָנצעפּציע, אין זיין ווערק: „די ווידוי פון אַ רעוואָלוציאָנער״.

עס האָט באַדאַרפט נעמען 50 יאָר דאָס דער פרייהייט גייסט פון דער גרויס־פראַנצויזישער רעוואָלוציע פון 1789 זאָל דורך אים באַנייט ווערן, און איצט האָט דאָס באַדאַרפט נעמען קאַרגע הונדערט יאָר פון נאָך זיין טויט, דאָס זיין גייסטיקע ירושה, זיינע ווערק, זאָלן געזוכט און שטודירט ווערן.



זשאן זשאקוב עליזע רעקלו

דער אַנאַרכיסטישער מאָראַליסט און סאַוואַנט

(1905—1830)

פון דער גרויסער און קאָלירפולער גאַלעריע פון פערזענלעכקייטן, וואָס די אַנאַרכיסטישע באַוועגונג האָט אין דעם לויף פון דער צייט ארויסגעגעבן פון זיך, איז אָן שום ספק רעקלו איינע פון די מערקווירדיקסטע געשטאַלטן, איינע פון די וואונדערבאַרסטע פיגורן פון דער פרייהייטלעכער־סאָציאַליסטישער באַוועגונג. מען קען מיט פול זיכערקייט זאָגן, דאָס ער פאַרקערפערט אין זיך די פולשטענדיקע אַלזייטיקייט פון דעם אנארכאָ־פילאָזאָפישן באַנעם. די וויסנשאַפט און דער קאמף פאַר סאָציאַלער גערעכטיקייט איז ביי אים געווען איין אומצעשיידבאַרער איינס.

אויב מען וויל עפּעס וויסן פון, אָדער וועגן אים, מוז מען בלעטערן די אַנאַלן פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג פון דעם 19טן יאָר הונדערט אין אייראָפּע, הויפּטזעכלעך אין פראַנקרייך און אין בעלגיע, וואו ער האָט צוזאַמען מיט זיין עלטערן ברודער עליע געגרינדעט דעם „נייעם אוניווער־סיטעט״ (לע אוניווערסיטע נוווועל). ער האָט אָנגעהאַלטן זיין פּאָסטן, אַלס פּראָפעסאָר פון געאָגראַפיע ביז זיין לעצטן אָטעם־צוג, וואָס ער האָט אויסגעהויכט דעם 6טן יולי 1905.

ער איז געווען הומאַניסט, רעוואָלוציאָנער, וויסנשאַפטלער און אומ־קאָמפּרעמיסלעכער אַנאַרכיסט. ליבע און האַס, אמת און יושר זיינען דער אומבאַשטרייטבאַרער „געזעץ״, פון דער נאַטור, דער אייניציקער און אויס־שליסלעכער געזעץ, וואָס ער האָט אָנערקענט, און וואָס ער האָט פאָרמולירט אין דעם פאָרטרעפלעכן פאָרוואָרט צו זיין מאָנומענטאַל ווערק „דער מענטש און די ערד״, ווו ער זאָגט: „פון דעם מענטש איז געבוירן דער שעפערישער ווילן פון בויען און איבערבויען די וועלט״. דער „קלאַסן־קאַמף״, די „זוכעניש״ און די „סוווערענע״ אנטשיידונג פון דעם יחיד, זיינען די דריי ריכטונגען וואָס אַנטפּלעקט פאַר אונדז דער שטודיום פון געאָגראַפיע. זי, זאָגט ער, וויזט אונדז דעם נאָענטן צוזאַמענהאַנג פון דעם מענטש מיט דער ערד, און מאַכט פאַר אונדז קלאָר די מענטשלעכע מעשים אין האַרמאָניע מיט דעם עוואָלוציאָנערן גאַנג פון דעם קאָסמאָס״. און דאָס איז וואָס ער באַצייכנט מיט דעם נאָמען „געזעץ״, לויט וועלכן דער מענטש לענקט זיין אויפפּפיר לגבי דער געזעלשאַפט. דאָס איז אין קווינטעסענץ, דער יסוד פון זיין וועלט־באַנעם.

זייער ריכטיק שרייבט פּיאָטער קראָפּאָטקין (1842—1921), דער באַגרינ־דער פון דער אַנאַרכאָ־קאָמוניסטישער שיטה, אַליין אויך אַ וועלט באַרימטער געאָגראַף: „מיט דעם טויט פון עליזע רעקלו האָט די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג פון איבער דער גאָרער וועלט פאַרלוירן איינעם פון אירע געטרייסטע פאַלאַדינען און די וויסנשאַפט האָט פאַרלוירן איינעם פון אירע שטאַרקסטע זיילן, דער וואָס האָט אַם בעסטן באַגריפן די געמיינשאַפטלעכקייט פון מענטש און נאַטור, און דורך דעם די אָנגעהעריקייט פון מענטש צו מענטש אויף יעדן ווינקעלע פון דעם ערד־קיילעך, וואו דער מענטש ליידט, קעמפט און געניסט פון לעבן״.

זשאַן זשאַקאָב עליזע רעקלו, פאַרקירצט, עליזע רעקלו, איז געבוירן געוואָרן דעם 15טן מאַרץ 1830 אין דעם קליינעם פּראָווינץ שטעטל: סען פוא לא גראַנד, זשיראַנד, פראַנקרייך. דער פאָטער איז געווען אַ פּראָטעס־טאַנטישער גייסטלעכער, די מוטער אַ דאָרף לערערן, דער דלות אין שטוב האָט גרויזאַם געוועלטיקט.

עס איז די גרויסע אָרעמקייט, שרייבט פּ. קראָפּאָטקין, וואָס האָט אַנטוויקלט ביי דעם יונגן עליזע אַזאַ גרויסן רעספּעקט פאַר ברויט, וואָס עס איז ביי אים פאַרבליבן אויף זיין גאַנצן לעבן. אין זיין יוגנט איז דאָס ברויט גאַנץ אָפט געווען ביי אים די איינציקע שפּייז, צו וואָס ער האָט זיך שפּעטער, אפילו אין די עלטערע יאָרן, צוריקגעקערט. אַ שטיק ברויט מיט אַן עפּל אָדער מיט אַ פּאָר וויין־טרויבן, איז, פאַר אים גענוג געווען אָנצוגיין מיט זיין שווערער און פאַרצווייגטער ארבעט.

ער, עליזע, איז געווען דער צווייטער פון די צוועלף קינדער אין הויז. פון דער נאַטור אַ באַגאַבט קינד, האָט ער זיך תמיד אויסגעצייכנט אין זיינע לימודים אין דער שולע, דעריבער האָט זיין טאַטע נאָר געוואָלט, דאָס ער זאָל ווערן זיין נאָכפאָלגער: אַ פּראָטעסטאַנטישער גלח, צוליב דעם האָט ער אים ארייננגעגעבן אין אַ טעאָלאָגישן סעמינאַר אין מאָנטעבאָן, פראנקרייך. אָבער די רעפּובליקאַנישע אידייען און די אַנטי־רעליגיעזע באַוועגונג פון יענער צייט אין פראנקרייך האָבן דעם יונגן בחורל פּריצייטיק פאַרכאַפּט, און אין אים דערוועקט אַ שטאַרקן דורשט זיך צו באַקאַנען מיט די נאַטור־וויסנשאַפטן.

צו 16 יאָר (1846), איז ער צוזאַמען מיט זיין עלטערן ברודער עליע, אוועק צופוס נאָך בערלין, דייטשלאַנד, וואו עס האָט זיך דעמאָלט געפונען דער באַוווּסטער געאָגראַף: קאַרל ריטער (1779—1859) וואָס האָט צו יענער צייט צוגעצויגן צו זיך די שטודירנדיקע יוגנט.

ווי לאַנג די ברידער רעקלו האָבן דאָרטן געווילט איז ניט באַוווּסט. ווי עס איז אויך ניט באַוווּסט וואָס פאַרא ראָלע זיי האָבן געשפּילט אין דער רעוואָלוציע פון 1848 אין פראַנקרייך, אָבער עס איז יאָ באַוווּסט דער פאַקט, דאָס נאָך דעם נאַפּאָלעאָנישן פּוטש (שטאַט איבערקערעניש) פון דעצעמבער דעם 2טן, 1851, האָבן ביידע ברידער געמוזט פאַרלאָזן פראנק־רייך. דער עלטערער ברודער איז געלאָפן נאָך צוריך, שווייצאַריע, און ער, עליזע, איז געלאָפן נאָך אירלאַנד (דעמאָלט ענגלאַנד), וואו ער האָט געווילט אַ היפּשע צייט, ער האָט זיך אפילו באַטייליקט אין די בונטן פון די אָרעמע פּויערים, וואָס זיינען פון די ענגלישע אינדוסטריאַליסטן באַרויבט געוואָרן פון זייער ערד.

פון אירלאַנד איז ער אַוועק נאָך די פאַראייניקטע שטאַטן פון אמעריקע, און פון דאָרט איז ער אוועק נאָך דער ענגלישער קאָלומביע (היינט אַ דרום אמעריקאַנער שטאַט) און שפּעטער נאָך דער ענגלישער גיאַנאַ.

זעקס יאָר האָט ער געווילט אויף זיין וואַנדער־רייזע, וועלכע ער האָט שפּעטער באַשריבן אין זיינע מאָנומענטאַלע געאָגראַפישע ווערק. דאָס ערשטע ביכעלע, „די רייזע צו די שניי־בערג פון סענט מאַרט״,

וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט באַלד נאָך זיין צוריקקומען קיין פראַנקרייך, האָט געלייגט דעם גרונד־שטיין פאר זיין אומשטערבלעך ווערק, „די ערד". אין דעם קליינעם ביכעלע ציגט זיך זיין טיפער האַס קעגן שקלאַפעריי, און די הייסע ליבע צו דער שוואַרצער ראַסע, וואָס ווערט אזוי מערדערלעך עקספּלואַטירט פון די ווייסע ציוויליזאַטאָרן...

ער איז צוריק געקומען נאָך פראנקרייך אין יאָר 1857, פונקט אין דער צייט, ווען איבער אייראָפּע האָט אָנגעהויבן בלאָזן אַ פרייהייט ווינטל, פון וואָס עס האָט זיך אויסגעשיילט די גרויסע פרייהייטס־באַוועגונג אין איטאַליע מיט גיסעפּי גאַריבאַלדי בראש (1807—1882) עס איז אויך דאַן פאַרגעקומען, די באפרייאונג פון די לייב־אייגענע אין רוסלאַנד, און די אָפּשאַפונג פון דער נעגער־שקלאַפעריי, און אין דער זעלביקער צייט איז אויך צושטאַנד געקומען אַ גרויסע רעוואָלוציע אין דער אנטוויקלונג פון די נאַטור־וויסנשאַפטן (1855—1862), וואָס האָט געביטן דעם גאַנצן פּנים פון דער וויסנשאַפט פון יענער צייט.

עליזע רעקלו, האָט זיך, ווי באַוווּסט, באַטייליקט אויףביידע פראָנטן, סיי אויף דעם וויסנשאַפטלעכן און סיי אויף דעם סאָציאַלן. ער איז געווען פּעדאַגאָג און רעוואָלוציאָנער, פאַרשער און לערער.

ער האָט זיך אַקטיוו באַטייליקט אין דער אנטי־אימפּעריאַליסטישער באַוועגונג וואָס איז אָנגעגאַנגען אין די זעכציקער יאָרן פון יענעם יאָר־הונדערט אין פראנקרייך, ער האָט אויך גענומען אַן אנטייל אין דער קאָנספּיראַציע קעגן נאַפּאָלעאָן דעם 3טן.

אין יאָר 1865 האָט ער זיך באַטייליקט אין די אַקטיוויטעטן פון דעם אינטערנאַציאָנאַל, וואָס איז מיט אַ יאָר פריער (1864) געגרינדעט געוואָרן. אפילו נאָך פריער ווי דער גרויסער רוסישער דענקער און רעבעל, מיכאיל באַקונין (1814—1876) האָט אין יאָר 1864 אין איטאַליע געגרינדעט זיין באַוווּסטע „אַליאַנץ" אונטער דעם נאָמען „די אינטערנאַציאָנאַלע ברו־דערשאַפט", זיינען שוין די ברידער רעקלו געווען שטאַרק טעטיק, און זיי האָבן אָנגעפירט אַ רעוואָלוציאָנערע פּראָפּאַגאַנדע. נאָך איידער עס האָט זיך געגרינדעט דער אינטערנאַציאָנאַל איז דער עלטערער ברודער עליע, שוין געווען אַ הייסער אָנהענגער פון דעם פראַנצויזישן פילאָזאָף און סאָציאָ־לאָג שאַרל פוריע (1772—1837) און האָט צו יענער צייט שוין ארויסגעגעבן אַ פוריעאַנישע צייט־שריפט. עס איז פאַרבליבן אַ ניט געלייזט רעטעניש בנוגע דער אָנגעהעריקייט פון די רעקלוס, אָדער זייער באַקערן זיך צו דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג. דאָס האָט תמיד גערעגט די נייגעריקייט פון זייערע צייט גענאָסן. זיי אַליין האָבן קיין זכרונות נאָך זיך נישט געלאָזן, דערצו ווייזט אויס האָבן זיי קיין צייט אָדער קיין געדולד ניט געהאַט. איז דעריבער

זייער אינטערעסאַנט וואָס עס שרייבט וועגן דעם, דער היסטאָריקער פון דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג, מאַקס נעטלאַ (1865—1944), אין זיין ווערק, „די אַנאַרכיסטישע באַוועגונג אין דעם לויף פון דער צייט" און מיר ציטירן: מיר זיינען ניט זיכער צי דער יונגער עליזע, וואָס האָט אין יאָר 1849 (דעמאָלט אַלט געווען קוים 19 יאָר) שטודירט אין דעם אוניווערסיטעט אין מאָנטעבאַן, פראַנקרייך, האָט צומאָל געזען די צייטונג „רעוואָלוציאָן", וואָס איז צו יענער צייט דערשינען אונטער דער רעדאַקציע פון דעם אנארכיסט, בעיעגאריג, אין טולוז, וואָס איז ניט ווייט פון מאָנטעבאַן און זי האָט נאָר אַנגעהאַלטן פון מערץ ביז חודש דעצעמבער פון דעם זעלבן יאָר (1849). נאָך ווינציקער גלויבט זיך, דאָס די צייטונג, ווען ער זאָל זי האָבן געזען זאָל האָבן געהאַט אויסגעאיבט אויף אים, אויף דעם יונגן אינטעלעקט, אַ וועלכן עס איז איינפלוס, ווייל אויף אַזאַ טיף פילנדיקער נשמה, האָט די קאַלטע טרוקענע קריטיק פון א. בעיעגאריג ניט געקאָנט האָבן וועלכן עס איז איינפלוס. אויב דער אַנאַרכיסטישער אידעאַל, וואָלט שוין דעמאָלט ניט געגליט אין זיין הארצן, וואָלט ער פון דער צייטונג קיין אַנאַרכיסט ניט געוואָרן. און אַ שריפט, וואָס איז גאַנץ שפּעטער געפונען געוואָרן, באַווייזט בולט, דאָס די אנארכיסטישע אידייע איז שוין דעמאָלט ביי אים רייף געווען, די שריפט וואָס טראָגט דעם דאַטום 1851 און איז געצייכנט אין מאָנטאבאן טראָגט דאָס קעפּל: „דער אויפבלי פון דער פרייהייט אויף דער וועלט" און זאָגט בקיצור: אונדזער אויפגאַבע איז קודם־כּל, אָפּצושאַפן די פּריווילעגירטע קלאַסן, און שאַפן אַ פּאַראייניקונג פון אַלע פעלקער פון דער וועלט, אונדזער ענדציל איז צו דערגרייכן אַ גערעכטן סאָציאַלן סדר פאַר אַלע מענטשן, קיין פאָלק זאָל ניט געצוווּנגען זיין צו לעבן אונטער דער הערשאַפט פון אַ רעגירונג, אָדער צו לעבן אונטער דעם דרוק פון אַ צווייטער מלוכה, (דערמיט האָט ער געמיינט דעם קאָלאָניאַליזם). מיר ווילן די אָפּשאַפונג פון יעדער רעגירונג, די אַנאַרכיע איז דער העכסטער אויסדרוק פון אָרדענונג, די וואָס גלויבן אַז די וועלט קען ניט אויסקומען אָן דער אויטאָריטעט פון דער מאַכט, די יעניקע גלויבן ניט אין קיין פּראָגרעס, זיי זיינען רעאַקציאָנערן.

אָט־די שורות ווייזן בולט דעם וועלט־באַנעם פון דעם יונגן אינטעלעקט, עס איז מערקווירדיק, ער שרייבט „מיר", ווייסט מען ניט, צי ער שרייבט דאָס אין דעם נאָמען פון אַ געזעלשאַפט אָדער אַ גרופּע, אָדער עס איז פון באַשיידנקייט. מען וועט אַ פּנים שוין קיינמאָל ניט וויסן ווען און דורך וועלכע קאַנאַלן ער איז געקומען צו דער אַנאַרכיסטישער באַזינונג. אָבער דער פאַקט איז, אַז זיינע שפּורן געפינט מען אין אַלע סאָציאַלע געשעענישן בכלל, און אין דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג פון יענער צייט, בפרט, סיי

אין פראנקרייך און סיי אין אַלע אַנדערע לענדער, אפילו דאָרט וואו ער קומט נאָר אויף אַ ווײַלע, זוכט ער גלייך זיך אָפּ זיין אָרט, אַזוי האָט מען אים געזען אין לאָנדאָן, וואו ער איז געקומען אויסבאַהאַלטנדיק זיך פון דער פראַנצויזישער פּאָליציי, ווי אַ מיטגליד אין דעם גענעראַל ראַט פון דעם אינטערנאַציאָנאַל.

צום ענדע פון דער נאַפּאָלעאָנישער ממשלה (1867—1868) אין עליזע אין פּאַריז, וואו ער האָט אַרויסגעגעבן זיין אומשטערבלעך ווערק, „די ערד". דורך דעם ערשטן טייל פון אָט־דעם ווערק „די קאָנטינענטן" האָט ער זיך באַלד איינגעשאַפּט דעם אויבנאָן צווישן די געאָגראַפן פון זיין צייט. ווי אַלץ וואָס ער האָט געשריבן איז אויך דאָס ווערק פון אויסערגעווענ־לעכער באַשרייבערישער שיינקייט, דער אופן פון באַשרייבן די נאַטור אין אַלע אירע ניואַנסן און אַספּעקטן איז פון אַזאַ פּערפעקציע און הערלעכ־קייט, וואָס מיט דעם אויסנאַם פון אַלעקסאַנדער הומבאָלדטס (1769—1859) שריפטן, איז ניט פאַראַן זיין גלייכן אין דער גאַנצער ליטעראַטור פון יענער צייט.

איין מאָל, שרייבט פּיאָטער קראָפּאָטקין, האָב איך אים, עליזע רעקלו, דערציילט, ווי אַנטציקט איך בין געוואָרן קוקנדיק אויף אַ בילד פון דעם שפּאַנישן מאָלער מורילאָ (1617—82), אין דעם מוזעאום פון מאַדריד, דער אַנבליק פון זיין „מאַדאָנע" האָט מיך פאַרכאַפּט. פאַרוואָס, האָב איך אים געפרעגט, לעבט פאַר אייביק דאָס וואָס איז שיין? דאָס איז די שיינקייט גופא! דערפאַר וואָס זי איז אַן אידייע, אַרויסגעבראַכט אין אַלע אירע איינצלהייטן, האָט ער מיר געענטפערט.

יעדעס מאָל ווען איך — שרייבט ווייטער קראָפּאָטקין — לייען איבער אַ בלעטל פון זיינס אַ בוך דערמאָן איך זיך אין זיין דעפיניציע פון שיינקייט.

געוויס, וואָלט די מאַדאָנע פון מורילאָ ניט געווען אַזוי שיין, ווען יעדער שטריך, יעדע איינצלהייט, די הענט, די האָר אירע, ביז דעם זוים פון איר קלייד, וואָלטן ניט האַרמאָנירט מיט איר גאַנצן אויסזען. און אַ זייטל פון עליזע רעקלוס ווערק וואָלט ניט געווען אַזוי פּרעכטיק, ווען די גרונט־אידייע וואָלט ניט געווען אויסגעאַרבעט מיט אירע אַלע פּרטים.

די מלחמה פון 1870—71 — האָט זיך פאַרענדיקט מיט דער באַלאַגע־רונג פון פּאַריז דורך דעם פּרייסישן חיל, און שפּעטער מיט דער פּראָקלאַ־מירונג פון דער פּאַריזער קאָמונע. עליזע רעקלו האָט זיך גלייך אָנגעשלאָסן אין דער אַרמיי פון די קאָמונאַרן.

ער האָט פון דער טיפקייט פון זיין האַרצן געהאַסט דעם מונדיר, די „מעשענע קנעפּ", אָבער אין דעם נייטיקן מאָמענט האָט ער געוויזן, ווי

אַזוי אַן אויפריכטיקער רעוואָלוציאָנער דאַרף האַנדלען. ווען די פירער־לייטער פון די בלאַנקיסטן און יאַקובינער האָבן אָנגענומען אַמטן ביי דער רעגירונג, אפילו די „אינטערנאַציאָנאַליסטן" זיינען געלאָפן דערווײַלט צו ווערן אין דעם אַדמיניסטראַטיוון ראַט (אַ סאָרט פּאַרלאַמענט) פון דער קאָמונע, האָט עליזע גענומען די ביקס און געקעמפט אין די רייען פון די פעדערירטע אַרבעטער, און זיין ברודער עליע, האָט זיך געשטעלט אונטער די אָנפירערשאַפט פון וואיאַן, און גערעטעוועט די קונסטווערק פון לוווער מוזעאום, און די ווערק פון „דער נאַציאָנאַלער ביבליאָטעק", ניט קוקנדיק אויף דעם האַגל פון די גראַנאַטן וואָס די ווערסאַליער האָבן אויף זיי געשאָטן.

אין דער ערשטער העלפט פון חודש אַפּריל 1871, האָט די קאָמונע באַשלאָסן צו מאַכן אַ פּרווו דורכצוברעכן די וואַנט פון די ווערסאַליער, אין דעם פּרווו האָט זיך עליזע באַטייליקט. אָבער ביי שאַטיאָן, אַ פאָרשטאָט ניט ווייט פון פּאַריז, איז ער, עליזע, צוזאַמען מיט אַנדערע חברים געפאַנגען געוואָרן פון די ווערסאַליער און שרעקלעך געפייניקט געוואָרן.

אָט וואָס עליזע רעקלו שרייבט וועגן דעם: ווען מיר זיינען געשמידטע אין קייטן אָנגעקומען אין ווערסיי, האָבן אונדז באַגעגנט אַ מאַסע צעווילדעוועטע בורזשואַזן מיט זייערע דאַמען, וואָס האָבן שוין אונדז אָפּגעוואַרט, ווען מיר האָבן דורך זיי דורכמאַרשירט האָבן זיי, די צעווילדעוועטע בורזשואַזן אונדז באַליידיקט אויף דעם נידעריקסטן אופן. אַ מאַן, אויב איך מאַך ניט קיין טעות, איז ער געווען אַ מיטגליד פון דער געאָגראַפישער געזעלשאַפט, איז צוגעקומען צו מיר, אויסשרייענדיק: אַזאַ נבלה ביזט דו, און האָט מיר דערלאַנגט אַ זעץ איבערן קאָפּ, און זיין דאַמע האָט מיך מיט איר זון־שירעם געשלאָגן, איך בין געפאַלן אין אָנמאַכט.

שפּעטער האָט זיך אָנגעפאַנגען די גרויזאַמע מערדעריי אויף דעם בלוט־פעלד פון סאַטאָר. די שומרים האָבן געשאָסן אויף יעדן איינעם וואָס האָט זיך פּרובירט אויפהייבן פון דער ערד, יעדן טאָג האָט מען אויסגעקליבן אַ צאָל פון די געפאַנגענע צו ליקווידירן, און שפּעטער האָט מען אונדז, די נאָך לעבן געבליבענע, אַריבערגעפירט נאָך ברעסט אין דער שרעקלעכער תפיסה פון מאָנט סאַן־מישעל...

אין חודש נאָוועמבער פון דעם זעלביקן יאָר איז עליזע פאַרמשפט געוואָרן פאַרשיקט צו ווערן אויף דעם אינדזל פון ניי־קאַלעדאָניע, פון וואַנען ער וואָלט זיכער מער ניט צוריקגעקומען אַ לעבעדיקער, אָבער די געלערנטע פון גאַנץ אייראָפּע, הויפּטזעכלעך פון ענגלאַנד, מיט שאַרל דאַרווין, וועלס, ווו. קאַרפּענטער און פילע אַנדערע האָבן זיך אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט פון זיין באַפרייונג, זיי האָבן אונטערגעשריבן אַ פּעטיציע פאָדערנדיק זיין צוריקקער פון פאַרשיקונג, און אין חודש יאַנואַר 1872

איז דער אורטייל פֿאַרביטן געוואָרן אויף אַ לעבנסלענגלעכן גירוש פֿון זיין היים־לאַנד, און ער איז אַוועק נאָך צוריק, שווייצאַריע, ווו עס האָט זיך דעמאָלט געפֿונען זיין עלטערער ברודער עליע.

דאָרט, אין דער שווייץ, האָט ער געשריבן זיין ווערק: „די געשיכטע פֿון אַ באַרג". אין דעם ווערק גיט ער אַ דאַנק די בערג, פֿאַרוואָס זיי האָבן אים געהאָלפֿן צוריק געפֿינען דעם גייסטיקן גלייכגעוויכט, נאָך אַזויפֿיל ליידן, וועלכע ער האָט דורכגעמאַכט.

אין דעם הערלעכן ווערק, שרייבט פּ. קראָפּאָטקין, קומט זיך צונויף עליזעס גייסט מיט דעם פֿון געטהעס אַנשויאונג,ביידע האָבן דערקאַנט, אַז די גאַנצע נאַטור לעבט און שטרעבט, און אַז דער באַרג, דער טייך, דער וואַלד זיינען ברידער און שוועסטער פֿון דעם מענטשן.

אין דער שטאָט קלאַראַן (שווייצאַריע) האָט ער אין יאָר 1872 אָנגעהויבן שרייבן זיין הויפּט־ווערק: „די אוניווערסאַלע געאָגראַפֿיע", דער ערשטער באַנד איז דערשינען אין יאָר 1876 און דער לעצטער באַנד, דער 19־טער איז דערשינען אין יאָר 1894, אָבער בשעת ער האָט געאַרבעט אויף דעם קאָלאָסאַלן ווערק, האָט ער זיך גלייכצייטיק אויך באַטייליקט אין אַלע טעטיקייטן און אונטערנעמונגען פֿון דער יורא־פֿעדעראַציע פֿון דעם אינ־טערנאַציאָנאַל, און ער האָט אויך מיטגעאַרבעט אין דעם ביולעטין פֿון דער פֿעדעראַציע, און האָט צוזאַמען מיט די באַוווסטע אַנאַרכיסטן, לעפֿראַנס און זשוקאָווסקי געגרינדעט דעם חודש־זשורנאַל: „לי טראַוואַיאַר" (דער אַרבעטער) און שפּעטער ווען מען האָט אַרויסגעגעבן די צייטשריפֿט: „רעוואָלטע" (אויפֿשטענדלער) איז די צייטונג געוואָרן אַ טייל פֿון אים, קיין זאַך איז פֿאַר אים נים צו שווער געווען צו טאָן פֿאַר דער צייטונג, ער האָט זיך פֿון קיין זאַך ניט אָפּגעהאַלטן, און פֿאַר פֿאַרפֿאָלגונגען האָט ער זיך ניט געשראָקן.

ווען די צייטונג איז פֿאַרפֿאָלגט געוואָרן פֿון דער פּאָליציי, און איר הויפּט־רעדאַקטאָר, פּ. קראָפּאָטקין, איז אַרעסטירט געוואָרן, האָט עליזע אָנגעבאָטן די זשענעווער חברים זיין פֿולע מיטאַרבעטערשאַפֿט, ער איז ניט שטיין געבליבן אין מיטן וועג, ער איז תמיד גרייטוויליק געווען צו טראָגן אַלע קאָנסעקווענצן. אין שייכות דערמיט, שרייבט זשאַן גראַוו דער ניט־רעדאַקטאָר פֿון דער צייטונג „רעוואָלטע" אין זיין ווערק: „די אַנאַר־כיסטישע באַוועגונג אונטער די דריטע רעפּובליק": „ווען ניט די גייסטיקע און עקאָנאָמישע הילף פֿון עליזע רעקלו, וואָלט די צייטונג ניט געקאָנט עקזיסטירן, ער האָט ניט נאָר צוגעטראָגן זיין ווערטפֿולע פּען נאָר אויך זיינע, פֿון זיך אָפּגעשפּאָרטע, פֿאַרדינסטן, ער האָט פֿאַר יאָרן לאַנג, (ווי לאַנג ער האָט געקראָגן זיין האָנאָראַר פֿאַרן שרייבן זיין ווערק פֿאַר דעם

באַרלאַג האשעט) צוגעטראָגן 100 פראַנק אַ חודש פאַר דער צייטונג, ער איז ווי שוין פריער געזאָגט נישט שטיין געבליבן אין מיטן וועג.

ער האָט אויך צו יענער צייט געהאַלטן זיין באַוווסטן רעפעראַט אין זשענעווע איבער די טעמע: „רעוואָלוציע און עוואָלוציע", וואָס ער האָט שפעטער אַרויסגעגעבן. די בראָשור האָט אַרויסגערופן צוליב איר אַנאַרכיסטישן אינהאַלט אַ געוואַלדיקן שטורעם אין דער אַזויגערופענער אַקאַדעמישער וועלט, אַ סך פון זיינע פריינט און פאַרערער צווישן די וויסנשאַפטלער זיינען דערשיטערט געוואָרן פון זיינע אויספירן אין דער בראָשור, אָבער דאָס האָט אים ניט געאַרט, ער איז אויף תמיד פאַרבליבן דער קאָמונאַר, דער אומבייגזאַמער קאָמונאַר. אפילו אין דעם פעריאָד פון די 90קער יאָרן, ווען עקסטרעמע טעאָריעס און טעראָריסטישע אַקטן האָבן שטאַרק באַאיינפלוסט אונדזערע רייען, פון וואָס אַ סך ערנסטע גענאָסן האָבן זיך דערשראָקן און זיינען אַנטלאָפן, איז עליזע רעקלו געבליבן אויף זיין פאָסטן, ער האָט זיך אפילו אין אַ געוויסן זינען, אָדער צו להכעיס, דערקלערט סאָלידאַריש מיט די, וועמען די רעגירונג און שטאַט־סאָציאַליסטן האָבן בראַנדמאַרקירט ווי פאַרברעכער, דאָס האָט אַרויסגערופן קעגן אים אַ ביטערן האַס פון אַלע רעגירונגען און פון זייערע סטראַפּטשעס.

דעם 18טן יולי 1892 איז אים אָנגעבאָטן געוואָרן די פּראָפעסאָר־קאַטעדרע אין דעם „אוניווערסיטעט ליברע" (דער פרייער אוניווערסיטעט) אין ברוסל, בעלגיע, וואָס ער האָט מיט פאַרגעניגן אָנגענומען, מיט דעם באַדינג, דאָס ער וועט אָנהייבן צו געבן זיינע געאָגראַפישע לעקציעס, ווען ער וועט האָבן פאַרענדיקט זיין ווערק: „די געאָגראַפיע אוניווערסאַל" וואָס וועט פאַרטיק ווערן אָנהייב יאָר 1894, די מיטטיילונג איז פון דער סטודירנדיקער יוגנט און פון דער ליבעראַלער פרעסע מיט גרויס באַגייסטערונג אויפגענומען און באַגריסט געוואָרן.

עס איז געוויס געווען אַ גרויסע זכיה פאַר דעם אוניווערסיטעט וואָס עליזע רעקלו האָט אים אויסגעקליבן צווישן די אַנדערע אוניווערסיטעטן, וואָס האָבן אים געוואָלט האָבן אַלס פּראָפעסאָר. עס איז אויך געווען אַן ערע פאַר דעם „פרייען אוניווערסיטעט" צו האָבן איינעם פון די גרעסטע געאָגראַפן פון זיין צייט, דעם געטרייען נאָכפאָלגער פון קאַרל ריכטער און פון אַלעקסאַנדער הומבאָלדט, און עס איז געווען אַ גליק פאַר די סטודענטן צו קענען געניסן פון אַזעלכע לעקציעס און פון אַזאַ מענטשן. אָט אַזוי האָט געשריבן וועגן אים גאָבלע דע אַלוועלאַ, פּראָפעסאָר פון אוניווערסיטעט, און מחבר פון דעם ווערק „לע אוניווערסיטע דע ברוסעל" (דער אוניווערסיטעט פון ברוסל 1884—1909) און אין דעם זינען האָט די גאַנצע ליבעראַלע פרעסע פון יענער צייט געשריבן וועגן אים, און וועגן

זיין דערוואַרטן אויפטרעטן פאַר די בעלגישע סטודענטן אַלס פּראָפעסאָר.

ענדלעך האָט זיך אונטערגערוקט די צייט, ווען דער אַדמיניסטראַטיווער ראַט, (די פאַרוואַלטונג פון דעם אוניווערסיטעט) האָט באַדאַרפט באַשטימען דעם ענטגילטיקן טאָג, ווען עליזע רעקלו זאָל אָנהייבן זיינע קורסן, דאָ איז געשען עפּעס אומדערוואַרטעס:

דעם 30טן דעצעמבער 1893, דאָס הייסט בשעת די סטודענטן זיינען געווען אויף קאַניקולן, וואַקאַציע פון ניי־יאָר ,האָט די פאַרוואַלטונג פון דעם אוניווערסיטעט, פאַרעפנטלעכט אַ מעלדונג, דאָס די קורסן פון פּראָ־פעסאָר עליזע רעקלו זיינען אָפּגעלייגט אויף אַן אומבאַשטימטער צייט. דאָס איז געטאָן געוואָרן בכיוון, די פאַרוואַלטונג האָט געדענקט, אַז ביז די קלאַסן וועלן זיך אָנהייבן, וועט דאָס שוין זיין אַ פאַרגעסענע זאַך, אָבער זיי האָבן דעם חשבון געמאַכט אָן דעם בעל־הבית, די סטודענטן, געשטיצט פון דער ליבעראַלער פּרעסע, האָבן גלייך אָנגעהויבן אַ פּראָטעסט באַוועגונג, וואָס האָט געפונען אַ גאָר שטאַרקן אָפּקלאַנג אין דער סטודענטן וועלט פון איבער דעם גאַנצן לאַנד, און ווען דער אוניווערסיטעט אין ברוסל האָט זיך געעפנט פאַר די קלאַסן פון דעם נייעם זמן, האָבן די סטודענטן געענטפערט מיט אַ סטרייק, עס האָט ניט געהאָלפן דאָס סטראַשען פון דער אַדמיניסטראַ־ציע אַז די באַטייליקטע אין דעם סטרייק וועלן אויסגעשלאָסן ווערן פון דעם אוניווערסיטעט.

הגם די פאַרוואַלטונג האָט ניט אָנגעגעבן קיין מאָטיוו פאַר דעם דראַסטישן באַשלוס אין דעם לעצטן מאָמענט, ערב די קורסן, דאָך איז לייכט געווען צו פאַרשטיין, אַז דאָס איז געווען דער פּועל־יוצא פון דעם פאַרצווייפלטן פּחד, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט די רעאַקציאָנערע וועלט. עס זיינען פאַרגעקומען טעראָריסטישע אַקטן אין פראַנקרייך, און איבערהויפּט דער אַטענטאַט פון העגרי וואיאַן, דער אַנאַרכיסט, וואָס האָט געוואָרפן זיין בלעכענע באָמבע אין דעם פראַנצויזישן פּאַרלאַמענט אין פּאַריז, בכדי צו איבערשרעקן די גענעץ־מאַכער, די נידערטרעכטיקע משרתים פון דער הערשנדיקער רעאַקציע.

טראָץ דעם, וואָס עליזע רעקלו, איז ווייט ניט געווען קיין אָנהענגער פון דער אַזוי־גערופענער „פּראָפּאַגאַנדע דורך מעשים", האָט ער זי, אָבער, אויך ניט פאַרדאַמט, ער האָט בולט ניט גענומען קיין שטעלונג, ווייל ער האָט דאָס געלאָזן צו די אָנגעגריפענע און אָנגרייפער זיך אַליין צו ספּראַווען, ער איז ניט געווען קיין שטאַטס פּראָקוראָר, און איז אויך ניט געווען קיינעמס אַדוואָקאַט, און דאָס איז עס וואָס די רעאַקציאָנערע וועלט האָט אים ניט געקאָנט מוחל זיין, און די שטעלונג פון דער פאַרוואַלטונג לגבי אים האָט דאָס באַשטעטיקט. אָבער ניט עליזע רעקלו און ניט די סטודענטן האָבן זיך

דערשראָקן, און געוואָרן אַנטמוטיקט. די פּראָטעסט באַוועגונג, האָט זיך פֿאַרשפּרייט איבערן גאַנצן לאַנד, מיטינגען און דעמאָנסטראַציעס זיינען פֿאָרגעקומען אין אַלע גרויסע שטעט אין בעלגיע, און וואָס האָט זיך סוף־כּל־סוף פֿאַרענדיקט מיט דער גרינדונג פֿון דעם „נייעם אוניווערסיטעט" (לע אוניווערסיטע נוועל) ווי שוין פֿריער דערמאָנט, מיט די ברידער בראָש. דערמיט זיינען צום ווילפֿלטן מאָל באַשטעטיקט געוואָרן די גייסטיקע גרויסקייט פֿון זיין פּערזענלעכקייט און זיין מעכטיקער איינפֿלוס וואָס ער האָט געהאַט אויף דער פּראָגרעסיווער וועלט בכלל און אויף דער שטודירנ־דיקער יוגנט פֿון יענער צייט בפרט.

אין שייכות מיט דער דערעפֿענונג פֿון דעם נייעם אוניווערסיטעט איז זייער אינטערעסאַנט וואָס עס האָבן געשריבן, צומאָרגנס, נאָך דער ערשטער לעקציע פֿון עליזע רעקלו, די צייט־שריפֿט: „לאַ סאָסיעטע נוועל" (די נייע געזעלשאַפֿט) וואָס דערשיינט אין בריסל אין איר אויסגאַבע פֿון דעם חודש מאַרץ 1894. אַט־וואָס זי זאָגט: „אַן אויסערגעוועינלעך גרויסער עולם האָט מיט גרויסער אויפֿמערקזאַמקייט זיך צוגעהערט צו דער לעקציע פֿון דעם באַרימטן וויסנשאַפֿטלער.

דאָס וואָס עס שטעלט מיט זיך פֿאָר די לערע, פֿון דעם מחבר פֿון דער „נייער געאָגראַפֿיע" און וואָס מאַכט זי אַזוי אינטערעסאַנט איז זיין הומאַ־ניטאַרער גייסט, די פֿיזישע סיבות, די מאָראַלישע טענדענצן זיינען געפּאַסט, קאָאָרדינירט אין איין לאָגישער גאַנצקייט. די געשיכטע פֿון דער ערד און פֿון דער מענטשהייט אידענטיפֿיצירן זיך אין איין אומגעהויער גרויסן סינטעז, די געאָגראַפֿיע פֿאַרשטאַנען אויף דעם אופֿן ווערט אַ וויסנשאַפֿט פֿאַר עקסעלענץ.

דער טיפֿער אַלטרואיסטישער געפֿיל וואָס אינספּירירט דעם לעקטאָר גיט ער איבער צו זיינע צוהערער, און עס שאַפֿט זיך צווישן דעם אָראַטאָר און זיינע צוהערער אַן אידעאישע באַהעפֿטונג, אַן אינטעלעקטועלע נאָענט־קייט וואָס מאַכט מעגלעך אַ פֿולקומענע פֿאַרשטענדעניש און דאָס איז דערפֿאַר, וואָס דער פּראָפֿעסאָר איז ניט קיין פּראָפֿעסאָר, ער איז אַ פֿריינט.

אין לויף פֿון אַ לעבן פֿון אַרבעט, האָט ער געשעפּט דערפֿאַרונג, אַנט־דעקט פּרינציפּן און זיי אַנטפּלעקט פֿאַר אַנדערע, ער האָט דאָס געטאָן אין אַ קלאָרן לשון, און אין בילדערלעכע שילדערונגען וואָס זיינען פֿול מיט לעבן".

אַט־דאָס איז געווען עליזע רעקלו, דער געאָגראַף, און אַפּאָסטאָל פֿון דער אַנאַרכיע, ביי וועמען די געפֿילן, דאָס וויסן און די האַרציקע באַהעפֿ־טונג מיט זיינע מיטמענטשן איז געווען אַ הייליקער געבאָט, און פֿאַר וועמענס ווילזיין ער האָט געשטרעבט, געקעמפֿט און געשטאָרבן.



פ. ד. ניוועניהויז

פון קריסטנטום צום אַנאַרכיזם

פערדינאַנד דאָמילאָ ניווענהויז, איז געבוירן געוואָרן דעם 3טן מאַי 1846 אין דער האָלענדישער פּראָווינץ־שטאָט אָטראַט. ביז זיינע 20קער יאָרן האָט ער מיט קיין זאַך זיך ניט אויסגעצייכנט. ער אַליין האָט וועגן זיין יוגנט קיינמאָל ניט גערעדט, און אויך אין ערגעץ ניט פאַרצייכנט. זיין אַרויפטרעטן אויף דער אַרענע פון סאָציאַלע טוענגען הייבט זיך אָן מאַי דעם 22טן, 1870 אין האַרלינגען, ווען ער האָט אָנגעפאַנגען זיין קאַריערע אַלס לוטעראַנישער פּאַסטאָר־גלח. זיין ערשטע דרשה וואָס ער האָט געהאַלטן אין זיין באַפּטיסטישער קירכע, האָט געצויגן צו אים אַ גאָר באַזונדערע

אויפמערקזאַמקייט מצד פון זיינע פרומע צוהערער, און דערמיט געשטעמפּלט זיין מערקווערטיקן מהות.

אין זיין בוך: „פון קריסטנטום צום אַנאַרכיזם", באַשרייבט ער דעם איבערגאַנגס עפּיזאָד: „איך האָב זיך געפילט איבערגליקלעך, איך בין געווען באַרוישט פון דער געטלעכער השגחה, ווען איך האָב אָנגעפאַנגען מיין קאַריערע אַלס אַ לוטעראַנישער פּאַסטאָר, מיין נשמה איז געווען איבערגעפילט פון אַ זעלישער ליידנשאַפט, איך בין געווען באַגייסטערט פון דעם גרויסן אידעאַל, און פון מיין מיסיע־אויפגאַבע — גיין צום פאָלק, צו די מאַסן, פאַר זיי פּרעדיקן די גרויסע לערע פון קריסטוסן, די לערע, דעם אידעאַל, פון ליבע און האַרמאָניע, מיין ערשטע דרשה האָב איך געבויט אויף דעם הייליקן טעקסט פון מאַטעאָס: אַלע מענטשן זיינען גלייך, גאָטס שכינה רוט אויף אַלע מענטשן־קינדער. אַט־אַזוי, אין אַט דעם גייסט, און אויף דעם־אַ געביט בין איך אָנגעגאַנגען אַ יאָר צייט, וואָס איז פאַראיבער, ווי אַ שיפל וואָס שווימט אויף אַ שטילן ים.

אָבער דאַן איז געקומען די שרעקלעכע מלחמה, צווישן גרויסע מלוכות, דייטשלאַנד און פראַנקרייך — 1870 — האָבן זיך פאַרמאָסטן קעגנזייטיק זיך צו פאַרטיליקן, און וואָס האָט זיך סוף־כל־סוף פאַרענדיקט מיט אַ בידער־לאַגע פון דעם פראַנצויזישן מיליטער, ביי דעם טרויעריק־באַרימטן שלאַכט ביי סעדאַן ווו נאַפּאָלעאָן מיט זיין אַרמיי פון 100 טויזנט מאַן האָט קאַפּי־טולירט, וואָס האָט פאַראורזאַכט דאָס פאַלן פון דער 2טער פראַנצויזישער אימפּעריע און די פּראָקלאַמירונג פון דער פאַראייניקטער דייטשישער אימ־פּעריע מיט ביסמאַרקן בראש. גלייך איז געקומען די פּאַריזער קאָמונע מיט איר טרויעריקן אויסגאַנג: די אויסמאָרדונג פון אַ טייל פון פּאַריזער באַפעלקערונג דורך דער ווערסיילער פּלוטאָקראַטיע".

אַט דער שוידערלעכער ספּעקטאַקל וואָס האָט אויפגעברויזט דעם געוויסן פון מענטשן איבער דער גאָרער וועלט, האָט ניט געקאָנט לאָזן אומבאַווירקט דעם איידעלן ריטער פון מענטשן ליבע. און אין אַ געוויסן פרימאָרגן, האָט ער, פּ. ד. נ. פאַנאַדערגעקלעפּט אויף די מויערן פון שטאָט גרויסע רויטע אַפישן מיט דעם ווייסן פרידן־קרייץ, רופנדיק דעם עולם צו אַ מאַסן־מיטינג, כדי צו פּראָטעסטירן קעגן מלחמה און צו שאַפן אַ „ליגע פאַר שלום".

דערמיט, מיט אַט־דעם אַקט, האָט ער פאַר זיך אָנגעצייכנט דעם וועג, אויף וועלכן ער איז געגאַנגען ביז ער האָט אויסגעהויכט זיין לעצטן אָטעם־צוג.

די ליגע פאַר שלום איז געגרינדעט געוואָרן, אָבער איר צוועק איז געווען ניט בלויז דער אָפּשאַף פון מלחמות צווישן נאַציע און נאַציע נאָר אויך

דער אָפּשאָף פון סאָציאַלער אומגערעכטיקייט אין אַלגעמיין. זי האָט זיך אָפּגעגעבן מיט די טאָג טעגלעכע סאָציאַלע פּראָבלעמען און געשעענישן פון דער שטאָט גופא.

נאָך יעדער זונטיקדיקער גאָטס־דינסט איז מען זיך צוזאַמענגעקומען ביי אַ טעפּעלע קאַווע צו דיסקוטירן די וועלט פּראָבלעמען ווי אויך לאָקאַלע אָנגעלעגנהייטן און איינמאָל האָט מען אים דערוויילט פאַר אַ בורר אויס־צוגלייכן אַן אַרבעטער סטרייק. אַט־וואָס ער שרייבט וועגן דעם ערשטן קאָנטאַקט וואָס ער האָט געהאָט מיט די האַרעפּאַשניקעס און זייער מצב: „איך האָב נאָך פריש אין מיין זכרון יענע ערשטע באַגעגעניש אין דער סטאָ־דאָלע (פּערדשטאַל) וואָס איז געווען קוים באַלויכטן פון אַ נאָפט לעמפּעלע, ווּעמענס בלאַסע שיין האָט באַלויכטן די בלייכע פּנימער פון די פאַרזאַמלטע, וואָס האָבן אויסגעזען ווי באַוועגלעכע מתים. אַט דער טרויעריקער איינ־דרוק, וואָס דאָס מאַקאַברישע בילד האָט אויף מיר דעם יונגן, אומדערפאַ־רענעם רודף שלומניק געמאַכט, פאַרפאָלגט מיך נאָך היינט, הגם, זינט דעמאָלט זיינען שוין אָפּגעלאָפן קאַרגע 40 יאָר״.

מען קען גאַנץ לייכט פאַרשטיין, ווי ער, דער אידעלער ריטער פון יושר און גערעכטיקייט, דער פּרעדיקער פון דעם הייליקן געבאָט: „ואהבת לרעך כמוך״ האָט געפילט באַקאָנענדיק זיך מיט דעם טרויעריקן צושטאַנד אין וועלכן עס האָבן זיך געפונען די, צו וועמען ער האָט געפּרעדיקט די לערע פון מענטשן־ליבע, און אַז אַלע מענטשן זיינען גלייך...

אינטערעסאַנט איז וואָס עס שרייבט וועגן אים דער באַוווסטער היסטאָריקער פון דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג, מאַקס נעטלאַו, אין זיין ווערק: „די אַנאַרכיסטישע באַוועגונג אינם לויף פון דער צייט״.

„האָלאַנד איז ביז דער ערשטער העלפט פון דעם 19טן יאָר־הונדערט געווען כמעט ווי אימוניזירט קעגן סאָציאַליסטישע אידייען. די סאָציאַ־ליסטישע באַוועגונג אין פראַנקרייך און אין ענגלאַנד, די ראַדיקאַלע קריטיק פון די דייטשע פילאָזאָפן, וואָס האָבן צו יענער צייט געווירקט אין איראָפּע האָבן נישט דערגרייכט האָלאַנד, מיט דעם זעלטענעם אויסנאָם פון איינצעלנע אינטעלעקטואַלן און פריי־דענקער. ווען סאָציאַלע קאָנפליקטן זיינען דאָרט פאָרגעקומען, זיינען זיי באַהאַנדלט געוואָרן פון די דאָרטיקע רעליגיעזע כעקטן.

עס איז אפשר מחמת דעם פאַרלוסט פון איר נאַציאָנאַלער פּרעפּאָנדע־ראַנץ, וואָס זי האָט געליטן דורך די מלחמות פון די פראַנצויזישע רעוואָ־לוציעס פון 1830, ביי וועלכע בעלגיע האָט זיך פון איר אָפּגעריסן, און האָלאַנד איז געבליבן ווי איזאָלירט פון דער אַרומיקער וועלט, אָדער מעגלעך דאָס איז צו פאַרדאַנקען דעם רייכן האַנדל מיט אירע קאָלאָניעס, און די

צופרידנקייט פון די לאַנד־באַזיצער, וואָס האָבן מיט דער הילף פון זייערע רעליגיעזע סעקטן און סטראַפּטשעס פאַרטושט דעם איינפלוס פון דער אויסערלעכער וועלט. אפילו דער סאָציאַליסטישער אינטערנאַציאָנאַל, וואָס האָט שוין דעמאָלט געהאַט געשלאָגן טיפע וואָרצלען אין איראָפּע און איז גאַנץ שפּעטלעך אַהין קוים אַריינגעדרונגען, איז אויך געווען אין דעם גייסט פון אַ וואַסערדיקן, קאַלירלאָזן סאָציאַל־דעמאָקראַטישן רעפאָרמיזם, ביז אַ פּראָטעסטאַנטישער גלח מיט דעם נאָמען פערנאַנדאָ דעמילאָ ניווענהויז האָט זיך אין יאָר 1879 אָפּגעטיילט פון דער קרכע, און האָט זיך אַריינגעוואָרפן מיט לייב און לעבן אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. ער איז שפּעטער געוואָרן אַן אַנאַרכיסט, און ער איז עס פאַרבליבן ביז צו ענדע פון זיין לעבן.

דער באָדן איז געווען אַ גינציקער. אַ ברייט פאַרצווייגטע אַרבעטער באַוועגונג איז געשאַפן געוואָרן איבערן גאַנצן לאַנד. איר איינפלוס לאָזט זיך פילן נאָך היינט.

אָבער פ. ד. נ. האָט דורכגעמאַכט אַ צווייטע מעטאַמאָרפאָזע. פון אַ גלח אַ סאָציאַליסט, און איצט פון אַ סאָציאַליסט אַן אַנאַרכיסט.

אָט־וואָס ער אַליין שרייבט וועגן דער פּאַסירונג: „יאָ, איך מוז צוגעבן, דאָס אין משך פון דער צייט וואָס איך בין געווען אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט, איז די „פרייהייט" פון יאָהאַן מאָסט געווען מיין וועג־ווייזער. ער, יאָהאַן מאָסט האָט אויף מיר געהאַט אַ שטאַרקע השפעה, זי, — די צייטונג — האָט מיך געלערנט, און איך האָב געפאָלגט, צו האַלטן די אַרבעטער גוט דיסציפּלינירט, זיי פירן ווי אַ סטאַדע שאָף, און איך בין געווען זייער פּאַסטוך".

נאָך 10 יאָר פון אַקטיווער טעטיקייט אין דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, פון וועלכער ער איז געווען דער גרינדער, דער פּראָפּאַגאַנדיסט, דער שרייבער און זשורנאַליסט, האָט ער אויף דעם אינטערנאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישן קאָנגרעס אין 1889 געקראָגן אַ שטויס אין דער ריכטונג פון קריטיק פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אויפפאַסונג, און ער האָט מיט איר איבערגעריסן פאַר תמיד. וועגן אָט־דעם אָוועקגיין פון סאָציאַל־דעמאָקראַטיזם האָט ער געשריבן זייער באַלערנדיקע אָפּהאַנדלונגען. צווישן וועלכע עס געפינען זיך די פאָלגנדיקע.

„די פאַרשידענע טענדענצן אין דער דייטשישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע", מערץ 1892.

„דער סאָציאַליזם אין געפאַר", מאַי 1894.

„דער פרייהייטלעכער און דער אויטאָריטאַרער סאָציאַליזם", סעפּטעמבער 1895 און צו ענדע זיין באַרימט בוך: „דער באַנקראָט פון מאַרק־

סיזם״ מיט אַ פאָרעדע פון עליזע רעקלו, וואָס איז דערשינען יוני 1900.

מיט אָט־דעם ווערק האָט ער פאַרענדיקט די סעריע פון זיין קריטיק פון דעם סאָציאַל־דעמאָקראַטיזם בכלל און דעם אויטאָריטערן סאָציאַליזם בפרט. ער האָט אים קעגנגעשטעלט זיין דעפינירטע קאָנצעפּציע פון דעם פרייהייטלעכן סאָציאַליזם, וועמען ער האָט אַוועקגעגעבן, ביז צום ענדע, זיין רייך קאַלירפול לעבן, וואָס האָט זיך אויסגעלאָשן נאָוועמבער דעם 19טן, 1919 אין אַמסטערדאַם, האָלאַנד.

נ. ב.

ווי עס איז באַוווּסט איז אויך יאָהאַן מאָסט, כמעט אין דער זעלבער צייט געוואָרן אַן אַנאַרכיסט, און שפּעטער צוליב פּאָליצייאישע פאַרפאָל־גונגען אין זיין היימלאַנד־דייטשלאַנד האָט ער עמיגרירט נאָך די פאַר־אייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע, ווו ער האָט פאָרגעזעצט זיין דינאַמישע טעטיקייט אַלס אַן אַנאַרכיסט, און פאָרגעזעצט די אַרויסגעבונג פון זיין צייטונג, „די פרייהייט״.



יאהאן מאסט

1906—1846

אַ זעלטענע פיגור פון אַ זעלטענער צייט

די טראַיעקטאָריע פון דער וועלט געשיכטע איז אַ מערקווירדיקער זיגזאַג, אַן אוקאָס, פון אַ באַרג־אַרויף און אַ באַרג־אַראָפּ, פון אַן אויפשטייג און אַ צוריקפאַל, פון אַן אַהין און צוריק, און מיט דעם גייען די עפּאָכע־מאַכנדיקע געשעענישן, און די פּראָטאַגאָניסטן וועלכע שיילן זיך פון זיי אויס, און איינער פון די אויסערגעווייגלעכע פּראָטאָטיפּן, וואָס סימבאָליזירט אַם בולטסטן: צייט און גייסט, מענטש און מצב, איז עדר, ווענענס נאָמען עס באַקרוינט דאָס קעפּל פון די שורות.

פ. גדליה

יאָהאַן מאָסט איז געבוירן געוואָרן דעם 5טן פעברואַר 1846, אין האוסבורג, בייערן־דייטשלאַנד, ביי זייער אָרעמע עלטערן. דער טאַטע איז געווען אַן אָנגעשטעלטער ביי אַן אַדוואָקאַט, לויט דעם אָנגענומענעם כלל אין יענער צייט אין דייטשלאַנד, הויפּטזעכלעך אין בייערן, האָט אַזאַ קבצן ניט באַקומען קיין דערלויבעניש חתונה צו האָבן, אָבער די שטאָט־פאַר־וואַלטונג, האָט שפּעטער קיין אַנדערע ברירה נישט געהאַט, און געמוזט לעגיטימירן, דעם ניי־געבוירענעם בירגער, וועלכער איז אַן דעם אָפיציעלן הכשר, דאָך געקומען אויף גאָטס וועלט.

די מוטער איז געווען זייער אַ אינטעליגענטע פרוי און אַ געוויסנהאַפטע פריי־דענקערין. און אין דעם גייסט האָט זי דערצויגן איר זונדעלע און הגם זי איז געשטאָרבן, ווען דער קליינער יאָהאַן, איז קוים אַלט געווען 7 יאָר, אָבער איר איינפלוס איז פאַרבליבן איינגעקריצט אין זיין נשמה אויף זיין גאַנץ לעבן. דער האַס צו דער קירכע און אירע סטראַפּטשעס, האָט אים באַגלייט ביז אין קבר אַריין. די איינציקע גלעגנהייט וואָס ער האָט נישט געקאָנט אויסמיידן, געמוזט צוהערן אַ רעליגיעזע דרשה, — שרייבט ער אין זיינע מעמואַרן, — איז געווען אין דער שולע בשעת די רעגולערע למודים, ער האָט אויך די שולע געהאַסט, איבערהויפּט די לערער פאַר זייערע ברוטאַלע, אוממענטשלעכע דיסציפּלינאַרע מעטאָדן, אַ זאַך, וואָס עס איז געווען קעגן זיין סענסיטיוון כאַראַקטער, ער איז געווען אַ געבוירענער רעבעל, אָדער ווי ער אַליין האָט געזאָגט וועגן זיך: איך בין אַ געבוירענער פּאַרטיזאַן, דאָס איז נישט סתם אַזוי זיך אַ זאָג, און עס איז אויך ניט איבער־טריבן, זיין לעבנס געשיכטע איז אַ באַשיימפּערלעכע באַשטעטיקונג דערפאַר.

פון דער וויג ביז זיין קבר איז איין קייט, אַ שרעקלעכע קייט, פון הונגער און נויט און ביטערע פאַרפאָלגונגען, געפלאָכטן מיט ראַנגלענישן און ביטערע קאַמפן, קעגן אַן אכזריותדיקער וועלט.

אַ יאָר נאָך זיין מוטערס טויט, האָט דער טאַטע אים איינגעשאַפט אַ שטיף־מוטער, וואָס איז געווען אַ טייוול אין אַ מענטשן געשטאַלט. אין דער שול, ווילן זיך די קינדער מיט אים ניט חברן, צוליב זיין האַלב פאַר־קריפּלט פנים, דער רעזולטאַט פון אַ פאַרקילונג, וואָס איז פאַרנאַכלעסיקט געוואָרן, צוליב דער אוממעגלעכקייט צו קענען באַצאָלן אַ דאָקטאָר, איז ער פאַרבליבן אַ קריפּל אויף זיין גאַנץ לעבן. זיין אויסזען האָט געמאַכט אַ שלעכטן איינדרוק, ניט נאָר אויף די קינדער, נאָר אפילו אויך שפּעטער, ווען ער לעבט אין טיפער איינזאַמקייט, ווייל די טירן פון דער געזעלשאַפט זענען צוליב דעם, פאַר אים געווען פאַרשלאָסן אויף זיבן שלעסער. צו 12 יאָר האָט מען אים אַריינגעגעבן אין אַ פאַך־שול, ער איז אָבער דאָרט לאַנג ניט געבליבן, ווייל ער האָט אָנגערעגט די אַנדערע קינדער צו אַ סטרייק

קעגן די לערער, האָט מען אים פון דאָרטן גלייך משלח געווען. צו 13 יאָר האָט דער טאַטע אים אָפּגעגעבן אויף דריי יאָר צו אַ בוך־בינדער. און ווען דער טאַטע וואָלט ניט איינגעצאָלט 100 מאַרק און ניט אונטערגעשריבן אַ קאָנטראַקט, וואָלט ער זיכער פון דאָרטן אַנטלאָפן. דאָס זענען געווען דריי יאָר פון דוחק, געאַרבעט פון גאַנץ פרי ביז שפּעט אין אָוונט פאַר דעם בעל־הבית, האָט ער נאָך אויך באַדאַרפט באַדינען די בעל־הביתטע און זייערע קינדער, און האָט אפילו געמוזט טראָגן זייער אָפּפאַל. דערצו האָט ער נאָך געליטן הונגער און אַ חוץ דעם וואָס ער האָט געמוזט אַרבעטן עבודת פרך איז ער באַהאַנדלט געוואָרן ערגער פון אַ הונט.

צו 16 יאָר האָט ער פאַרענדיקט די לערע, ער איז געוואָרן אַ געזעלן, אַ בעל־מלאכה. ער איז גליקלעך, אַ פרייער מענטש. ער האָט אָנגעהויבן שפּינען האָפענונגען פאַר דער צוקונפט... מיט 16 מאַרק אין קעשענע, אַ פּאָר שטיקלעך וועש אין אַ האַנט־רענצעלע, האָט ער זיך געלאָזט אויף דעם „וואַנדער־וועג״. לויט דעם אָנגענומענעם כלל פון יענער צייט אין דייטשלאַנד: — „אַז אַ יונג וואָס פאַרענדיקט זיין לערע, דאַרף זיך אַרויס־לאָזן אויף דער וועלט צו פּרובירן זיין מזל און אויך צו פאַרפולקומען זיך אין זיין פאַך״. — אָבער דער בייזער שטן וואָס האָט אים פון זיין פריִעסטער יוגנט פאַרפאָלגט, האָט אים אויך איצט נאָכגעשפּירט זיינע פוס־טריט... פון איין זייט זיין קליינע נעבעכדיקע פיגור, און פון דער אַנדערער זייט זיין פאַרקריפּלט פּנים, וואָס איז געווען ווי אַן אמתער בראַנד־מאַרק (בראַנד צייכן). ווו ער האָט געפרעגט וועגן אַרבעט, איז ער באַליידיקט געוואָרן און אַ סך מאָל אַרויסגעטריבן געוואָרן, ווי אַ וואַגאַבונד אָדער ווי אַ טרעגער פון אַ מגפה, ניט איין מאָל איז אים באַפאַלן אַ געדאַנק, צו באַגיין אַ פאַרברעכן, אָדער צו באַגיין זעלבסטמאָרד, פאַר דער אכזריותדיקער באַהאַנדלונג פון די מענטשן קעגן אים. ווו ער האָט געטאָגט האָט ער נישט גענעכטיקט. אויב אַ בעל־הבית, האָט שוין יאָ אויף אים רחמנות געהאַט און אים געגעבן אַרבעט, האָט ער אים באַלד געמוזט הייסן גיין, ווייל די בעל־הביתטע האָט מורא געהאַט, פאַר אַ געבורט־פאַרזעעניש... אַט אַזוי האָט זיך דער האָפענונגספולער „וואַנדערוועג״ פאַרוואַנדלט אין אַ מאַרטירער מאַרש. דאָס האָט אַזוי געדויערט 5 לאַנגע, ביטערע יאָר. ער האָט געוואַנדערט איבער איטאַליע, איבער פראַנקרייך און איבער דער שווייץ, ביז עס איז אָנגעקומען די צייט פון שטעלן זיך צום מיליטער דינסט.

אין יאָר 1868 איז ער צוריק געקומען אין זיין געבורטסשטאָט, זיך צוגעשטעלט, אָבער אַ דאַנק דעם זעלבן פיזישן פעלער איז ער אויסבראַקירט געוואָרן. דעמאָלט איז ער אַוועק נאָך ווין (עסטרייך) דאָ האָט ער מער מזל געהאַט און האָט באַקומען אַרבעט ביי זיין פאַך. אָבער זיין גליק האָט לאַנג

נישט געדויערט, ווייל פּונקט דעמאָלט האָט זיך אָנגעהויבן פאַנאַנדערצובליען אַן אַרבעטער באַוועגונג. דער אינטערנאַציאָנאַל, וואָס איז נאָך דער רעוואָלוציע פון 1848 געווען אונטערדריקט, האָט אָנגעהויבן אויפצולעבן, זיין רוף צו דעם וועלט־פּראָלעטאַריאַט, האָט געפונען אַ שטאַרקן אָפּרוף אין דייטשלאַנד און אין עסטרייך. פּלאַקאַטן וואָס האָבן גערופן די אַרבעטער צו מיטינגען, זיינען אויסגעקלעפּט געוואָרן אויף די ווענט פון דער שטאָט. דער יונגער מאָסט האָט אָנגעהויבן צו באַזוכן די מיטינגען, זיי האָבן אויף אים געמאַכט אַ גוטן איינדרוק, אין אַ געוויסן אָוונט, ביי אַ דעבאַטע, האָט ער זיך געמאָלדן צום וואָרט און באַלד מיט זיין ערשטן געוואַגטן אַרויסטריט געצויגן אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון די פאַרזאַמלטע, הגם ער האָט קיין אַנונג ניט געהאַט וועגן די סאָציאַליסטישע אידייען. זיין טיפער האַס וואָס האָט געגליט אין זיין האַרץ קעגן דער שלעכטער געזעלשאַפט און איר אומיושרדיקן איינשטעל האָט זייער גוט געשטימט מיט די פרייהייט רופן און ער האָט זיך אָנגעשלאָסן אין דער באַוועגונג, און אויך געוואָרן טעטיק.

פון דער נאַטור איז ער געווען געבענטשט מיט אַ טיפער אינטואיציע און מיט אויסערגעוויינלעכע אָראַטאָרישע פעאיקייטן. עס האָט לאַנג ניט געדויערט און ער איז, פאַר איינע פון זיינע רעדעס וואָס ער האָט געהאַלטן אויף אַ מיטינג דעם 4טן יולי 1780, אַרעסטירט געוואָרן און פאַרמשפּט געוואָרן אויף 6 יאָר תפיסה, פאַר הויך־פאַרראַט און דערמיט איז געחתמעט געוואָרן זיין ווייטערדיקע ראָלע אין דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער באַוועגונג און ס'איז אָנגעגעבן געוואָרן דער פּרייז וואָס ער וועט דאַרפן צאָלן.

פון איין תפיסה אַרויס אין דער צווייטער אַריין, פון איין אויסוויז צו אַ צווייטן, עס איז כמעט קיין אינטערוואַל ניט געווען, די פּאָליציי איז תמיד געווען אויף זיין שפּור.

אין פעברואַר 1871 איז ער, אַ דאַנק אַן אַלגעמיינער אַמנעסטיע פאַר פּאָליטישע אַרעסטירטע, באַפרייט געוואָרן. ביי דעם טויער פון דער תפיסה האָבן אים אָפּגעוואַרט אַ מיסיע אַרבעטער, וועלכע האָבן אים אויף די אַקסלען אַוועקגעטראָגן צו דעם קבלת־פּנים מיטינג, ביי וועלכן ער האָט געהאַלטן אַ רעדע, פאַר וועלכער ער איז מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער אַרויסגעשיקט געוואָרן פונם לאַנד, אַלס אַ געפערלעכער אויסלענדער.

דעם 2טן מאַי 1871 איז ער אָנגעקומען קיין בייערן, וווּ ער האָט געמיינט צו געפינען אַ פעלד פאַר זיין טעטיקייט. אַרויסגעוויזן האָט זיך אָבער, אַז אין די גרעסערע שטעט האָט ער קוים שוואַכע שפּורן געפונען פון אַ געוועזענער באַוועגונג און אויף דער פּראָווינץ האָט ער אפילו קיין סימן דערפון נישט געפונען. די דייטש־פראַנצויזישע מלחמה האָט אויסגעווירקט

אַ טרויעריקן איינדרוק, אויף דער דייטשער באַפעלקערונג בכלל און אויף דער יונגער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער באַוועגונג בפרט.

דער גרויסער טריום פון אַ פאַראייניקט דייטשלאַנד, מיט וועלכן עס האָבן זיך אַרומגעטראָגן די טאַטעס פון דעם דייטשן־רייך, האָט זיך איצט פאַרווירקלעכט. די האָהענצאָלערן דינאַסטיע, וועלכע ביסמאַרק האָט אַוועק־געזעצט אויפן טראָן, האָט געשאַלט אויף אַלע אַקאָרדן. אין האַרץ פון אייראָפּע איז אויפגעשטאַנען אַ רעאַקציע פונם פּרייסישן מיליטאַריזם. מיט דער אַנעקסירונג פון די פראַנצויזישע פּראָווינצן: עלזאַס־לאָרען, האָט זי דערשטיקט אויף גאַנצע פופציק יאָר די פרייהייט־אינספּיראַציעס אין אייראָפּע. אין דייטשלאַנד האָט די טריומפירנדיקע רעאַקציע געאַרבעט אויף אַלע כּלים. די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי איז געוואָרן אונטערדריקט. די פּראָמינענטע פּאַרטיי פירער זיינען אַריינגעזעצט געוואָרן אין די תּפיסות.

דער דאָזיקער מצב האָט אָבער מאָסטן ניט אַנטמוטיקט. ער האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט, און איז געפאָרן פון שטאָט צו שטאָט, אָרגאַניזירן מיטינגען, געפּרוווט אויפלעבן די סאָציאַליסטישע באַוועגונג, אָבער באַלד האָט די פּאָליציי מיט אַ ווילדער ברוטאַליטעט צעקלאַפּט יעדן פּרווו אויף דעם געביט. נאָך האָבן די אַרבעט־געבער נישט געוואָלט געבן קיין אַרבעט אַזאַ געפערלעכן בונטאַווטשיק, האָט ער געמוזט כּסדר לויפן פון שטאָט צו שטאָט. אין גלאַכאַ, האָט ער אַנאָנסירט אַ מיטינג אויף אַ פרעמדן נאָמען. און ווען דער פּאַרזיצער האָט געמאָלדן: אַז דער רעדנער וואָס איר האָט נאָר וואָס געהערט איז געווען יאָהאַן מאָסט, האָט דער עולם אויפגעשטורעמט מיט אַפּלאָדיסמענטן. אָבער די פּאָליציי אַגענטן זיינען געבליבן מיט אַ נאָז...

ווען ער איז געקומען אין לייפּציק, ווו עס איז אַנאָנסירט געוואָרן זיינס אַ מיטינג, האָט אים די פּאָליציי מיט איין טאָג פריער אַרעסטירט און אַרויסגעשיקט פון שטאָט.

אין יוני 1871 האָט ער איבערגענומען די רעדאַקציע פון דער „כעמניצער פרייער פּרעס", און באַלד באַשטראָפט געוואָרן מיט 120 מאַרק פאַר אַן אַרטיקל וואָס ער האָט געשריבן. און הגם די סומע איז אים געגעבן געוואָרן, האָט ער בעסער דאָס געלט געגעבן פאַר דער צייטונג און איז אַוועק אין תּפיסה, אָפּזיצן די 2 חדשים שטראָף. אמת, צו יענער צייט האָט נאָך געגאָלטן די פּריווילעגיע פאַר פּאָליטישע אַרעסטירטע אין די תּפיסות, און ער האָט דאָרט געקאָנט שרייבן זיינע לייט אַרטיקלען פאַר דער צייטונג, און אויך געקאָנט לייענען ביכער און צייטונגען.

ווען ער איז באַפרייט געוואָרן האָט זיך דייטשלאַנד געגרייט צו פייערן דעם גרויסן מיליטערישן נצחון איבער דעם פראַנצויזישן חיל, פון דער

טרויעריק באַרימטער שלאַכט ביי סעדאַן, ווו עס זיינען געפאַלן 40 טויזנט דייטשישע סאָלדאַטן, און נאָך אַמאָל אַזויפיל פראַנצויזן. הייזער און פענסטער זיינען געוואָרן דעקאָרירט, פאַראַדן מיט מוזיק האָבן באַדאַרפט מאַרשירן איבער די גאַסן פון שטאָט, די שטאָט איז געווען איינגעטונקט אין אַ פייער־לעכער אילומינאַציע, אויף דעם צענטראַל פלאַץ, איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַ טריבונע, פון וואַנען עס האָבן באַדאַרפט ריידן די טאַטעס פון דער שטאָט... איז דעמאָלט מאָסטן איינגעפאַלן אָפּצוטאָן אַ שפּיצל די מאַסקעראַדן־שפּילער. און ער צוזאַמען מיט אַ גרופּע חברים האָבן אָרגאַניזירט אַ קעגן מאַרש. גערופן דעם עולם צו אַ מיטינג אויף אַ צווייטן פלאַץ, ווו ער האָט געהאַלטן אַ פייערדיקע רעדע, באַווייזנדיק די גרויסע שאַנדע מיט וואָס דייטשלאַנד עיטאַלצירט און פייערט מיט אַזאַ פּאָמפּע. אָבער מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער איז ער אַרעסטירט געוואָרן און פאַרמשפּט געוואָרן אויף 8 חדשים תפיסה פאַר באַליידיקן זיין מאַיעסטעט. נאָך זיין באַפרייאונג, איז ער אַוועק נאָך מיינץ, ווו ער האָט איבערגענומען די רעדאַקציע פון „דרומשער פאָלקס־ציַיטונג".

דעם 10טן יאַנואַר 1874 איז ער אויסדערוויילט געוואָרן אַלס דעפּוטאַט צום פאַרלאַמענט. אָבער קיין גרויס מזל האָט ער דאָרטן ניט געהאַט, ער האָט זיך שנעל איבערצייגט אַז זיין טרוים עפּעס אויפצוטאָן לטובת די אַרבעטער, איז אַ פּוסטע אילוזיע, ער האָט זיך ביי יעדער זיצונג פאַרשריבן צום וואָרט, אָבער ער האָט דאָס וואָרט קיינמאָל ניט באַקומען...

דעם 18טן מערץ פון דעם זעלבן יאָר האָט ער גערעדט אויף אַ מיטינג, אין אָנדענק פון דער פאַריזער קאָמונע. און אין 5 טעג שפּעטער איז ער אַרעס־טירט געוואָרן און אַריינגעזעצט געוואָרן אין תפיסה, צוזאַמען מיט קרימי־נעלע פאַרברעכער. דעם 4טן יוני איז ער געשטעלט געוואָרן פאַרן געריכט און פאַרמשפּט געוואָרן אויף 18 חדשים, אָפּגעזעצן פון דער צייט וואָס ער איז געזעסן ביז דעם פּראָצעס.

דעם 16טן יוני 1876 איז ער באַפרייט געוואָרן פון תפיסה און ער ווערט רעדאַקטאָר פון דעם פּאַרטיי־אָרגאַן: „בערלינער פרייע פּרעסע" און אין דער זעלבער צייט, שרייבט ער פאַר „די צוקונפט", פאַר „די נייע וועלט" און פאַר דער רוסישער אויסגאַבע „סלאָוואָ", און אין דער זעלבער צייט איז ער אויך אַרומגעפאָרן איבערן לאַנד און איבער דער שווייץ, איינגעאָרדנט מיטינגען. דער פּעריאָד איז געווען דער וויכטיקסטער, מען קאָן אויך זאָגן, אַז אָט דער פּעריאָד איז אויך געווען דער אַנטשיידנדיקסטער אין זיין לעבן. אַלס רעדנער און זשורנאַליסט האָט ער דערגרייכט די גרעסטע פּאָפּולאַ־ריטעט ביי די אַרבעטער־מאַסן. אָבער אין דער זעלבער צייט האָט ער אין דער פּאַרטיי, ביי די הויפּט־לייטער, אַרויסגערופן די זעלבע מאָס קנאה.

שוין דערפאַר, וואָס ער איז געווען אַן איינפאַכער אַרבעטער, אַ בוך־בינדער, און האָט אפילו קיין הויך־שולע ניט אַדורכגעמאַכט. זיין קולטורעלע דער־ציונג האָט ער געגאָסן אין די תפיסות, וו ער האָט אַ סך געלייענט, זיך באַקאָנט מיט דער וועלט־ליטעראַטור, און זיך געשאַפן זיין אייגנאַרטיקן וועלט־באַנעם וואָס האָט זיך ניט אַריינגעפּאַסט אין די ענגע ראַמען פון דעם סאָציאַל־דעמאָקראַטישן שולחן־ערוך. זיין פּאַרטיי אָנגעהעריקייט איז פאַר אים נאָר געווען דאָס פעלד פאַר זיין דינאַמישן טעמפּעראַמענט און אַ געלעגנהייט אויסצודריקן זיין גרויסן צאָרן וואָס עס האָט געגליט אין זיין האַרצן פון זיין פריעסטער יוגנט, קעגן דער אומיושרדיקער געזעלשאַפט און איר איינשטעל. און אפשר אויך צו רעוואַנזשירן זיין אינפעריאָריטעט־קאָמפּלעקס. די געזעלשאַפט האָט אים פאַראורטיילט צוליב זיין פיזישן פעלער.

אין אָקטאָבער 1877 איז ער ווידער פאַרמשפּט געוואָרן אויף דריי חדשים תפיסה פאַר אַן אַרטיקל אין דער „בערלינער פרייע פּרעסע״. דער ריכטער האָט אין דעם אַרטיקל געפונען אַ רוף צו „רעבעליאָן״, אָבער ער האָט באַקומען אַ פּראָוויזאָרישע פרייהייט. עס האָט אָבער לאַנג ניט גענומען און ער איז ווידער געשטעלט געוואָרן פאַרן געריכט, דאָס מאָל האָט אים די קירכע איינגעקלאָגט פאַר האַבן, אין איינע פון זיינע רעדעס אויף אַ מיטינג, באַליידיקט איר הייליקייט. און ער איז פאַרמשפט געוואָרן אויף איין חודש... אָבער ער איז שוין פאַר איין וועג אויך אָפּגעזעסן די פריערדיקע שטראָף.

דעם 11טן מאַי 1878 האָט אַ יונגער מאַן, אויסגעשאָסן אין דער לופטן, בשעת דער קייזער איז דורכגעפאָרן אין זיין קאַרעטע, אונטער די לינדן, (הויפּט בולוואַר אין בערלין) און הגם די כוונה פון דעם יונגן מענטשן איז נאָר געווען צו ציען די אויפמערקזאַמקייט פון קייזער אויף דער ביטערער לאַגע פון די אַרבעטער, און הגם ער האָט קיין שום פאַרבינדונגען ניט געהאַט מיט וואָס פאַר עס איז באַוועגונג, דאָס איז אָבער גענוג געווען, אַז די רעאַקציע זאָל נאָך ווילדער ווערן. אויף אַ מיטינג האָט מאָסט אָנגעוויזן, אַז די טאַט פון דעם יונגערמאַן איז נישט קיין העלדן טאַט. אָבער עס איז גענוג געווען דאָס בלויז דערמאָנען דעם נאָמען פון דעם יונגן מענטש: אַז מען זאָל אים אַרעסטירן, און פאַרמשפּטן אויף 6 וואָכן תפיסה.

ווען ער האָט פאַרענדיקט דעם טערמין, האָט מען אים איבערגעשיקט אין דער צענטראַל תפיסה פון בערלין, וו ער האָט געדאַרפט אָפּזיצן אַנדערע שטראָף טערמינען. און אין דער זעלבער צייט, דעם 21טן אָקטאָבער 1878, האָט דער פאַרלאַמענט אָנגענומען דעם אַנטי־סאָציאַליסטישן געזעץ און די פּאַרטיי איז דערקלערט געוואָרן אויסערן געזעץ. אַלע לאָקאַלן און צייטונגען פון דער פּאַרטיי זיינען געשלאָסן געוואָרן. ביסמאַרק איז געווען אַנטשלאָסן

אויסצוראָטן די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, מיט דער וואָרצל. דעם 28טן נאָ־וועמבער איז דערקלערט געוואָרן אַ טיילווייזער קריגס־צושטאַנד אין בערלין, און 79 פון די אָנגעזעענסטע פּאַרטיי פירער זיינען אויסגעוויזן געוואָרן פון בערלין. יאָהאַן מאָסטן, נאָכן פאַרענדיקן זיין טערמין אין תפיסה, האָט מען געגעבן 24 שעה צו פאַרלאָזן די שטאָט. עפּעס פרווון אונטערנעמען אין אַנדערע שטעט איז געוואָרן אוממעגלעך. די פּאַרטיי־מיטגלידער האָבן זיך אָפּגעזאָגט מיט אים צו באַגעגענען, כדי זיי זאָלן ניט פאַרדעכטיקט ווערן. ער האָט אַלזאָ קיין אַנדערע ברירה ניט געהאַט ווי צו פאַרלאָזן, יעדנפאַלס אויף אַ געוויסער צייט, דאָס לאַנד. דעצעמבער 1878 איז ער אָנגעקומען קיין לאָנדאָן. לאָנדאָן איז צו יענער צייט געווען דער מ ק ו ם ־ מ ק ל ט פאַר אַלע פּאָליטישע פאַרפאָלגטע פון דער גאַנצער וועלט. דאָרט, אין לאָנ־דאָן איז אָנגעפירט געוואָרן די רעוואָלוציאָנערע טעטיקייט. דאָרט האָט הערצן אַרויסגעגעבן זיין באַרימטן „ק אָ ל אָ ק אָ ל״, (דער גלאָק). קראָפּאָט־קין און טשערקעסאָוו האָבן אַרויסגעגעבן די „ל י ס ט ק י״ א.א.וו. אויך איז דאָרט שוין געווען טעטיק דער „קאָמוניסטישער בילדונג־פאַריין״ פון די דייטשע עמיגראַנטן, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1840. אַהין, האָט זיך מאָסט געוואַנדן און איז מיט באַגייסטערונג אויפגענומען געוואָרן.

אויך דאָ איז דער ליידנשאַפטלעכער בונטאַר ניט געבליבן מיט פאַר־לייגטע הענט. ער איז דאָך נישט אַהער געקומען, האָט ער געזאָגט, אויף אַ וואַקאַציע און נישט געקוקט אויף זיין שווערער עקאָנאָמישער לאַגע, האָט ער צוזאַמען מיט אַ פּאָר חברים באַשלאָסן אַרויסצוגעבן אַ צייטונג, וואָס זאָל איבערגעשמוגלט ווערן קיין דייטשלאַנד. מיט אַ סומע פון 10 פונט, וואָס די גרופּע קבצנים האָבן זיך צוזאַמענגעלייגט, איז אין סעפּטעמבער 1879 דערשינען דער ערשטער נומער „פרייהייט״ פון וועלכער נאָר דער טויט האָט געקאָנט אים אָפּשיידן.

אין אָנפאַנג איז די צייטונג אין פּרינציפּ געווען אַ סאָציאַל־דעמאָקראַ־טישע, אָבער איר אינהאַלט און סטיל איז געווען ראַדיקאַל רעוואָלוציאָנער, ווייט ניט לויט דעם שטייגער, ווי מען איז געוווינט געווען אין דייטשלאַנד צוליב די ספּעציפישע לאַגע דאָרטן. און האָט געקאָנט דערשיינען בלויז אַ דאַנק דער גרויסער פּרעסע־פרייהייט אין ענגלאַנד, וואָס איז געווען ווי צוגעפּאַסט צו זיין רעבעלישן טעמפּעראַמענט.

ביסלעכווייז האָט ער זיך באַקענט מיט די פרייהייטלעכע אידייען וועלכע האָבן צו יענער צייט געווירקט אין איראָפּע, און זיין מיטאַרבעטערשאַפט אין דער פּאַרטיי, וועלכע איז אין תוך געווען מער אַ ספּאָנטאַנע און אַ צו־פעליקע ווי אַן איבערצייגטע, איז וואָס אַמאָל אַלץ שוואַכער געוואָרן. דערפון נעמען זיך טאָקע די כסדרדיקע רייסערייען וואָס זיינען אָנגעגאַנגען צווישן

אים און די פּאַרטיי גדולים און די צייטונג איז דערפאַר תמיד פון זיי בי־טערלעך באַקעמפט געוואָרן. אָבער דאָך האָט די צייטונג ניט געהאַט קיין אַנטי־פּאָליטישע טענדענצן, ווייל ער אַליין האָט זיי נאָך ניט געהאַט. ביז ער איז געקומען אין די פאַראייניקטע שטאַטן האָט ער זיך נאָך אַלץ גע־רעכנט פאַר אַ פּאַרטיי מיטגליד. און די צייטונג איז טאַקע פאַרשפּרייט געוואָרן צווישן די פּאַרטיי מיטגלידער אין דייטשלאַנד. און פּונקט דעמאָלט ווען עס האָבן אָנגעהויבן אָנקומען גוטע גרוסן פון דער אַלטער היים, אַז די צייטונג מאַכט זיך צוביסלעכווייז אַ וועג, הויבט אָן צו ווירקן, האָט געדאַרפט פּאַסירן די געשעעניש אין רוסלאַנד וואָס האָט אַרומגעכאַפּט די ברייטע וועלט. פאַר דער פּאָליטיש'ער אימיגראַציע אין לאָנדאָן, איז דאָס געווען אַ קאַלאַסאַלע דערמוטיקונג. אָבער פאַר אים, פאַר מאָסטן, דער אָנהייב פון דעם סוף צו זיינע טעטיקייטן אין לאָנדאָן. דעם 13טן מערץ 1881, איז דער צאַר אין רוסלאַנד, אַלעקסאַנדער דער צווייטער, געפאַלן אַ קרבן פון אַ טעראָריסטישן אַקט, און דעם 19טן דעם זעלבן חודש איז די "פרייהייט" אַרויס מיט אַ רויטע ראַם, מיט אַ לייט־אַרטיקל וואָס האָט געטראָגן דעם טיטל „עס האָט טריומפירט!" „דאָס וואָרט פון דעם דיכטער איז מקוים געוואָרן. איינער פון די בלוטיקסטע טיראַנען פון אייראָפּע לעבט ניט מער". דער אַרטיקל האָט געמאַכט אַ געוואַלדיקן רושם אין לאַנד. די גאַנצע פּרעסע האָט וועגן דעם געאַלאַרמירט.

דעם 17טן מאַי פון דעם זעלבן יאָר, איז ער דערפאַר געשטעלט געוואָרן פאַרן געריכט, און פאַרמשפּט געוואָרן אויף 16 חדשים תפיסה, מיט צוואַנג־אַרבעט (קאַטאָרגע).

דעם 26טן אָקטאָבער 1882 איז ער באַפרייט געוואָרן. אָבער פאַרזעצן דאָס דערשיינען פון דער צייטונג איז שוין אוממעגלעך געוועזן. האָט ער באַשלאָסן צו עמיגרירן קיין אַמעריקע, און דעם 18טן דעצעמבער פון דעם זעלבן יאָר איז ער אָנגעקומען קיין ניו־יאָרק.

דאָ, אין ניו־יאָרק, האָט ער אָנגעטראָפן אַ פיבערהאַפטיקע באַוועגונג, וואָס האָט געקעמפט איבערן גאַנצן לאַנד פאַר אַן אַכט שעהדיקן אַרבעטס טאָג. זי האָט אויך באַווירקט די אימיגראַנטן וועלט, הויפּטזעכלעך די דייטשע אַרבעטער וועלכע זיינען דעמאָלט געווען אין אַ גאַר גרויסער צאָל און אויך אַם בעסטן אָרגאַניזירט. דאָ איז פאַר מאָסטן געווען אַ גלענצנדיקע גע־לעגנהייט פאַר זיין טעטיקייט. און ער האָט זיך טאַקע באַלד אַריינגעוואָרפן מיט לייב און לעבן אין דער אַרבעט.

ער האָט זיך אַרויסגעלאָזט אויף אַן אַגיטאַציע טור איבערן לאַנד, און אומעטום איז ער מיט גרויס באַגייסטערונג אויפגענומען געוואָרן. אַליין ער איז אָנגעשטעקט געוואָרן פון דער באַגייסטערונג, ווי ער איז נאָר צו־

ריקגעקומען פונעם ערשטן טור האָט ער באַלד זיך גענומען אַרויסגעבן זיין ליבלינג די: „פרייהייט".

אין ענגלאַנד האָט ער שוין אָנגעהויבן צווייפלען אין דעם סאָציאַל־דעמאָקראַטיזם, אָבער קיין קלאָרע קאָנצעפּטן בנוגע דעם אַנאַרכיזם האָט נאָך נישט געהאַט דעפינירט, זיי זענען נאָך ביי אים געווען, ווי רודאָלף ראָקער דריקט זיך אויס, אַ געמיש פון אידייען, און קאָנצעפּטן, וואָס האָבן אין תוך קיין קלאָרע שייכות ניט געהאַט מיט די אייגנטלעכע אַנאַרכיסטישע פּרינציפּן. און ער אַליין שרייבט וועגן דעם אין זיינע מעמואַרן:

„דער אַנאַרכיזם וואָס האָט מיך דעמאָלט אינספּירירט איז נאָך געווען זייער באַגרענעצט. איך האָב געטרוימט ווי אַ סך אַנדערע רעוואָלוציאָנערן אין שפּאַניע און אין פראַנקרייך פון אַ געזעלשאַפט אין וועלכער די פרוכט פון דער אַרבעט וועט זיין פּאַרזיכערט (קאָלעקטיוויזם) און וואָס שייך דעם שטאַט בין איך ממילא געווען איינשטימיק מיט די אַנאַרכיסטן".

ערשט שפּעטער, ווען ער האָט זיך גרינטלעך באַקאַנט מיט די פילי־זאָפישע אידייען פון קראָפּאָטקין און אַנדערע טעאָרעטיקער פון דעם אַנאַר־כיסטישן וועלט באַנעם, איז פאַר אים קלאָר געוואָרן דער אידעאַל, וואָס איז געוואָרן זיין לייטמאָטיוו ביז זיין לעצטן אָטעם צוג.

אין יאָר 1885 איז אין דער שטאָט פּיטסבורג פּ. צושטאַנד געקומען אַ קאָנפערענץ, פון די אַנאַרכיסטישע גרופּן מיט דער ס. ר. פּאַרטיי. אין איר האָבן זיך באַטייליקט דעלעגאַטן פון 26 שטעט פון איבערן לאַנד. זייער אויפגאַבע איז געווען אויסצואַרבעטן אַ געמיינזאַמען טעטיקייטס־פּלאַן, פאַר וועלכן מאָסט האָט צוגעשטעלט אַ פּרינציפּן־דעקלעראַציע, וואָס איז פאַר־בליבן אין דער געשיכטע פון דער אַמעריקאַנער אַרבעטער באַוועגונג, אַלס די „פּראָקלאַמאַציע פון פּיטסבורג" און וואָס האָט געשפּילט אַן עפּאָכע־מאַכנדיקע ראָלע, צום באַדויערן איז זי היינט אין גאַנצן פאַרשוווּנדן.

מיט דעם שנעלן וווּקס פון דער באַוועגונג איז אויך געוואַקסן דער פּרעסטיזש פון דער „פרייהייט". די צאָל לייענער איז געוואַקסן גלייכמעסיק מיט דעם ענטוזיאַזם פון די אָרגאַניזירטע אַרבעטער מאַסן, און פאַרשטייט זיך דאָס אין דער זעלבער מאָס איז אויך געוואַקסן זיין רעוואָלוציאָנערער גלויבן אין דעם געטרוימטן ענטגילטיקן זיג.

דעם 24טן מאַי האָט ער אויף אַ מאַסן מיטינג, פאָרמולירט זיין „רע־וואָלוציאָנערן קריגס־ווּיסנשאַפטס־פּלאַן" אַלס איינציקער וועג פאַר אַ זיג־רייכער רעוואָלוציע.

אויף איינע פון זיינע אַרויסטרעטונגען דעם 23טן מאַי 1886, האָט ער גערופן די אַרבעטער זיך גוט צו באַוואָפענען כדי זיין גרייט צו דעם קינפטיקן אַנטשיידענעם מאָמענט.

דעם 28טן פונעם זעלבן חודש זיינען די אַנדערע 2 רעדנער פון דעם זעלבן מיטינג אַרעסטירט געוואָרן און זיינען אַרויסגעלאָזט געוואָרן פאַר 500 דאָלאַר קויציע ביז דעם פּראָצעס. יאָהאַן מאָסטן איז געלונגען זיך אויסצובאַהאַלטן.

דעם 4טן מאַי פון דעם זעלבן יאָר איז פאָרגעקומען די טרויעריק באַרימטע געשעעניש פון דעם „היי־מאַרקעט־פּלאַץ", ווו עמיצער האָט גע־וואָרפן אַ באָמבע אויף דער פּאָליציי, וואָס האָט באַוואַכט אַן אַרבעטער מיטינג, וואָס איז גערופן געוואָרן וועגן דעם 8־שעהדיקן אַרבעטס־טאָג. דער מיטינג איז אין פולן זין געווען אַ פּאַציפיסטישער. די באָמבע האָט זיכער געוואָרפן אַ פּראָוואָקאַטאָר, אָבער זי האָט דערהרגעט עטלעכע פּאָליציאַנטן, און פאַרווונדעט אַ סך אַנדערע און דאָס איז געווען אַ סיגנאַל פאַר דער רעאַקציע זי זאָל זיך נאָך פאַרשטאַרקן אין לאַנד.

דעם 11טן מאַי, האַלב נאָך 10 אין אָוונט, האָבן 4 אַגענטן זיך אַריינ־געבראָכן אין דער וווינונג ווו מאָסט איז געווען אויסבאַהאַלטן און אָנגעמאַכט אַ חורבן אין זיין צימער. זיי האָבן ביי אים צוגענומען אַ בריוו־טאַש מיט 180 דאָלער, וועלכע ער האָט קיינמאָל נישט צוריקבאַקומען, און אַ ביקס. דעם 27טן איז ער געשטעלט געוואָרן פאַר אַ געריכט און איז פאַרמשפּט געוואָרן אויף אַ יאָר תפיסה און 500 דאָלאַר שטראָף (אָדער אָפּזיצן אַ טאָג פאַר יעדן דאָלער).

אין דער תפיסה האָט ער געמוזט אַרבעטן אַלס אַן אייזן־שמיד. יעדע פאַרבינדונג מיט דער אויסערלעכער וועלט איז פאַר אים געווען פאַרבאָטן. אָבער דאָך האָט ער געפונען אַ מעגלעכקייט צו שרייבן זיינע לייט אַרטיקלען פאַר דער „פרייהייט" און זיי אַרויסצושמוגלען. ער האָט אויך אונטער די באַדינגונגען געשריבן זיינע בראָשורן: „דער גיהנום אויף דעם בלאַק־סוויל אינדזל" און „אַכט יאָר אונטער שלאָס און ריגל", זיי זיינען דערשינען אַ קורצער צייט פאַר זיין באַפרייונג.

דעם 1טן אַפּריל 1887 איז ער באַפרייט געוואָרן. פּונקט אין צייט, אַז ער זאָל זיך קאָנען באַטייליקן אין דער באַוועגונג, וואָס איז אָנגעגאַנגען איבערן לאַנד פאַר אַ רעווידירונג פון דעם פּראָצעס פון די שיקאַגער אַנאַר־כיסטן, וועלכע זיינען פאַרמשפּט געוואָרן פאַר האָבן געווען די אינספּיראַטאָרן פונעם טעראָריסטישן אַקט. און דעם 11טן נאָוועמבער 1887 זענען טאַקע געטויט געוואָרן 5 אַנאַרכיסטן.

צומאָרגנס, נאָכן טויט פון די 5 מאַרטירער אין שיקאַגע, איז מאָסט אויפגעטראָטן אויף אַ פּראָטעסט מיטינג קעגן דעם ברוטאַלן פאַרברעכן. זיין רעדע איז געווען אַן אויסערגעוויינלעכער באַשולדיקונגס־אַקט קעגן

דעם גאַנצן סאָציאַל־פּאָליטישן איינשטעל און זיין קאָרופּטירטער יוסטיץ סיסטעם. דאָס האָט נאָך מער אויפגעקאָכט די רעאַקציע, און די אונטער־געקויפטע פּרעסע, האָט נאָך שטאַרקער אָנגעהויבן צו ליאַרמען קעגן די געפערלעכע אַנאַרכיסטן בכלל, און קעגן אים, מאָסטן, בפרט. און דעם 16טן פונעם זעלבן חודש איז ער טאַקע אַרעסטירט געוואָרן, צו די 24 שעה האָט אים זיין אַדוואָקאַט אַרויסגענומען אויף אַ קויציע פון 500 דאָלער. דער פּראָצעס איז פאָרגעקומען דעם 22טן, און ער איז פאַרמשפט געוואָרן אויף אַ יאָר תפיסה. אויך דאַסמאָל איז זיין אַדוואָקאַט געלונגען צו מאַכן אַן אַפּעלאַציע און באַקומען פאַר זיין קליענט אַ פּראָוויזאָרישע פרייהייט מיט אַ קויציע פון 5.000 דאָלער.

דריי און אַ האַלב יאָר האָט געדויערט דער יורידיש׳ער געראַנגל. און דער רעזולטאַט איז געווען אַז ער איז דעם 8טן יוני 1891 אָפּגעשיקט געוואָרן אויף בלאַקסוויל אינדזל אָפּצוזיצן זיין שטראָף. דעם 18טן אַפּריל 1892 איז ער באַפרייט געוואָרן.

עס האָט אָבער לאַנג ניט געדויערט, און אַמעריקע איז ווידער אויפ־געציטערט געוואָרן. און ווידער האָט די רעאַקציע, נאָך ניט קיין געזעטיקטע מיט אירע קרבנות, באַנייט איר ווילדן אַליאַרם, און דאָס מאָל צוליב אַ ווילדן אַטענטאַט פון אַ משוגענעם, מיט דעם נאָמען לעאָן טשאָלגאָז, קעגן דעם פּרעזידענט פון דער רעפּובליק: מעק קינלע. דאָס איז פאָרגעקומען דעם 6טן סעפּטעמבער 1901 אין באָפאַלאָ, און טראָץ דעם וואָס אַלע אָנדייטונגען האָבן קלאָר באַוויזן, אַז דער אַקט האָט נישט קיין פּאָליטישן כאַראַקטער און האָט אויך נישט קיין שום שייכות מיט דער אַרבעטער באַוועגונג אָדער מיט דער אַנאַרכיסטיש׳ער באַוועגונג, פאַר וועמען לעאָן טשאָלגאָז איז געווען אַ ווילד פרעמדער נאָמען, האָט דאָס אָבער ניש׳ט געשטערט די רעאַקציאָנערע פּרעסע צו באַשולדיקן די אַנאַרכיסטן און פאַרלאַנגען מען זאָל זיי אַרויסשיקן פון לאַנד. און עס האָט זיך טאַקע באַלד אָנגעהויבן אַ געיעג אויף די אַנאַר־כיסטן. אויך די בראַווע עמאַ גאָלדמאַן און אַנדערע זיינען דאַן אַרעסטירט געוואָרן. אָבער פאַר מאָסטן האָט דער דאָזיקער אַטענטאַט געהאַט גאָר ביטערע קאָנסעקווענצן. פונקט אין דעם טאָג פון דעם אַטענטאַט האָט ער אין זיין צייטונג די „פרייהייט" פאַרעפנטלעכט אַן אַרטיקל פון אַ געוויסן קאַרל הענעזין, וואָס איז געשריבן געוואָרן אין יאָר 1848 און איז איבער דער צייט אַ סך מאָל איבערגעדרוקט געוואָרן אפילו אין דער אַמעריקאַנער פּרעסע. דער אַרטיקל האָט געטראָגן דאָס געפערלעכע קעפל: „טויט פאַר טויט". ער האָט דעם אַרטיקל איבערגעדרוקט אויס מאָמענטאַלן מאַנגל אין דרוק־מאַטעריאַל. ער האָט קיין אַנונג נישט געהאַט וואָס עס האָט פּאַסירט.

יעדער מענטש וואָס פאַרמאָגט אַ ביסעלע פאַרשטאַנד האָט געקאָנט פאַר־שטיין, אַז דער קאָאינצידענט, האָט נישט קיין שייכות מיט דעם ווילדן אַטענטאַט. אָבער גאַנץ אַנדערש האָט וועגן דעם געטראַכט די רעאַקציאָנערע פּרעסע און האָט געהאַלטן אין איין אַליאַרמירן די עפנטלעכע מיינונג פון פאָלק קעגן די אַנאַרכיסטן. אָבער מערקווירדיק איז דער פאַקט, וואָס ווען מ׳אָסט איז אַרעסטירט געוואָרן, איז נאָך די צייטונג נישט געווען פאַר־נאַנדערגעשיקט, זי איז קאָנפיסקירט געוואָרן נאָך אין דער דרוקעריי. דאָס באַווייזט אַז מען איז אים ממילא געקומען אַרעסטירן און דער אַרטיקל איז נאָר געווען אַ צופעליקער מאָטיוו. מען האָט אים אַרויסגעלאָזט אויף קויציע ביז דעם פּראָצעס.

אָבער אין צווישנצייט האָט ער באַדאַרפט איבערלעבן נאָך אַ ביטערן כורפּריז פון די פּאָליצייאישע פאַרפאָלגונגען. דעם 25טן פון דעם זעלבן חודש, אומקערנדיק זיך פון אַ חברים פּיקניק וואָס איז פאָרגעקומען אין אַ פּאַרק לעבן ניו־יאָרק, זיינען אים באַפאַלן אַ באַנדע געהיים אַגענטן, ווי עס ווייזט אויס, האָבן זיי אויף אים געלויערט און אָפּגעוואַרט אַז עס זאָל טונקל ווערן און ער זאָל זיין אַליין, זיי האָבן אים פאַרשלעפּט אין דער פּאָליציי און אים דאָרטן געהאַלטן איבער אַ וואָך צייט. ווען ער האָט איינעם פון די אַגענטן געפרעגט די סיבה פון דעם, האָט ער אים פרעך געענטפערט: איר זענט פון די באַנדע וואָס האָט דערשאָסן אונדזער פּרעזידענט.

דער פּראָצעס איז שפּעטער פאָרגעקומען און ער איז ווידער פאַרמשפּט געוואָרן אויף אַ יאָר תפיסה, אויף דעם סמך פונעם אַרטיקל וואָס האָט גערופן צו מאָרד, און איז ווידער אָפּגעשיקט געוואָרן אויף דעם בלאַקסוויל אינדזל.

בשעת ער איז געזעסן אין תפיסה איז פאָרגעקומען אַ קאָלאָסאַלע ענדערונג אין דער אַרבעטער באַוועגונג בכלל און אין דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג בפרט. דער פּחד און פאַרצווייפלונג אָדער גאָר דער סקעפּטיציזם האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין די רעוואָלוציאָנערע רייען.

די אַלטע סינדיקאַליסטישע טוערס זיינען געוואָרן קאָנסערוואַטיוו. אויך די יוניאָנס (פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען) האָבן זיך אָפּגעטרייסלט פון די סאָציאַל רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן. די „פרייהייט" האָט פאַרלוירן איר באָדן, זי האָט פּרובירט אַרויסצוגיין אין 4 זייטלעך, אָבער דאָס איז אויך שוין געוואָרן אוממעגלעך. יעדער פּרווו אויפצומונטערן די געמיטער האָט ניט געהאַט קיין שום דערפאָלג. ער באַשליסט צו מאַכן אַ פּראָפּאַגאַנדע טור איבערן לאַנד. אָבער אויפן וועג איז ער שווער קראַנק געוואָרן פון אַ פאַר־קילונג און איז ניט מער אויפגעשטאַנען.

פּ. גדליה

ער האָט אויסגעהויכט זיין לעצטן אָטעם־צוג דעם 17טן מערץ 1906, אין הויז פון זיינעם אַ פריינט, קראַוזע, אין דער שטאָט סינסענאַטי. דערמיט האָט זיך פאַרענדיקט דאָס קאַלירפולע קאַפּיטל פון אַן אומבאַזיגטן רעבעל.

געבוירן, געלעבט און געשטאָרבן אין דעם כסדרדיקן שטורעם און דראַנג, אין אַ וועלט פון אכזריות און אומוויסנהייט. אָבער זיין קעמפן וועט נאָך אינספּירירן די קומענדיקע דורות.

ענריקאַ מאַלאַטעסטאַ

1932—1853

דער אומדערמידלעכער קעמפער

דער נאָמען ענריקאָ מאַלאַטעסטאַ און די עפּאָכע אין וועלכער ער האָט געלעבט, קלינגט שוין אפשר היינט פאַר אונדזער דור ווי אַ ווייט לעגענדאַרע פאַרגאַנגענהייט, הגם עס זיינען נאָך געוויס פאַראַן עדות פון יענער עפּאָכע־מאַכנדיקע געשעענישן און פון דער ראָלע וואָס ער האָט אין זיי געשפּילט. עס איז אָן צווייפל נאָך פאַראַן אַזעלכע אויף וועמען זיין גייסטיקע השפעה איז נאָך לעבהאַפט, ווייל בסך־הכל איז עס קוים אַ פערטל־יאָר־הונדערט ווי ער ענריקאָ מאַלאַטעסטאָ איז געשטאָרבן, און זיין מעכטיקן

איינפלוס וואָס ער האָט אויסגעאיבט, סיי אויף דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין זיין היים־לאַנד, איטאַליע, און סיי אויף דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג איבער דער גאָרער וועלט, האָט זיין פיזישער טויט ניט געקאָנט אַזוי גיך אָפּווישן און ער זאָל שוין אַריין אינגאַנצן אין דער פאַרגעסנהייט.

אמת, דער ווילדער גאַלאָפּ פון אונדזער צייט, מיט אירע טעכנאָלאָגישע און אַטאָמישע אַנטדעקונגען, האָבן, אפשר, געקאָנט בייטן זיין אָריענטאַציע, דעם אופן און צוגאַנג צו די געשעענישן, אָבער פאַר קיין פאַל ניט דעם הויפּטציל וועלכן ער האָט געווידמעט זיין רייך קאַליפּול לעבן, די קרבנות וואָס ער האָט אויף דעם מזבח פון דעם אידעאַל אין וועלכן ער האָט גע־גלויבט, מקריב געווען, וועלן בלייבן אַ לעבעדיקער ביישפּיל פון מוט און אויפריכטיקייט, פאַר נאָך אַ סך אַ סך צוקונפטיקע דורות.

אין יאָר 1903 האָב איך זיך צום ערשטן מאָל אָנגעשטויסן אויף דעם נאָמען ענריקאָ מאַלאַטעסטאַ, מיינס אַ יוגנט פריינט האָט מיר געגעבן צו לייענען אַ בראָשורע, מיט דעם אָנציענדיקן קעפּל: „דער וויכוח" אָדער אַ שמועס אין קאַפע־הויז, וועמענס מחבר איז טאַקע געווען דער וואָס באַוועגט מיך היינט צו שרייבן אָט־די שורות.

צי די בראָשורע, אָדער ריכטיקער געזאָגט, דער וויכוח אין קאַפע־הויז, צווישן אַ קאַפּיטאַליסט, אַ ריכטער און אַן אַנאַרכיסט, — דאָס וואָס עס איז דער אינהאַלט פון דער בראָשורע — זאָל האָבן דעצידירט די ריכטונג פון מיין ווייטערדיקן געדאַנקען־גאַנג, קאָן איך אויף באַשטימט ניט זאָגן, אָבער אַז די בראָשורע האָט מיך אָנגערעגט נענטער זיך צו באַקאָנען מיט די אידייען, און איבערהויפּט מיט דעם אויטאָר פון די, פאַר מיר דעמאָלט פאַנטאַסטישע אידייען, אין דעם איז קיין צווייפל ניט פאַראַן. ווי אין מיין אָנשליסן זיך אין 1895 אין אַ גרופּע פּוס־גייערס, וואָס האָבן פּלאַנירט אַן עקסקורסיע צופוס נאָך איטאַליע, איז אָן שום־ספק געווען באַהערשט פון דעם אינטימען געפיל, פון דער נאָסטאַלגיע (בענקשאַפט) צו זען מיט מיינע אייגענע אויגן דאָס לאַנד און די מערקווירדיקע פּערזענלעכקייט וואָס האָט פאַרכאַפּט מיין יוגנטלעכע פאַנטאַזיע, הגם צוליב נישט פאַר־אויסגעזעענע סיבות, איז דער פּלאַן ניט פאַרווירקלעכט געוואָרן, אָבער די בענקשאַפט איז פאַרבליבן איינגעקריצט אין דער טיפקייט פון מיין הארצן.

אין יאָר 1914 אין דער רעדאַקציע פון דעם פראַנצויזישן אָרגאַן: „לע ליבערטער" (דער פרייהייטס קעמפער) אין פּאַריז (פראַנקרייך) ווו איך בין דעמאָלט געווען אַ מיט־ארבעטער, האָב איך געהאַט דאָס גליק אים צו זען, און מיט אים צו ריידן, אָבער נאָר ווען ער איז שוין געווען אוועק־

געגאַנגען, האָט מיר ערשט דער רעדאַקטאָר, דער חבר פּיער מאַרטאַן, אויסגעזאָגט דעם סוד: אז דער מאַן, מיט וועמען איך האָב מיט א ווײַלע צוריק גערעדט און זײַן האַנט געדריקט, איז ניט געווען קיין אַנדערער, ווי דער העלד פון מײַנע יוגנטלעכע חלומות.

דאָס האָט פּאַסירט, אין א פרימאָרגן פון אָנהייב חודש יולי פון דעם יאָר 1914. זיצנדיק ביי מײַן שרייב־טיש אין דער רעדאַקציע, זע איך עס קומט אַרײַן אַ מאַן פון אַ נידעריקן וווּקס, מיט אַ שוואַרץ פאַרשוירן בערדל, ער פרעגט זיך אויף דעם רעדאַקטאָר, און איידער דער רעדאקטאָר איז אַרײַנגעקומען האָבן מיר דערווייל זיך אויסגעטוישט מיט אַ פּאָר ווערטער...

סיי דער קורצער שמועס, און סיי דאָס אויסזען זײַנס האָט ביי מיר ניט אַרויסגערופן קיין באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט, ווייל בערד האָבן געטראָגן אַ סך פון אונדזערע חברים, און די פראַגן וואָס ער האָט געפרעגט איז מיר אויסגעקומען אַ סך מאָל אין טאָג צו הערן און ענטפערן...

די סיבה, פאַרוואָס ער האָט זיך ניט געלאָזט דערקענען, ווי דער מאָטיוו פאַרוואָס ער האָט פאַרלאָזט זײַן מקום־מקלט אין לאָנדאָן (ענגלאנד) וווּ ער האָט אַ סך יאָרן געלעבט ווי אַ פּאָליטישער עמיגראַנט, און זיך געלאָזט צוריק נאָך זײַן היימלאַנד (איטאַליע) פון וועלכער ער האָט געמוזט לאַנגע יאָרן וויכן, כדי ניט אַרײַנצופאַלן אין די פּאָליציייִשע נעגל, איז ערשט פאַר מיר קלאָר געוואָרן, ווען עס האָט אויגוסט דעם 4טן פון דעם זעלבן יאָר, דאָס הייסט איין חודש שפּעטער נאָך זײַן באַזוך אין אונדזער רעדאַקציע, אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט מלחמה...

ניט איין מאָל איז ער אַנטלאָפן און צוריקגעקומען, און ווידער אויף דעם זעלבן אופן אנטלאָפן, אָבער דאָס מאָל איז ער שוין מער ניט אנטלאָפן, ווייל מחמת דער קאָלאָסאַלער סימפּאַטיע, מיט וועלכער ער איז אויפגענומען געוואָרן פון דעם איטאַליענישן אַרבעטער פאָלק, האָט די רעגירונג און איר פּאָליציי שוין ניט געוואָגט אים צו פאַרפאָלגן.

ענריקאָ מאַלאַטעסטאַ, אָדער ווי מען האָט אים חבריש גערופן „עריקאָ", איז געבוירן געוואָרן דעם 14טן דעצעמבער פון יאָר 1853, אין דעם שטעטל סאַנטאַ מאַריאַ קאַפּוא, לעבן נעאַפּאָליס — איטאַליע — ביי זייער רייכע עלטערן. פון געבורט איז ער געווען שוואַך און קרענקלעך. ביז דעם עלטער פון 13 יאָר איז ער דערצויגן געוואָרן אונטער דער אויפזיכט פון אַ הויז־לערער, דערווייל האָט מען אים אַרײַנגעגעבן אין אַן אינטערנאַט, „בית־חינוך", א רעליגיעזער אנשטאלט אין נעאַפּאָליס, וואו ער האָט געזאָלט באַקומען א סעמינאַרישע דערציונג. אָבער מיט אזא דערציונג האָט זײַן

כאַראַקטער און טעמפעראַמענט ניט געשטימט. ער האָט שוין דעמאָלט אַרויסגעוויזן זיין רעבעלישן אימפולס.

ווען ער איז קוים אלט געווען 14 יאָר — 1868 — האָט ער אָנגעשריבן אַ שאַרפן פאַרדאַמונג־בריוו צו דעם קעניג, אויפפאָדערנדיק אים, ער זאָל ר׳עזיגנירן פון זיין טראָן לטובת די רעפובליק, און געחתמעט זיין נאָמען. וואָס פאַר א סקאַנדאל דער בריוו האָט ארויסגערופן! דער בחור איז גלייך אויסגעשלאָסן געוואָרן פון דעם אנשטאַלט און איז אויך באלד אַרעסטירט געוואָרן. מיט גרויס שוועריקייט איז זיין טאטן געלונגען אים צו באַפרייען. און דאָס אַדאַנק זיין עקאָנאָמישער פּאָזיציע, און די גרויסע פאַרבינדונגען וואָס ער האָט געהאט מיט די טאָטעס פון דער שטאָט. זיי האָבן דאָס געמאַכט צו קליין געלט, ווי א זשעסט פון אן אומשולדיקן קינד.

נאָך דער באַפרייונג. האָט דער טאַטע זיינער, וואָס איז געווען א מענטש פון ליבעראַלע אידייען, געפּרובירט אויף זייער אַן איידעלעם אופן אים וויזן די נאַרישקייט וואָס ער איז באַגאַנגען, און אים געעצהט צו זיין פאָרזיכטיקער, אָבער דער בחור׳ל האָט אים גלייך געענטפערט מיט אזא אנטשלאָסנקייט, דאָס דער טאַטע האָט מיט טרערן אין די אויגן אויסגערופן: מיין אומגליקלעך קינד, אויב דו וועסט גיין אויף דעם וועג, וועסטו פאַרענדיקן דיין לעבן אויף דער תליה. און עס האָט טאַקע ניט פיל געפעלט צו דעם אז אין דעם לויף פון צייט, זאָל דעם טאַטנס וואָרנונג מקוים ווערן.

שוין אין די גאָר פריִעסטער יוגנט איז ענריקאָ באַאיינפלוסט געוואָרן פון די רעפּובליקאַנישע און רעוואָלוציאָנערע אידייען פון כאָזע מאַזיני (1806—1872) אָדער פון דעם גענעראַל ג׳יוסעפע גאַריבאַלדי (1807—1882) וועלכע האָבן צו יענער צייט אין איטאַליע מיטגעריסן אין זייערע רעוואָ־לוציאָנערע טעטיקייטן די שטודירנדיקע יוגנט.

ער האָט זיך געחברט מיט די רעפּובליקאַנער. אָבער צו דער פּאַרטיי האָט ער ניט באַלאַנגט, הגם, ער האָט עס געוואָלט טאָן, ער האָט אפילו אָנגעגעבן א פּעטיציע דערפאַר צו דער רעפובליקאַנישער אַליאַנץ אָבער זי איז געפּסולט געוואָרן פון מאַזיני אַליין, ווייל ער האָט אים געהאַלטן פאַר צו ראַדיקאַל־סאָציאַליסטיש. מאַזיני האָט זיכער ניט געמאַכט קיין טעות. ענריקאָס רעוואָלוציאָנערער גייסט איז געווען דער פועל־יוצא פון אַן אינערלעכן געפיל פון האַס קעגן דעם אומיושרדיקן סאָציאַלן סדר.

א קינד פון זייער רייכע עלטערן, געהאָדעוועט און דערצויגן אין לוקסוס, האָט ער אָבער אַרום זיך געזען בלויז דלות, נויט און דעם ווילקיר פון דער ברוטאַלער מאָנאַרכיע.

דאָס פרייע וואָרט אונטערדריקט און פאַרפאָלגט. דער פינסטערער

קלעריקאַליזם באַלעבאַטעוועט איבער דעם גוף און נשמה פון דעם בירגער, קעגן דעם האָבן זיינע אידעלע געפילן פון זיין יוגנט אָן רעבעלירט. זיין סימפּאַטיע דעמאָלט צו דער רעפּובליקאַנישער פּאַרטיי האָט זיך גענומען צוליב דעם קאַמף, וואָס די פּאַרטיי האָט אָנגעפירט קעגן דער עקזיס־טירנדיקער רעגירונג. ביי יענער צייט האָט מאַלאַטעסטאַ, ווי ער אַליין האָט געזאָגט, נאָך אפילו ניט געהאַט געהערט פון דעם אינטערנאַציאָנאַל, ערשט אין יאָר 1871 האָט ער זיך מיט זיינס א פריינד מיטן נאָמען פּאַנעלי (היינט זייער באַוווּסט אין דער איטאַליענישער אַרבעטער באַוועגונג) באַ־קאַנט און באקערט צו די אידייען פון דעם אינטערנאַציאָנאַל. ווי עס איז באַוווּסט, האָט דער אינטערנאַציאָנאַל אין איטאַליע צו יענער צייט, א דאַנק דעם איינפלוס פון דעם רוסישן בונטאַר, מיכאיל באַקונין, וועלכער האָט זיך זינט דעם יאָר 1864 דאָרטן אויפגעהאַלטן, געהאַט אַן אויסגעשפּראָכע־נעם אנארכאָ־רעוואָלוציאָנערן כאַראַקטער. אויך די פּאַריזער קאָמונע פון יאָר 1871, וואָס איר אָפּקלאַנג האָט זיך זייער שטאַרק פאַרשפּרייט איבער אייראָפּע, פאַרשטאַרקט ענריקאָס ענטוזיאַזם.

דעם 4טן אויגוסט איז אין רימיני, (איטאַליען), פאָרגעקומען אַ קאָנגרעס פון אינטערנאַציאָנאַליסטן פון פאַרשידענע טיילן פון לאַנד, וואָס איז שפּעטער באַקאַנט געוואָרן אונטער דעם נאָמען: „דער קאָנגרעס פון רימיני״. ביי דעם קאָנגרעס איז געשאַפן געוואָרן די איטאַליענישע פעדעראַציע פון דער „אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער אַסאָסיאַציע״. ענריקאָ האָט אין יענעם יאָר נאָך ניט באַלאַנגט צו דער פעדעראַציע. אָבער עס האָט לאַנג ניט גענומען און ער איז געוואָרן איינער פון די אקטיווסטע מיטגלידער פון דער פעדעראַציע, און אין יאַנואַר 1873 איז ער שוין איר גענעראַל סעק־רעטאַר. איר פּראָגראַם האָט ער פאָרמולירט, שוין מיט א יאָר פריער. ער האָט מיטגעאַרבעט מיט קאַרלאָ קאַפיעראָ אין דעם זשורנאַל: לע אָרדען דע נאַפּאָלי״ (דער צווייג פון נאַפּאָלי). איז אויך געווען אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער אין דער צייטונג „לאַ קאַמפּאַנאַ (דער גלאָק) אויך אין נעאַפּאָליס, וואָס איז געווען איינע פון די וויכטיקסטע אינטערנאַציאָנאַלע צייטונגען פון יענער עפּאָכע.

די איטאַליענישע פעדעראַציע האָט געהאַט אַן אַנאַרכאָ־סאָציאַליסטישן פּראָגראַם, אין איר מעטאָדע איז זי געווען אַן אַנטי־מאַרקסיסטישע. אין איר פּראָפּאַגאַנדע איז זי געווען פּאָלקיסטיש אָבער אין געהיים, איז זי געווען אינסורעקציאָנעל און האָט כסדר אָנגעפירט אַן אונטערערדישע באַוועגונג וואָס האָט דורכגעזעצט אַן „עקספּערימענטאַלע רעוואָלוציע״, אָדער ווי זיי האָבן דאָס גערופן „ביישפּיל דורך טאַט״. די אַרבעט איז געווען אין איינקלאַנג מיט עריקאָס גייסט און כאַראַקטער, און ער האָט זיך אין

איר אריינגעוואָרפן מיט לייב און לעבן, ער האָט אויפגעגעבן זיין שטודירן אין אוניווערסיטעט, פאַרנאַכלעסיקט זיין אייגענע פאַמיליע. זיין פאַרמעגן האָט ער אַוועקגעגעבן פאַר פּראָפּאַגאַנדע און פאַר אָרעמע לייט. הגם ער איז געווען אַ שוואַכער, אַ קראַנקער, דאָך אין דער אַרבעט איז ער געווען אומדערמידלעך.

ער האָט באַזעסן אַן אויסערגעוויינלעכע פעאיקייט צו דעבאַטירן און צו באַווירקן זיינע צוהערער. ער האָט זייער גיך געקראָגן אַ שטאַרקן איינפלוס אויף די אַרבעטער בכלל, און אויף דער יוגנט בפרט. ער האָט זיך אָבער אויך גלייכצייטיק פאַרוואַנדלט אין דער שרעק פון דער איטאַליענישער פּאָליציי. זי האָט נאָכגעשפּירט זיינע טריט, אים כסדר פאַרפאָלגט, אַרעסטירנדיק אים גאַנץ אָפט אָן אַ פאַרוואָס און אַ פאַרוועך.

ביי דעם פּראָצעס אין רוים, צו וועלכן די פּאָליציי האָט אים צוגעצויגן, האָט ער דאָס טאַקע אַרויסגעבראַכט פאַר זיינע ריכטער, דאָס ניט זייענדיק קיינמאָל פּראָצעסירט און פאַראורטיילט פאַר באַגאַנגענע פאַרברעכנס, איז ער דאָך צוזאַמען אָפּגעזעסן אין פאַרשידענע טערמינען אַ סך־הכל פון 6 יאָר.

אין 1872 איז ער געפאָרן צו דער קאָנפערענץ פון דעם סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל, וואָס איז פאָרגעקומען דעם 15טן און 16טן סעפּטעמבער פון דעם זעלבן יאָר, אין סענטאימער, אין שווייצאַריע. אויפן וועג האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אין צוריך, שווייץ, ווו ער האָט זיך צום ערשטן מאָל באַגעגנט מיט באַקונינען, ער האָט מיט אים פאַרבראַכט 16 טעג אַהין פאָרנדיק און צוריק קומענדיק פון דער קאָנפערענץ, עס איז צווישן די צוויי געשלאָסן געוואָרן אַן אומצושיידבאַרע פריינטשאַפט. ענריקאָ איז אפילו געוואָרן אַ מיטאַרבעטער אין דעם „אַליאַנץ״, וואָס באַקונין האָט געגרינדעט. דאָס איז געווען אַן אונטערערדיש־אַנאַרכאָ־רעוואָלוציאָנערער פאַריין, וואָס איז געווען טעטיק אונטער דעם כלומרשטן נאָמען „דער סאָציאַליסטישער דעמאָקראַטישער אַליאַנץ״, וואָס האָט שפּעטער געביטן דעם נאָמען אויף „דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציאָנערער אַליאַנץ.״

ווי שוין פריער געזאָגט איז ענריקאָ געווען זייער אַ שוואַכער, אַ קראַנקער, דאָס האָט אַרויסגערופן זייער פיל זאָרג ביי די חברים. שוין מיט אַ יאָר 51 צוריק האָט אַ דאָקטאָר פאַרזיכערט אַז ער וועט אפשר דערציען צו דעם עלטער פון 25 יאָר. אין שייכות טאַקע דערמיט, איז אינטערעסאַנט דער אַנעקדאָט וואָס ער, ענריקאָ אַליין האָט דערציילט, ביי אַ מעמאָריאַל־אָוונט צו דעם 50טן יאָרצייט נאָך באַקונינען אין יאָר 1926. ביי זיין ערשטער באַגעגעניש מיט באַקונינען, זאָל באַקונין האָבן געזאָגט צו אַ צווייטן חבר, גלויבנדיק דאָס ער הערט ניט, דאָס עס איז אַ שאָד

וואָס דער יונגער חבר איז אזא חולה, מיר וועלן אים גאָר אין גיכן פאַרלירן. ער וועט ציען העכסטנס נאָך 6 חדשים... די 6 חדשים האָבן זיך אויסגע־צויגן ביז היינט, און איך בין אַריבער זיבעציק און איך בין נאָך אַלץ דאָ צווישן די לעבעדיקע...

פון דער ערשטער באַגעגעניש איז צווישן זיי אָנגעקניפּט געוואָרן, ווי שוין דערמאָנט, אַ אינטימע פריינטשאַפט, זיי האָבן אָפט קאָרעספּאָנדירט. ענריקאָ איז פאַר אַ געוויסער צייט אויך געווען באַקונינס סעקרעטאַר. הויפּטזעכלעך ווען באַקונין האָט זיך אויפגעהאַלטן אין דעם קעמפּ „לאַ באַראָנאַטאַ" לעבן לאָקאַרנאָ, (שווייצאַריע).

אין יאָר 1873, האָט באַקונין אים באַאויפטראַגט, דאָס, ער זאָל זיך זען מיט דעם חבר קאַרלאָ קאַפּיעראָ, און צוזאַמען זאָלן זיי אונטערנעמען א רייזע איבער שפּאַניע. ווען עריקאָ איז אָנגעקומען אין דעם שטעטל באַראָלאָטאָ, (איטאַליע), ווו קאַרלאָ קאַפּיעראָ האָט געוווינט איז ער אַרעס־טירט געוואָרן, און איבערגעשיקט געוואָרן נאָך טראַני, אַ גרעסערע שטאָט אין איטאַליע ווו ער איז איינגעשפּאַרט געוואָרן אין דער דאָרטיקער תפיסה, אָן אַ פאַרוואָס.

ער האָט פון דאָרטן פּרובירט אַרויסצושיקן אַ בריוו צו די חברים, דער בריוו איז פון דער תפיסה־וואַך אינטערצעפּטירט געוואָרן, פאַרוואָס מען האָט אים גלייך טראַנספּערירט אין אַ ווייטער תפיסה, אין דער טרויע־ריק־באַרימטער „לאַ טאָרע דע טיעפאַלאָ". דאָ איז ער געווען אין גאַנצן איזאָלירט, און מיט אַ ספּעציעל געשטעלטן אַגענט, ער זאָל אכטונג געבן אויף אים.

אָבער דער שומר איז געווען אַ מערקווירדיקער טיפּ פון אַ פּאַטריאָט. אַ געוועזענער אַרעסטאַנט פון דער צייט פון די באָראָנען. עס האָט לאַנג ביט גענומען, דאָס ער זאָל ווערן אַ פריינט פון זיין געפאַנגענעם, וועמען ער דאַרף היטן און די בריוו פון דעם יונגן רעוואָלוציאָנער זיינען געפלאָסן פון דער תפיסה בעסער, ווי זיי וואָלטן געגאַנגען דורך דער רעגולערער פּאָסט. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, דאָס דער זעלבער שומר איז געווען אונטער דער פריערדיקער רעגירונג אַ מיט־קוואַרטיראַנט אין דער תפיסה־צעלע, פון דעם געוועזענעם מיניסטער סילפיאָ ספּאַווענטאַ. ער האָט זיך אפילו פאַרטרויט צו ענריקאָ, דאָס ער גרייט זיך אים אָפּראַמען פאַר פאַראַטן זיינע אַלטע חברים, ער האָט ענריקאָן אפילו געוויזן דעם קינזשאַל וואָס ער שלייפט יעדן טאָג בּיסלעכווייז.

אין דער זעלבער צייט האָט זיך מיט אים אויך באַפריינדעט דער דירעקטאָר פון דער תפיסה, וואָס איז אויך אַמאָל געווען אַ פּאָליטישער

אַרעסטאַנט מיטן נאָמען קאַרלאָ באַטיסטעלי, מיט וועמען ער האָט תמיד דיסקוטירט און זיך אויך אונטערהאַלטן.

ענריקאָ איז נאָך 6 חדשים באַפרייט געוואָרן.

אָבער דער קליינער אינצידענט קאָן דינען אלס באוויז, וואָס פאר אַן איינפלוס ער האָט אויסגעאיבט אויף די וואָס האָבן זיך דערנענטערט צו אים, אזעלכע ביישפילן קאָן מען ברענגען א סך און איינער פון זיי איז אַ זייער כאַראַקטעריסטיש־ער און אילוסטראַטיוו־ער; ווען ער איז נאָר וואָס ארויס פון דער תפיסה, האָט ער זיך אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט פון צוגרייטן דעם אויפשטאַנד אין דעם דרום טייל פון איטאַליע, וואָס איז אויסגעפּלאַנט און באדאַרפט צושטאַנד קומען לויט דעם אויס־געאַרבעטן פּלאַן פון באַקונין, קאַרלאָ קאַפּיערא און אַנדערע חברים. אָבער עריקאָס געזונט־צושטאַנד איז פארערגערט געוואָרן און דאָקטוירים האָבן פאַראָרדנט אַבסאָלוטע רו פאַר אַ קורצער צייט. איז ער אויף דער איינ־לאַדונג פון א חבר געפאָרן צו אים אהיים, אין א קליין דרום שטעטל קאַנאַגא־וואַראַנא. דאָס איז פּונקט געווען אין צייט פון „קאַרנעוואַל” פון יאָר 1874. בלייבן אין גאַנצן רואיק האָט זיין אומרואיקער טעמפּעראַמענט ניט געקאָנט, האָט ער זיך באַקאַנט מיט די גלאַוונע גדולים פון דעם שטעטל, וועלכע פלעגן אין די אָוונטן זיך צוזאַמענקומען אין דער איינציקער אפּטייק, די גדולים זיינען געווען דער מאַיאָר פון שטעטל, דער שעף פון די „קאַראַ־בינעראָס” (שטאָט־פּאָליציי), דער גלח און דער אַפּטייקער. עס האָט לאַנג ניט גענומען זיי צו באַווירקן, זיי זאָלן אין לעצטן טאָג פון קאַרנעוואַל דורכ־פירן א פּאָליטישן מאַסקעראַד, וואָס זאָל פאַרשטעלן; „דעם טויט פון דער בורזשואזיע”. אויף די גאַסן פון דעם שטעטל האָט דורכמאַרשירט א לויה פון דער בורזשואזיע, מיט 4 חברה־קדישא־לייט ארום דעם ארון, דער עולם האָט שטאַרק אַפּלאָדירט די פּראָצעסיע, אָבער די ווירקונג, וואָס דאָס האָט געמאַכט אין די הויכע פענסטער קאָן מען זיך שוין משער־זיין, דער שעף פון די קאַראַבינעראָס איז באַלד טראַנספערירט געוואָרן, דער מאַיאָר איז שטאַרק קריטיקירט געוואָרן פון דעם פּאָליס פּרעפעקט, און דער גלח איז געטאַדלט געוואָרן פון דעם ארצי־בישאָף, אָבער די באַפעלקערונג האָט געהאַט אַן הנאה פון דעם ליצנישן אויפטו...

דאָס אָפּגעטאָענע שפּיצל, די אַלע פּרוכטלאָזע לאָקאַלע אויפשטאַנדן, אָדער דאָס פאַרכאַפּן אויף אַ פּאָר שעה די פאַרוואַלטונג פון אַ שטעטעלע אָדער פון אַ דאָרף־געמיינדע, ווו די פייערדיקע רעזאָלוציעס פון קאָנגרעסן פון די אינטערנאַציאָנאַליסטן זיינען פּראָקלאַמירט געוואָרן, קאָנען היינט אויסזען קינדעריש אָדער גאָר פאַנטאַסטיש. אָבער אין זייער צייט זיינען זיי געווען פון גרויס באַדייטונג. עס זיינען נאָך דעמאָלט געווען די יאָרן — פון

1872 ביז 1876 — ווען עס איז נאָך ביי דער איטאַליענישער באַפעלקערונג פריש געווען דער איינדרוק פון כאַזע מאַזיני׳ס (1806—1872) טעטיקייט מיט זיין געהיימער געזעלשאַפט: „די יונגע איטאַליע״ וועמענס מאָטאָ איז געווען: „גאָט און פאָלק״ וואָס האָט געצילט צו שאַפן אויף די חורבות פון דער אַלטער קירכע, א „מאָדערנע־דעמאָקראַטיע״. עס האָט געדויערט און געווערקט אויך דער אָנדענק פון דעם גענעראַל ג׳יוזעפע גאַריבאַלדי (1807—1882) — וועלכער האָט מיט זיין לעגיאָן פון די „רויטע העמדלעך״, געקעמפט פאַר אַ פאַראייניקטער איטאַליע, האָט דאָס אַלץ געשאַפן ביי דעם איטאַליע־נישן פאָלק א שפע פון איינדרוקספולע געשיכטעס און לעגענדעס, וואָס האָבן צוגעגרייט דעם באָדן פאר אינסורעקציאָנעלע באוועגונגען אין לאַנד.

נעמענדיק דאָס אין באַטראַכט, ווערן פאַרשטענדלעך די פּאַסירונגען, ווי זייערע העלדן, און עס ווערט קלאָר פאַר אונדז די געשטאַלט פון ענריקאָ מאַלאַטעסטאַ, וועלכער פאַרקערפּערט מיט זיך דעם „פּראָטאָ־טיפּ״ פון דער עפּאָכע און אירע געשעענישן. נאָך בולטער ווערט ענריקאָס פּנים ווען מ׳ער הערן דעם לאָזונג פון ענריקאָ מאלאטסטאָ: „דער קאָנקרעטער אָביעקטיוו ד א ר ף ז י י ן פּראָפּאַגאַנדירן די סאָציאַלע־רעוואָלוציע דורךביישפּיל, אָפּגעזען פון דעם מאָמענטאַלן רעזולטאַט!״ און ער האָט טאַקע געאָטעמט מיט און דורך דער רעוואָלוציע.

דער פון באַקונין און קאַפּיעראָ געפּלאַנטער אויפשטאַנד אין דרום איטאַליע פון 1874 איז, טיילווייז צוליב אַ ריס צווישן די צוויי פּערזאָנען און טיילווייז צוליב דעם וואָס די פּאָליציי האָט פריצייטיק עפּעס דער־שפּירט און אָנגעהויבן צו אַרעסטירן אויף רעכטס און אויף לינקס, ניט צושטאַנדעגעקומען. אָבער אַ גרופּע עקשנים מיט ענריקאָ בראש, האָבן אויף זייער אייגענעם חשבון דורכגעפירט אָנפאַלן אויף עטלעכע געמיינדעס אין די בערגיקע שטעטלעך פון דרום איטאַליע. די פּאָליציי און סאָלדאַטן זיינען געווען אויף זייערע שפּורן, ביז איינמאָל איז זיי אויסגעקומען אויף זיי זיך אָנצושטויסן, און דאָ האָט פּאַסירט אַ קוריאָזער עפּיזאָד, וואָס ענריקאָ האָט דערציילט: ווען זייער גרופּע האָט זיך אויסבאַהאַלטן אין א וואַלד, אין א געוויסן פאַרטאָג האָבן זיי פון דער ווייטנס דערזען א פּאַטראָל פון מיליטער, זיי האָבן זיך שוין געגרייט צו א ווידערשטאַנד אָבער ווען דער פּאַטראָל איז צוגעקומען נענטער, אזוי אז מ׳האָט שוין געקאָנט זען איינער דעם צווייטן, האָט דער הויפּט פון דעם פּאַטראָל געגעבן אַ באַפעל צו די סאָלדאַטן, זיי זאָלן זיך אומקערן, עס האָט זיך ארויסגעוויזן, דאָס דער הויפּט פון דער פּאַטראָל, איז געווען דער טראַנספּערירטער שעף פון די קאַראַבינעראָס, פון דעם מאַסקאַראַד, און ער האָט דערקענט מאַלאַטעסטאַן, דערפאַר האָט ער זיך געמאכט כלא־ידע, דאָס ער זעט גאָרניט. שפּעטער

איז ער, ענריקאָ, אַוועק נאָך נאַפּאָליס, אָבער ער האָט דאָרט ניט געקאָנט פאַרבלייבן, האָט ער זיך געלאָזט נאָך דער שווייץ, און קומענדיק צו דער גרענעץ איז ער דערקענט און אַרעסטירט געוואָרן, די פּאָליציי איז געווען זייער אויפגעבראַכט אויף אים, ווייל די פּרעסע האָט באריכט דאָס ער, מאַלאַטעסטאַ, האָט אין דעם שטעטל פּולא דערשאָסן א פּאָר פון זייערע קאָלעגן, זיי האָבן אים אַרייננגעזעצט אין אַן אייזערנער שטייג, ווי אַ ווילדע חיה, און דער עולם איז געלאָפן אים זען, שפּעטער האָט מען אים א געשמידטן אין קייטן אָפּגעפירט אין דער תפיסה אין טריני, וואו ער איז שוין געווען א באַקאַנטער קווארטיראַנט. דער דירעקטאָר וואָס האָט זיך געהאַט מיט אים באפריינדעט ביי זיין פריערדיקן ארעסט, האָט אים פריינט־לעך אויפגענומען, מאַכנדיק די איראָנישע באַמערקונג: „דו האָסט זיך געלאָזט כאַפּן”. און אַ דאַנק טאַקע דער פריינדשאַפט פון דעם דירעקטאָר, איז אים געלונגען, צוצוגרייטן ווי געהעריק דעם פּראָצעס. דער אדוואָקאַט, האָט מיט אים און מיט די עדות איינגעחזרט די נויטיקע ענטפערס וואָס זיי זאָלן געבן ביי דעם געריכט. דער פּראָצעס איז פאָרגעקומען פון דעם 1טן ביז דעם 5טן אויגוסט 1875, וואָס האָט זיך פארוואנדלט אין א מיטינג פון פּראָפּאַגאַנדע, וואָס האָט מער ווי ווען עס איז, פּאָפּולאַריזירט דעם אינטערנאַציאָנאַל, און ער האָט זיך פארענדיקט מיט א באפרייונג, אייניקע פון די געשוואָרענע האָבן זיך שפּעטער געווענדעט צו עריקאָ מיט א ווונטש זיך אָנצושליסן אין דעם אינטערנאַציאָנאַל.

אָבער דערמיט האָט זיך ניט פארענדיקט דאָס קאמפּלוסטיקע לעבן פון דעם אומערמידלעכן פּאַלאַדין פון די „רעוואָלוציע דורך ביישפּיל”.

אין יאָר 1877 האָט ער צוזאמען מיט קאַרלאָ קאַפּיעראָ און א גרופּע חברים צוגעגרייט אַן אויפשטאנד אין דעם שטעטל בענאַווענטע, אָבער די פּאָליציי האָט זיך באַצייטנס דערוווסט פון דעם און האָט אַרומגערינגלט דאָס הויז, וואו עס האָבן זיך געפונען אַ צאָל חברים, און עס איז אַנטשטאַנען אַ קאַמף, דריי קאַראַבינעראָס זיינען פאַרוווּנדעט געוואָרן, איינער איז פון די וווּנדן געשטאָרבן, א צאָל חברים זיינען ארעסטירט געוואָרן, און א צאָל איז געלונגען זיך אריינצוכאַפּן אין דעם נאָענטסטן וואלד, און האָבן באשלאָסן פאָרצוזעצן די אַרבעט.

זיי זיינען געווען א 30 מאַן, צווישן זיי: קארלאָ קאפּיעראָ, עריקאָ, סטעפּניאַק און צעזאַראָ צעקאלארי, וועלכער איז געווען דער אָנפירער.

פון דעם 6טן ביז דעם 8טן אפּריל האָבן זיי דורכמארשירט אייניקע שטעטלעך אין די בערג פון דרום איטאַליע, ביז זיי זיינען אָנגעקומען אין דעם שטעטל לענטאנאָ, מיט די רויטע פאָן פארנאנדערגעוויקלט, און דעם רוף: עס לעבט די סאָציאַלע רעוואָלוציע, האָבן זיי פאַרנומען די שטאָט־

פארוואלטונג, וואָס האָט פונקט געהאט א זיצונג, זיי האָבן אין דעם נאָמען פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע אַראָפּגעזעצט דעם קעניג פון זיין טראָן, און צוגענומען אַלע אָפּיציעלע דאָקומענטן, מיט דער אויסנאַם פון די, וואָס האָבן אַ שייכות מיט שפּיטאָל, סאַניטאַרע און רעליף אָנגעלעגנהייטן האָבן זיי אלע דאָקומענטן פארברענט, דאָס ביסל געלט וואָס זיי האָבן געפונען אין דער קאַסע, האָבן זיי צעטיילט צווישן דעם עולם וואָס האָט זיך פארזאמלט ארום זיי. פאַר דאָס אלץ האָבן זיי דעם מאיאָר פון שטעטל געגעבן א קבלה, וואָס האָט זיך געלייענט: „מיר, וועמענס נעמען זיינען געצייכנט אין דעם דאָקומענט דערקלערן: דאָס מיט געווער אין די הענט און אין נאָמען פון דער סאָציאלער רעוואָלוציע האָבן מיר פארנומען די שטאָט־פארוואל־טונג פון לענטאַנאָ, צעבראָכן אַלע מכשירים, פאַרברענט אַלע נוצלאָזע דאָקומענטן, און פארנומען דאָס ביסל געלט וואָס האָט זיך געפונען אין דער קאַסע". פאר דעם פארלאָזן דאָס שטעטל האָבן זיי געהאלטן רעדעס פאר דער באַפעלקערונג, וועלכע האָט מיט סימפּאַטיע זיך צוגעהערט.

דאָס זעלבע האָבן זיי באַוויזן צו איבערהזרן אין נאָך אַ פּאָר קליינע שכנהשע שטעטלעך. אין איינע פון די שטעטלעך האָבן זיי געפרעגט ביי די מענטשן זייער מיינונג וועגן זייער טעטיקייט, האָט איין פויער זיי גע־ענטפערט מיט אַ פראַגע: „ווער קען אונדז פאַרזיכערן דאָס איר זייט ניט קיין פאַרמאַסקירטע קאַרבינעראָס (שטאָט־פּאָליציי) און ווילט וויסן ווי מיר דענקען כדי אונדז שפּעטער ארעסטירן?" אוועקגייענדיק פון דאָרטן, זיינען זיי צוריק אַריין אין וואַלד, אָבער שטאַרקע רעגנס האָבן געמאַכט א תל פון געווער. פון ווייטער קעמפן האָט שוין קיין רייד ניט געקאָנט זיין, האָבן זיי באַשלאָסן ערגעץ ווו זיך אויסצובאַהאַלטן, זיינען זיי אַריין אין דעם נאָענטסטן דערפל, אין א הויז, אָבער א פויער האָט זיי ארויסגעגעבן צו דער פּאָליציי, מען האָט זיי אלע, אין צאָל פון 23 פערזאָן ארעסטירט, די אַנדערע זיינען שפּעטער אויך אַרעסטירט געוואָרן, מען האָט זיי געבראַכט אין דער תפיסה פון סאַנטאַ נאַרי אַקאַפּאָ, (די געבורט שטאָט פון ענריקאָ מאַלאַטעסטאַ) די פּאָליציי האָט דערווייל געמאכט נאָך ארעסטן, א 26 פערזאָן, צווישן זיי אויך ענריקאָ מאַלאַטעסטאַ, וועמען עס איז געלונגען צו קומען אין נאפּאָליס צוזאַמען מיט איבער 50 מאן. זיי זיינען באקאָנט געוואָרן אונטער דעם נאָמען: „די באַנדע פון בענעווענטע."

אַלע זיינען געמשפּט און פאַראורטיילט געוואָרן צו פאַרשיידענע תפיסה טערמינען.

זיצנדיק אין תפיסה, האָט קאַרלאָ קאפיעראָ אָנגעשריבן זיין קריטיק איבער דעם „קאַפּיטאַל" פון קאַרל מאַרקס, סטעפּניאַק האָט אָנגעשריבן זיין באַרימטן ווערק: „די אונטערערדישע רוסלאַנד" און ענריקאָ מאַלאַ־

טעסטאַ, האָט אָנגעשריבן אַן אויספירלעכן באַריכט פון די געשעענישן, וואָס איז געלייענט געוואָרן אויף דעם 9טן קאָנגרעס פון דעם אינטערנאַציאָנאַל, וואָס איז פאָרגעקומען פון דעם 5טן ביז דעם 8טן סעפטעמבער 1877 אין ווערויער, בעלגיע, און וואָס איז פאַרבליבן א היסטאָרישער דאָקומענט אין די אנאלן פון דעם אינטערנאַציאָנאַל.

דעם 9טן יאַנואַר 1878 איז דער קעניג, וויקטאָר עמאַנועל דער 2טער, געשטאָרבן, און אַן אַמנעסטיע פאַר אַלע פּאָליטישע אַרעסטירטע איז פּראָקלאַמירט געוואָרן, דערמיט האָט זיך פאַרענדיקט דער עפּיזאָד פון בענעווענטע.

ארויסקומענדיק פון דער תפיסה אין אויגוסט פון דעם זעלבן יאָר איז ענריקאָ אַוועק נאָך נאַפּאָליס, אָבער די פּאָליציי האָט נאָכגעשפּירט זיינע טריט, ער האָט אפילו ניט געקאָנט געפינען קיין אַרבעט אין וואָס ער האָט זיך שטאַרק געגויטיקט, ווייל, דעם פאַרמעגן וואָס די עלטערן האָבן אים געלאָזן נאָך זייער טויט, דאָס בארע געלט, וואָס האָט באטראָפן 50 טויזנט לירעס, א סומע, וואָס האָט צו יענער צייט מיט זיך פאָרגעשטעלט א פארמעגן, האָט ער דאָך, ווי שוין אויבן געזאָגט, צעטיילט פאַר דער באַוועגונג, און פאַר נויטבאַדערפטיקע, די הייזער האָט ער אָפּגעשריבן פאַר די אָרעמע קוואַרטיראַנטן, אַזוי דאָס ער האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ פּראָלעטאַריער, און אַ זעלכער איז ער פאַרבליבן זיין גאַנץ לעבן.

אין יאָר 1881 איז ער אַוועק נאָך עגיפּטן, און פון דאָרט נאָך פראַנקרייך, און צום לעצט זיך באַזעצט אין לאָנדאָן, און דאָרטן געאַרבעט אַלס עלעקטראָטעכניקער ביז דעם יאָר 1914, הגם ער האָט אין צווישן־צייט, געמאַכט רייזעס אין פאַרשיידענע לענדער פון אייראָפּע און דרום אַמעריקע, און אפילו אין געהיים באַזוכט זיין היימלאַנד, איטאַליע. אין 1914 איז ער שוין פאַרבליבן אין איטאַליע, פון וואַנען ער האָט פאָרגעזעצט זיין פּראָפּאַגאַנדישע טעטיקייט, הגם די ממשלה פון דעם געוועזענעם „סאָציאַליסט" מוסאָליני האָט אויף אים שטאַרק געפרעסט. אמת, ער, דער דיקטאַטאָר פון איטאַליע, האָט ניט געהאַט דעם מוט אים אַריינצוזעצן אין תפיסה, ווי ער האָט דאָס געטאָן מיט זיינע געוועזענע קאָלעגן, האָט ער אָבער אים געהאַלטן אַרעסטירט אין זיין אייגן הויז, ער האָט אַרום אים געשטעלט אַ שטאַרקע שמירה, וועלכע האָט אים געהיט ביי טאָג און ביי נאַכט, און אויף יעדן שריט און טריט, ער האָט אָבער דאָך געפונען אַ וועג ווי אַרויסצושמוגלען זיין פאַרצווייגטע קאָרעספּאָנדענץ, סיי צו פריינט, און סיי פאַר דער אינטערנאַציאָנאַלער אַנאַרכיסטישער פרעסע איבער דער גאָרער וועלט.

אזוי האָט ער אָנגעהאַלטן ביז זיין לעצטן אָטעמצוג, וואָס ער האָט אויסגעהויכט יולי דעם 22טן, 1932, אין עלטער פון ניין און זיבעציק יאָר.

אָט־אזוי האָט געלעבט, געקעמפט און געשטאָרבן דער מערקווירדיקער ריטער פון דער סאָציאלער רעוואָלוציע.

מאקס נעטלאַ, דער היסטאָריקער פון דער אנארכיסטישער באוועגונג האָט אָנגעשריבן נאָך מיט אַ יאָר פּאַר מאַלאַטעסטאַס טויט, אַ גרויס ווערק, וועגן דעם לעבן און שאפן פון דעם איטאַליענישן אנארכיסטישן אגיטאַטאָר, אונטער דעם נאָמען: ענריקאָ מאַלאַטעסטאַ, דאָס לעבן פון אַן אַנאַרכיסט, דערשינען אין דייטש, איבערגעזעצט אין שפּאַניש פון צ. א. סאנטיליאַן.

אויך לואיס פאברי האָט אָנגעשריבן א ווערטפולע ביאָגראַפיע אין דער איטאַליענישער שפּראַך, אונטער דעם נאָמען „מאַלאַטעסטאַ" אויך איבערגעזעצט געוואָרן אין שפּאַניש פון ד. א. סאַנטיליאַן, אין יידיש איז ביז איצט גאָרניט דערשינען וועגן אים, מיט דעם אויסנאַם פון אַ פּאָר צייטונג־אָפּהאַנדלונגען, און פון אים אַליין איז נאָר פאַראַן די שוין דער־מאָנטע בראָשורע „דער וויכוח", איבערגעזעצט פון רודאָלף דאָקער, „אונדזער פּראָגראַם" איבערגעזעצט פון ר. ראָקער און ארויסגעגעבן פון דעם „ארבעטער־פריינד" אין לאָנדאָן, און „דער אנארכיסט" איבערגעזעצט פון פּ. א. פראַנק, אַרויסגעגעבן פון א. גאָלוב, לאָנדאָן.



זשאַן גראוו

(1932—1854)

דער וואכזאמער שומר פון אנארכיזם

עס איז אוממעגלעך צו רעדן פון, אָדער וועגן דער פּערזאָן פון זשאַן גראוון אויסלאָזנדיק די עפּאָכע, אין וועלכער ער איז געבוירן, געוואקסן און זיך אויסגעשטאלטיקט צו דאָס, וואָס ער שטעלט מיט זיך פאָר, פאר זיינע צייט־גענאָסן און פאר דער צייט אין וועלכער ער האָט געלעבט און געווירקט.

ווי דער פראנצויזישער נאָוועליסט און דראמאטורג, אָקטאוו מירבאָ שרייבט אין זיין פּאָרוואָרט צו זשאַן גראַווס ווערק, „די פרייהייטס־באוועגונג אונטער דער 3־טער רעפּובליק, אָדער זכרונות פון אַ רעוואָלוציאָנער״: פון א דערשלאָגענעם שעמעוודיקן יינגעלע, פון וועמען די חברימלעך אין

שול האָבן חוזק געמאַכט, פון דעם לערן־יונג, ווען די געזעלן־בעלי מלאכות אויף דער פאַבריק, און די בעלי־בתים האָבן אומברחמנותדיק באַהאַנדלט און עקספּלואַטירט, איז אויסגעוואַקסן א וווּנדערבאַרער סימבאָל פון מוט און אַנטשלאָסנקייט, אַ געוואַגטער רעוואָלוציאָנער, אַ טרוימער, אָפּצווישן אפילו מיט דינאַמיט די אכזריותדיקע געזעלשאַפט און צום סוף זיך פאַרוואַנדלט אין א געוואַגטן דענקער, דער דיאַלעקטיקער פון דעם אַנאַרכיסטישן וועלט־באַנעם, ווען נאָענטע פריינט האָבן חבריש באַקרוינט מיט דעם טיטל: כהן גדול פון דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג אין פראַנקרייך.

צי דער טיטל איז פּאַסיק אָדער נישט פּאַסיק איז איצט נישט וויכטיק, וויכטיק איז דער פאַקט, דאָס אייגענע ווי פרעמדע, נאָכפאָלגערס ווי די פאַרביסנסטע קעגנערס, אפילו די ביטערסטע רעאַקציאָנערן, האָבן זיך צום ענדע גערעכנט מיט זיין וואָרט, אויך די פּאָליציי איז סוף כל סוף מיד געוואָרן אים צו פאַרפאָלגן, אָדער גאָר דרך־ארץ פאַר אים באַקומען, פאַר גאָר א לאַנגער צייט האָט זי זיך מיט אים געשפּילט, ווי א קאַץ מיט א מויז, אַרעסטירט און אים ארויסגעלאָזן, איינגעשפּאַרט אים אין תפיסה און אַרויסגעלאָזן, ווילנדיק תמיד אים צושרייבן יעדן פאַרברעכן, יעדן אַטענטאַט, יעדן אויפברויז פון א בונט — וואָס איז ערגעץ־ווו איבער׳ן לאַנד פאָרגע־קומען. אויך אים פאַרמשפּט אויף צוויי יאָר תפיסה, פאַר זיין מאַנומענטאַל־ווערק: „די אָפּשטאַרבנדיקע געזעלשאַפט און די אַנאַרכיי״, וועמענס טיטל ער האָט געהאַט צו פאַרדאַנקען, ווי ער אַליין זאָגט אין זיינע „זכרונות פון אַ רעוואָלוציאָנער״, זיין חבר און לערער, עליזע רעקלו, וואָס האָט עס ווי אַ סעריע אָפּהאַנדלונגען פאַרעפנטלעכט אויף די שפּאַלטן פון דער צייטונג „רעוואָלט״, וואָס ער,—רעקלו—מיט פּיאָטער קראָפּאָטקין האָבן צו יענער צייט ארויסגעגעבן אין זשענעוו — שווייצאַריע — און פון וועלכער ער, — זשאַן גראַוו, — איז שפּעטער געוואָרן דער יורש און פאַרזעצער, הגם בייטנדיק, מחמת די פּאָליצייאישע פאַרפאָלגונגען, דעם נאָמען, צוערשט פון „רעוואָלט״ אויף „לע רעוואָלטע״ און צום לעצט אויף „לע טאַן נוווא״ (די נייע צייט), וואָס איז שוין ארויסגעגעבן געוואָרן אין פּאַריז, ווייל פון דער שווייץ איז עס אויסגעוויזן געוואָרן. אין פּאַריז איז די צייטונג דערשינען וועכנטלעך אָן אַ איבעררייס און אונטער זשאַן גראַווס רעדאַקציע ביז דעם אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה אין אויגוסט 1914. וועגן די עקאָנאָמישע שוועריקייטן, מיט וועלכע די צייטונג האָט, פון איין זייט, געהאַט זיך צו ראַנגלען און פון די פּאָליצייאישע פאַרפאָלגונגען, וואָס די צייטונג האָט געהאַט אויסצושטיין, פון דער אַנדער זייט, וואָלט מען געקאָנט און געדאַרפט אָנשרייבן א בוך, וועלן מיר דאָס לאָזן.

זשאן גראוו איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1854 (דעם חודש און טאָג וויסט מען נישט. אין זיינע „זכרונות פון אַ רעוואָלוציאָנער" שרייבט ער וועגן געשעענישן און זיין ראָל אין זיי, אָבער גאָרנישט פון זיך) דאָס מיינט 6 יאָר נאָך דער רעוואָלוציע פון 1848, וואָס האָט געבוירן די צווייטע רעפּובליק מיט דעם פּרינץ לואי באָנאַפּאַרט אַלס איר פּרעזידענט, וועלכער האָט דריי יאָר שפּעטער אין 1851 — דורך אַ פּוטש (שטאַט־איבערקערעניש) פּאַראַטן, זיך דערקלערט אַלס דעם לעגיטימען יורש פון דער נאַפּאָלעאָנישער דינאַסטיע און זיך אַ נאָמען געגעבן נאַפּאָלעאָן דער 3־טער, רעטער פון פראַנקרייך, און איר כבוד אַלס אַ וועלט־מאַכט, מיט דער הייליקער מיסיע, צו פאַרווירקלעכן דעם נישט דערגרייכטן טרוים פון נאַפּאָלעאָן דעם ערשטן, דהיינו צו דעראָבערן די וועלט. ער האָט מיט דער הילף פון זיינע געטרייע לאַקייען, (דער טרויעריק באַרימטער טיערס, און דער מאַרשאַל מאַק מאהאָן), וואָס האָבן, ווי ער, פאַראַטן זייער שבועה צו דער רעפּובליק, און האָבן איינגעשטעלט דעם באַרימטן אינקוויזיציאָנעלן „לע אָרדער מאָראַל" (דעם מאָראַלישן סדר) — פון אונטערטעניקייט און געהאָרכזאַמקייט. באַלד נאָך דעם פּוטש אַריינגעשלעפּט דאָס לאַנד אין ווילדע דעראָבערונג־מלחמות, וואָס האָבן זיך סוף כל סוף פאַרענדיקט מיט די זעלבע מפּלות, וואָס עס האָט געכאַפּט זיין פאַרלויפער, נאַפּאָלעאָן דער 1־טער. נאָר מיט נאָך אַ צוגאָב, אַ באַלאַגערונג, פון פּאַריז — 1870 — פון דעם זיגערישן דייטשן חיל און מיט דער קולמינאַציע פון דער פּאַריזער קאָמונע וואָס איז, מערץ דעם 18־טן 1871, פּראָקלאַמירט געוואָרן און וועלכע איז אין דריי חדשים שפּעטער, יוני פון דעם זעלבן יאָר, דורך די ווערסאַלער רעאַקציאָנערן מיט דער הילף פון די פּרייסישע מערצענערן (געדונגענע סאָלדאַטן) מערדערלעך דערשטיקט געוואָרן. ווידער האָבן די טרויעריק־באַרימטע טיערס און מאַק מאהאָן (נאַפּאָלעאָן דער דריטער האָט געמוזט אַבדיקירן) רעסטאַווירט דעם בלוטיקן „לע אָרדער מאָראַל" (דעם סדר פון מאָראַל און לעגאַליטעט), וואָס האָט אין תוך ווידער צוגעגרייט דעם באָדן פאַר נייע בונטן אין לאַנד, און וואָס האָט זיך אויך פאַרענדיקט מיט דער רעזיגנאַציע פון טיערן, אַלס דעם עקזעקוטיוו פון דער קאָאַליציע־רעגירונג, נאָך דער אַבדיקאַציע פון נאַפּאָלעאָן דעם 3־טן, און מיט דער געבורט פון דער 3־טער רעפּובליק אין יאָר 1875.

אָט אין וועלכער תקופה, אונטער דעם איינפלוס פון אָט דער קאָנוול־סיווער עפּאָכע איז דער סוביעקט פון אונדזער אָפּהאַנדלונג, געבוירן און דערצויגן געוואָרן. אמת, די בלוטיקע קייט האָט זיך נישט אָנגעהויבן שמידן אין יאָר 1848, און האָט זיך אויך נישט פאַרענדיקט אין יאָר 1875; זי האָט אָנגעהויבן אַ סך פריער, פון דעם פאַלן פון דער טרויעריקער

באַסטיליע אין 1789, און אַזוי קייטלט זי זיך פון דור צו דור פון עפּאָכע צו עפּאָכע, אונטער פאַרשיידענע אַספּעקטן און פאָרמען, אין תוך, אָבער, בלייבט דער זעלבער גערנגל, דער זעלבער קאַמף פאַר פרייהייט און גערעכטיקייט און קעגן דער זעלבער רעאַקציע, וואָס בייט פון צייט צו צייט איר נאָמען, אירע מלבושים, אָבער דער פּרצוף בלייבט תמיד דער זעלבער. צי זי האָט זיך פריער גערופן „פעאָדאַליזם” און שפּעטער, די „אַבסאָלוטיסטישע מאָנאַרכיע” אָדער דער „טריומוויראַט” (די רעגירונג פון דריי, לויט דעם רוימישן סטיל) אָדער גאָר, די „רעפּובליק”, איז דאָס פרייע וואָרט אונטער אַלע צייטן און רעזשימען, און אפילו היינט אונטער דער דריטער רעפּובליק געפּענטעט מיט טויזנט קייטן, אויך נאָך היינט קען אַ שרייבער און אַ רעדאַקטאָר, אָדער ביידע צוזאַמען, פאַרמשפּט ווערן צו פאַרשיידענע תפיסה־טערמינען פאַר איין און דעם זעלבן אַרטיקל, דער שרייבער פאַר דעם שרייבן, און דער רעדאַקטאָר פאַר דאָס דרוקן אין זיין צייטונג, אַזוי, דאָס אָפּזיצנדיק איין טערמין פאַר איין שטראָף, דאַרף דער רעדאַקטאָר באַלד אָנהייבן אַ צווייטן טערמין, פאַר אַ צווייטער שטראָף, און ווען נישט תפיסה, דאָס הייסט אין צווישן־צייט, האָט ער יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק אויסצושטיין אַ רעוויזיע — אַ הויז־אונטערזוכונג — וואָס פאַרענדיקט זיך כמעט תמיד מיט אַ קאָנפיסקאַציע פון אַ טייל דרוק־מאַטעריאַל און אַזוי ווייטער.

אָבער אַזוי ווי אונדזער אויפגאַבע איז דאָך נישט צו שרייבן די געשיכטע פון פראַנקרייך, בלויז ביאָגראַפישע שטריכן פון אַ יחיד, אַן אַקטיווער קעגנער פון אַן עפּאָכע, וועלן אַלזאָ פאַר אַן אילוסטראַציע בנוגע די אומ־שטענדן און געשעענישן, וואָס האָבן געקאָנט האָבן אַ השפּעה אויף זיין כאַראַקטער און דענקען, די אָנגעוואָרפענע געשיכטלעכע עפּיזאָדן, גלויבן מיר, גענוג זיין.

זשאַן גראַוו איז, ווי מיר האָבן אָנגעגעבן פריער, געבוירן געוואָרן אין יאָר 1854, אין דעם קליינעם פּראָווינץ־שטעטל, ברעילי, לעבן לימאָזש, אין דעם דרום־טייל פון פראַנקרייך, און איז אין דעם עלטער פון 7 אָדער 8 יאָר געבראַכט געוואָרן נאָך פּאַריז, וווּ זיין פאָטער האָט גערעכנט צו געפינען בעסערע מעגלעכקייטן מפרנס־צו זיין די משפּחה וואָס איז באַשטאַנען פון 5 נפשות: דער טאַטע, די מאַמע, צוויי שוועסטערס און ער, דער בן יחידל, אָבער אויך דאָ, אין דער גרויסער מעטראָפּאָלע, פּאַריז, האָט דער טאַטע קיין בעסער מזל נישט געהאַט. דער קליינער זשאַן האָט געמוזט גאַנץ יונג פאַרלאָזן די שול, בכדי צו העלפן, פאַרלייכטערן די גרויסע נויט, וואָס האָט געהערשט אין שטוב. ער האָט פאַרקויפט צייטונגען אין גאַס, און פּרובירט זיך לערנען אַ פאַך, וואָס עס איז אים שפּעטער געלונגען זיך

אויסצולערנען און ווערן אַ שוסטער אָדער ריכטיקער, אַ לאַטוטניק, פאַריכטן שיך, וואָס איז געווען אַ גרויסע הילף פאַר דער פאַמיליע. זיין שטאַרקע ליבע צו זיין פאַמיליע האָט אים נישט דערלאָזן צו האָבן חברים, מיט וועמען צו פאַרברענגען, ווי דער שטייגער איז ביי אַלע בחורים פון זיין עלטער. ער האָט דערפאַר זיין פרייע צייט פאַרבראַכט אין שטוב, און זיך אָפּגעגעבן מיט לייענען און שטודירן.

עס ברעכט אויס די דייטש־פראַנצויזישע מלחמה — 1870 — מיט דער באַלאַגערונג פון פאַריז מיט דעם גרויסן הונגער אין שטאָט, וואָס איז אַ פועל יוצא פון דער באַלאַגערונג, און אַלס קאָנסעקווענץ קומט די פּראָקלאַמירונג פון דער פּאַריזער קאָמונע — 18־טן מערץ 1871. זיין פאָטער פאַלט אין קאַמף קעגן די ווערסאַלער רעאַקציאָנערן. דער קליינער זשאַן איז דעמאָלט קוים אַלט געווען 16 אָדער 17 יאָר. א יאָר שפּעטער שטאַרבט אַ שוועסטערל פון שווינדזוכט און אין עטלעכע חדשים שפּעטער שטאַרבט די מאַמע פון דער זעלבער קראַנקהייט. בלייבט פון דער גאַנצער משפּחה נישט מער ווי ער און א שוועסטער. ער איז דער אַפּעקון. עס רוקט זיך אונטער מיליטער־דינסט. ער ווערט א סאָלדאַט. ער קומט אין קאָנטאַקט מיט בחורים פון זיין עלטער. עס אַנטפּלעקט זיך פאַר אים א נייע וועלט, אַן אויסטערלישע וועלט, א וועלט אין א קאַזאַרמע, וועלכע ער באַצייכנט מיט דעם טיטל, לאַ גראַנד־פאַמי, די גרויסע משפּחה. ער באַשרייבט זי שפּעטער איז זיין ווערק אונטער דעם זעלבן נאָמען, אָבער אין דעם זכות וואָס ער איז אַן אַפּעקון, ווערט ער אין אַ קורצער צייט אַרום באַפרייט פון מיליטער־דינסט. ער קומט צוריק קיין פאַריז, דאָס איז פּונקט געווען צום סוף פון דעם אַזוי־גערופענעם „מאָראַלישן סדר" — וואָס דער טריאומוויראַט מיט טיערן בראש האָבן נאָך דאָס פאַלן, ריכטיקער נאָך דער דערשטיקונג פון דער פּאַריזער קאָמונע, איינגעשטעלט. דער פּאַרלאַמענט איז אויפגעלייזט, נייע וואַלן זענען פּראָקלאַמירט געוואָרן, די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג האָט אָנגעהויבן צוריקצוקומען צום לעבן, ס'האָבן זיך אָנגעהויבן אויסבילדן, אונטער פאַרשיידענע אומשולדיקע נעמען אַ צאָל גרופּן, פאַריינען איבערן לאַנד, איבערהויפּט אין פאַריז, זשאַן גראַוו האָט זיך באַלד איינגעמאָלדן אין זיין ווינ־באַצירק, און גיט אָפּ זיין שטימע פאַר די נייע דעפּוטאַטן, מיט דעם גרויסן ליבעראַל גאַמבעטאַ בראש. אין זיין ווערק: „די פרייהייט־באַוועגונג אונטער דער דריטער רעפּובליק, אָדער זכרונות פון א רעוואָלוציאָנער" שרייבט ער: דאָס איז געווען דאָס איינציקע מאָל אין זיין לעבן וואָס ער האָט זיך באַטייליקט אין דעם שטים־קאַסטן. מיטינגען האָט ער ערשט אָנגעהויבן צו באַזוכן, ווען עס איז דערשיינען דער ערשטער נומער פון דער צייטונג: „לע פּראָלעטער" (דער פּראָלעטאַריער) אויף וועלכער

ער האָט זיך אבאַגירט פון דעם ערשטן נומער אָן. אין אָט דער צייטונג איז געווען אַנאָנסירט אַ מיטינג, אָרגאַניזירט פון דער אַרבעטער־פּאַרטיי. ער איז אַוועק צו דעם מיטינג, און איז געוואָרן פאַראינטערעסירט אין דער באַוועגונג. ער האָט אָנגעהויבן רעגלמעסיק צו באַזוכן די מיטינגען, און עס האָט לאנג נישט גענומען דאָס ער זאָל ווערן איינער פון דעם געזעמל, און שפּעטער צו, איז ער אויך געוואָרן דער סעקרעטאַר פון דעם פאַריין, וואָס האָט געטראָגן דעם אומשולדיקן נאָמען: „פאריין פון קאָנסום־קאָאָפּע־ראַטיוו.” „די אנארכיסטישע אָנשויאונגען זענען נאָך דעמאָלט, אין אָנהויב פון אונדזער טעטיקייט, נישט געווען קלאָר פאַר אונדז, הגם אונדזער פּראָ־גראַם, שרייבט ער, איז געווען, קאָן מען זאָגן, געבויט אויף אַנאַרכיסטישע פּרינציפּן, אָבער אין דער אמתן זענען דאָס געווען נאַטירלעכע נייגונגען. אונדזער פּראָגראַם איז געווען: פרייהייט פאַר דעם יחיד, ווילשטאַנד פאַר יעדן איינעם, דאָס רעכט פון דעם אינדיווידיאום זיך צו גרופּירן לויט זיין אויסוואַל, און האַנדלען לויט זיין אייגענער איניציאַטיוו, אָבער, אין גרונט גענומען זענען די אַלע לאָזונגען, ווי שוין פריער געזאָגט, געווען פאַר אונדז נעפּלהאפט, פון נאטור קעגנער פון אויטאָריטעט האָבן מיר אפילו, שרייבט ער, נישט געוואָלט קיין פאָרזיצער פאַר אונדזערע מיטינגען, ווייל דאָס וואָלט דאָך געמיינט א פרעזידענט, און א פרעזידענט מיינט דאָך אויטאָרי־טעט, אַ פרעזידענט, פון דעם מיטינג, דעם טיטל אַליין איז אונדז געווען דערווידער. האָבן מיר באַשלאָסן, אַז עס זאָל זיין אַ דעלעגאַט, וואָס דאַרף באשטימען דעם „סדר היום” און פירן דעם מיטינג.

אין די מיטינגען פלעגן זיך גאַנץ אָפט באטייליקן: זשול געד, דער באַוווסטער סאָציאַליסט־קאָמוניסט, געטרייער תלמיד פון קאַרל מאַרקסן (דער וואָס האָט שפּעטער געשפּאָלטן די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי אין פראַנק־רייך, אויף געדיסטן און זשאַרעסיסטן, צוליב דער באַטייליקונג פון אַ סאָציאַליסט אין דעם מיניסטעריום אונטער א מינדערהייט פון סאָציאַליסטן) און עס האָבן אויך באַזוכט די מיטינגען אַנדערע פּאָליטיקער. עס פלעגן אויך פון צייט צו צייט אונדז באזוכן איטאַליענישע חברים: קאפיעראָ, מאלאטעסטא און דער רוסישער חבר טשערקעזאָף (ער איז נישט געווען קיין רוסישער נאָר א גרוזינער פירשט). עס איז דאָך געווען פאר דער שפּאלטונג. זי איז פאָרגעקומען שפּעטער. די אנארכיסטן האָבן דעמאָלט זיך גערופן אנטי־אויטאָריטעטיסטן, מיט דעם גרויסן רוסישן בונטאר מיכאיל באַקונין בראש, האָבן זיי מחמת דעם דאָגמאַטיזם פון קאַרל מאַרקס, דער טאַטע פון דעם שטאַט־סאָציאַליזם און באַגרינדער פון דער פּראָלע־טארישער דיקטאטור, געמוזט פאַרלאָזן דעם ערשטן אינטערנאציאָנאל, און גרינדן אן אייגענעם די א.י.ט. אין דער יורא (שווייץ), אָבער דאָס האָט

ערשט שפעטער צו ענדע די 70־קער און אין אָנהויב פון די 80־קער יאָרן פון דעם 19־טן יאָרהונדערט אָנגעהויבן זיך אַנטוויקלען. ביז דעמאָלט איז דער דראַנג נאָך פרייהייט געווען דער לייט־מאָטיוו און די טרייב־קראַפט פון דער דעמאָלטיקער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג".

ווי שוין פיל מאָל געזאָגט, איז ביי זשאַן גראַוון די אַנאַרכיסטיש׳ע קאָנצעפּטן געווען אַן אייגנאַרטיקער, אַ נאַטירלעכער באַנעם, און נישט ווי אַן איבערצייגטע נאָכפאָלגונג פון אַ באַשטימטער שיטה. מ׳וואָלט עס געקאָנט אָנרופן: "אונטער־געוויסן". מיט דער צייט און ביסלעכווייז האָט זיך עס ביי אים אויסקריסטאַליזירט. "עס איז פאַר מיר, שרייבט ער אין זיינע "זכרונות פון אַ רעוואָלוציאָנער", געווען אַ גליקלעכער צופאַל, וואָס איך בין דערווײלט געוואָרן צו זיין דער סעקרעטאַר פון דעם פאַריין, ווייל מיט דער פאַרצווייגטער קאָרעספּאָנדענץ, וואָס איך האָב געהאַט אָנצופירן מיט די חברים אין אַנדערע שטעט און אין דער פּראָווינץ, איז מיר גאַנץ אָפט אויסגעקומען צו ענטפערן אויף געוויסע פראַגן, אָדער צו פאַרטיידיקן געוויסע אידייען, האָב איך ערשט דעמאָלט דערפילט מיין גייסטיקע, אינטע־לעקטועלע אָרעמקייט. דער מאַנגל אין די גייטיקע אַרגומענטן צו באַלויכטן מיינע מיינונגען האָט מיך געצוווּנגען צו פאָרשן, צו שטודירן, און דעמאָלט, אויף דעם אופן האָב איך אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, וואָס עס מיינט אין דער אמתן אַ פרייע געזעלשאַפט, און וואָס דאַרפן זיין אונדזערע מעטאָדן אין קאַמף כדי אָט־די געזעלשאַפט צו דערגרייכן און די פרייהייט פון דעם יחיד זאָל זיין פאַרזיכערט, דעמאָלט, זאָגט ער, בין איך געוואָרן אַן אַנאַר־כיסט, ריכטיקער, אַ נאָכפאָלגער פון דער אַנאַרכיסטישער וועלט־אַנשויונג. ביז דעמאָלט, שרייבט ער ווייטער, איז די גאַנצע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג, ווי איך אַליין, געווען זייער שטאַרק באַאיינפלוסט פון דער ניהיליס־טישער באַוועגונג אין רוסלאַנד, אין זייער עקשנותדיקן קאַמף קעגן דעם דעספּאָטישן צאַריזם. אין זייערע טעראָריסטישע אַקטן האָבן מיר געפונען אַן אויסדרוק פון אונדזערע געפילן און פון אונדזער אַרט דענקען. ווען איך בין, זאָגט ער, דערווײלט געוואָרן אַלס דעלעגאַט צו דעם אַרבעטער־קאָנ־גרעס, וואָס איז פאָרגעקומען אין פאַריז, צום סוף 1875, וואָס האָט באַדאַרפט אויסאַרבעטן די פּלאַטפאָרמע פאַר די קומענדיקע וואַלן, האָב איך באַדאַרפט ריידן איבער די פאָלגנדע טעמעס: 1. די אַקציע פאַר די וואַלן, 2. דאָס אייגנטום, 3. פרויען־רעכט. ווען עס איז געקומען מיין ריי אַרויפצוגיין אויף דער טריבונע, האָבן אונטער מיר געציטערט די פיס", — דאָס מיינט, אַז ער האָט געהאַט ווי מען זאָגט, טריבונע־קדחת. דער פאַקט איז, אַז ער איז קיינמאָל נישט געווען קיין רעדנער. אפילו זיינע אָפטע פאַרטיידיקונגען אין געריכט, האָט ער תמיד פאַרגעלייענט. "ווייל די אַרגומענטן קומען מיר,

פלעגט ער זאָגן, שוין נאָך דער דעבאַטע". „איך בין אויך געווען זיכער, שרייבט ער, אַז מען וועט מיך אַראָפּשלעפּן פון דער טריבונע, נאָך איידער איך וועל דערגיין צו דער ערשטער העלפט פון מיין געשריבענעם רעפעראַט. ער האָט טאַקע נישט געמאַכט קיין טעות, אַזוי האָט דאָס שיער נישט פּאַסירט. די פּאָליטיקער פון געדס חדר, וואָס האָבן זיך געשליפן צו לויפן פאַר דעפּוטאַטן, האָבן אָנגעהויבן צו טומלען, און געוואָלט מיך נישט לאָזן ווייטער פאָרלייענען. אָבער דער עולם האָט דורכאויס געוואָלט אַז איך זאָל פאַרענדיקן מיין לייענען, און דער סוף איז געווען, אַז איך האָב נאָך געהערט צום שלוס פון מיין רעפעראַט עטלעכע אַפּלאָדיסמענטן. אָבער מער בין איך שוין צום וואָרט נישט געקומען, און אָט־וואָס איך האָב געזאָגט, וואָס האָט אַזוי דערצאָרנט די געדיסטן: דאָס געלט, וואָס מען וועט אויסגעבן אויף דעם וואַל קאַמפּיין, וואָלט בעסער געווען, ווען פאַר דעם געלט שאַפט מען זיך איין דינאַמיט אויפצורייסן דעם גאַנצן פּאַרלאַמענט. קעגן דעספּאָטיזם קען מען מיט ווערטער נישט קעמפן. זעט ווי די רוסישע ניהיליסטן קעמפן קעגן דעם צאַרישן דעספּאָטיזם! אָט־די ווערטער, שרייבט ער, זענען ביי מיר אַרויסגעקומען אויף דער צונג, ווייל איך ווי אַ סך רעוואָלוציאָנערן פון יענער צייט זענען געווען אונטער דעם ניהיליסטישן איינפלוס, און אויך דערפאַר, וואָס מיר האָבן דעמאָלט דורכגעמאַכט אַ פּעריאָד פון רעאַקציע דאָ אין לאַנד, ווי די ניהיליסטן אין רוסלאַנד. אָבער טראָץ אַלעם, האָט מיין רעדע, איבערהויפּט דער זאַץ פון דעם דינאַמיט געמאַכט אַ גאָר־גרויסן רושם אין לאַנד, די פּרעסע האָט דאָס אויפגעכאַפּט ווי אַ גרויסע סענסאַציע און אָנגעהויבן שרייבן כסדר וועגן דעם קאָנגרעס, וואָס זי האָט ביז־איצט אינגאַנצן פאַרשוויגן. אַזוי, אַז די געדיסטן אַליין זענען צום סוף געווען צופרידן, וואָס זיי האָבן צוליב מיר געקראָגן אַ גרויסן פּרסום, ווייל אָן דעם וואָלט דער קאָנגרעס פּאַראיבער אין גאַנצן אומבאַמערקט.

אַלץ מערערע פון די דעמאָלטיקע רעוואָלוציאָנערן האָבן געחלומט פון אַטענטאַטן, און פון באָמבעס. אונטערצומינעווען די בורזשואַזע געזעלשאַפט איז געווען אונדזער גרעסטער פאַרלאַנג. דער אַטענטאַט אויף דעם רוסישן צאַר אַלעקסאַנדער דעם צווייטן אין יאָר 1881 האָט אויף דער יונגער אַנאַר־כיסטישער באַוועגונג, וואָס האָט זיך נאָר־וואָס אָנגעהויבן אויסצושיילן, געמאַכט אַ געוואַלדיקן איינדרוק, און אַטענטאַטן אויף פאַרשיידענע קאָרפּן־קעפּ זענען טאַקע פאָרגעקומען. אויך איז אַ באָמבע געוואָרפן געוואָרן אין פּאַרלאַמענט פון דעם באַוווסטן אַנאַרכיסט זשאָרזש עטיוואַן. עס איז געווען אַ צייט, שרייבט ער ווייטער, ווען די פראַגע אויפצורייסן דעם פּאַרלאַמענט איז גאַנץ ערנסט באַטראַכט געוואָרן פון אַ גרופּע אַנאַרכיסטן. דער איטאַל־

יענישער חבר, ענריקאָ מאַלאַטעסטאַ, הגם אַן אויסגעוויזענער פון פראַנק־רייך פאַר האָבן זיך באַטייליקט אין דער דעמאָנסטראַציע אין אָנדענק פון דער פּאַריזער קאָמונע, האָט ריזיקירט און געקומען נאָך פּאַריז צו העלפן דורכפירן די אונטערנעמונג. מען האָט זיך באַדאַרפט פאַרבינדן מיט די אונטערערדישע קאַנאַליזאַציע־אַרבעטער. איך, שרייבט ער, האָב זיך אַפילו אויסגעלערנט מאַכן נייטראָגליצערין. אָבער פון דעם פּלאַן איז גאָר־נישט געוואָרן, ערשטנס ווייל עס איז זייער שווער געווען צו געפינען דעם נויטיקן קאַנאַל־אַרבעטער, ווען מען וואָלט געקאָנט אָנפאַרטרויען דעם סוד, און צווייטנס, ווייל איך האָב באַדאַרפט, לויט דעם פאַרלאַנג פון עליזע רעקלו און פּיאָטער קראָפּאָטקין, פאָרן נאָך זשענעווע (שווייצעריע), דאָרטן איבערצונעמען די אַדמיניסטראַציע פון דער צייטונג: „לע רעוואָלטע" — דער רעבעל — אָט וואָס ער שרייבט וועגן דעם:

„דאָס איז געווען שוין צום סוף 1883, איז צו מיר געקומען עליזע רעקלו מיט אַ סוגעסטיע פון פּיאָטער קראָפּאָטקין, דעמאָלט אין תפיסה אין פראַנק־רייך, אָנבאָטנדיק מיר איבערצונעמען די אַדמיניסטראַציע פון דער צייטונג, וואָס, זיי, ער און פּ.ק., האָבן ארויסגעגעבן אין זשענעווע און פאַרבייטן דעם חבר, וואָס קאָן מער נישט אָנהאַלטן דעם פּאָסטן, ווייל ער האָט אַ פרוי מיט קינדער, און די צייטונג טראָגט נישט צו קענען זיי אויסהאַלטן. מען דאַרף האָבן אַ מענטשן, וואָס טראָגט נישט קיין עול פון אַ משפּחה. הגם דער פאָרשלאָג איז מיר זייער שטאַרק געפעלן געוואָרן: זען אַ ניי לאַנד, זיך באַקענען מיט אַן אַנדערער סביבה און אומשטענדן, און אויך דערביי זיך אויסלערנען אַ נייעם פאַך, זעצעריי, ווייל דער אַדמיניסטראַטאָר האָט אויך באַדאַרפט צוזאַמענשטעלן דעם זאַץ פון דער צייטונג, האָב איך זיך געשראָקן, צי וועל איך דאָס קאָנען באַוויזן, פון אַ שוסטער־לאַטוטניק איבערנאַכט ווערן אַ זעצער, אַ טיפּאָגראַף. אָבער עליזע רעקלו האָט מיך דערמוטיקט, מען דאַרף נאָר וועלן, לערנט מען זיך אויס, האָט ער מיר געזאָגט. אָבער איך האָב זיך געקליבן חתונה צו האָבן, האָב איך נישט געקאָנט טראַכטן וועגן זיך באַזעצן אין דער שווייץ. איז געבליבן, אז איך זאָל אַהינצו פאָרן נאָר אויף זעקס חדשים, ביז מען וועט געפינען אַ פּאַסיקן חבר פאַר דעם פּאָסטן, און עליזע האָט צוגעשטימט. אָבער פון די 6 מאָנאַטן זענען געוואָרן 31 יאָר, און דאָס צו פאַרדאַנקען דער ערשטער וועלט־מלחמה אויגוסט 1914, וואָס האָט אַ סוף געמאַכט צו אַ סך פון אונדזערע אונטערנעמונגען, און פאַרשטייט זיך אויך צו דער צייטונג, וואָס איז שוין דעמאָלט דערשינען אין פּאַריז אונטער דעם נאָמען: „לע טאָן נוואָ". (די נייע צייט). פון דער שווייץ האָט מען אונדז אויסגעוויזן, און אין פּאַריז האָבן מיר באַדאַרפט בייטן דעם נאָמען, מחמת די פּאָליציייאישע פאַרפאָלגונגען, פון „רעוואָלט"

אויף „רעוואָלטע״, און צום סוף אויף „לע טאָן נוואָ״. ביי אָט־דער צייטונג מיטן נייעם נאָמען בין איך שוין פאַרבליבן דער אויסשליסלעכער רעדאַקטאָר ביז צום סוף.

די צייטונג איז פאַרעכנט געוואָרן, און איז טאַקע אויך געווען, פאַר דעם גייסטיקן טאָן־געבער פון דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג אין פראַנקרייך. זי איז פאַרעכנט געוואָרן פאַר דער טריבונע פון דעם אַנאַרכיסטישן וועלט־באַנעם. זשאַן גראַוו האָט אויך מיט דער צייט אַרויסגעגעבן עטלעכע זייער וואָגיקע ווערק, צווישן וועלכע, „די אָפּשטאַרבנדיקע געזעלשאַפט און די אַנאַרכיע״ איז דאָס וויכטיקסטע.

דאָס איז זיין אני מאמין, פון וועלכן מיר וועלן ברענגען עטלעכע שורות, כדי צו צייגן בעסער די קאָלאָסאַלע מעטאַרמאָפאָזע, די איבערגעשטאַלטיקונג, וואָס ער, זשאַן גראַוו, האָט אין משך פון דער צייט דורכגעמאַכט: פון דעם דערשלאָגענעם שעמעוודיקן ייִנגעלע, פון דעם געהאַרכזאַמען שוסטער־געזעלן, איז געוואָרן אַ געוואַגטער רעוואָלוציאָנער, אַ טעראָריסט, און צום סוף, אַ מיפּזיניקער, אַ מעטיקולאָזער בעל־מחשבות, אַ מערקווירדיקער אַנאַרכיס־טישער דענקער. אָט וואָס ער שרייבט אין זיין נאָר־וואָס דערמאָנטן ווערק: „אויב עס זענען פאַראַן פאַרשיידענע מיינונגען ביי די אַנאַרכיסטן בנוגע די טאַקטישע מעטאָדן איז עס נאָר דערפאַר, וואָס זיי לאָזן זיך באַאיינפלוסן פון זייער טעמפּעראַמענט, אַנשטאָט זיך צו האַלטן ביי זייערע פּרינציפּיעלע קאָנצעפּטן. זיי האָבן זיך איינגערעדט (הגם ער איז געווען איינער פון זיי), אַז זיי קעמפן פאַר דעם אַנאַרכיזם, אין דער אמתן האָבן זיי קיין אַנדער זאַך אין זינען נישט געהאַט. ווי נאָר די רעוואָלוציע, גלויבנדיק אַז די רעוואָלוציאָנערע טענדענצן וועלן שוין אַליין דערפירן צו דעם געוווּנטשענעם ציל, צו דעם אַנאַרכיזם. אויך די רעפּובליקאַנער זענען געווען מיט דער זעלבער מיינונג, אויך זיי האָבן געגלויבט, דאָס מיט דער פּראָקלאַמירונג פון דער רעפּובליק, וועט זיך אָנהייבן אַ נייע ערע פון פרייהייט און וווּל־שטאַנד.

עס וואָלט געווען אַן אַרויסגעוואָרפענע אַרבעט אָנצווויזן אויף די אַלע אילוזיעס, וואָס זענען אויפגעקומען און פאַרשוווּנדן, איינע נאָך דער אַנדערער, אין די מוחות פון די מאַסן, זינט דער פּראָקלאַמירונג פון דעם רעפּובליקאַנישן רעזשים. דערפאַר דאַרפן מיר זיך בעסער באַצייטנס אָפּגעבן מיט אַנאַליזירן די קאָנסעקווענצן, וואָס וועלן אַרויסקומען, ווען מיר וועלן בויען אונדזערע האָפענונגען אויף דער רעוואָלוציע, מאַכנדיק פון איר אַ ציל, אַנשטאָט אַ מיטל צו דערגרייכן דעם ציל״.

אויף אַ צווייטער שטעלע זאָגט ער ווייטער: „מיר זענען מיט דער מיינונג, אַז וואָס מער מיר וועלן פאַרשפּרייטן, פּראָפּאַגאַנדירן אונדזערע

אידייען צווישן די מאַסן, און וואָס ריינער מיר וועלן זיי, אונדזערע פּרינציפּן, האַלטן, וואָס מער זיי אָפּהיטן פון דעם איינפלוס פון אַנדערע טעאָריעס און פּאַראורטיילן, וועלכע די געוויינהייט און די דערציונג האָט אונדז געלאָזן בירושה, אַלץ ווירקזאַמער וועט זיין די ראָלע, וואָס די אַנאַרכיסטן וועט אויסקומען צו שפּילן אין דער צוקונפטיקער רעוואָלוציע.

פריער פון אַלץ דאַרפן מיר זען אויפצוקלערן, וואָס גענויער און דייט־לעכער, אונדזערע אידייען, און זען צו שאַפן וואָס מער גרופּן פון געוויסנ־האַפטע, איבערצייגטע חברים, וואָס וועלן נישט איינגיין אויף קיין שום קאָמפּראָמיס, נישט פאַרבויגן דעם מינדסטן טייל פון אונדזערע פּרינציפּן, מיט דער אויסזיכט צו פאַרגרעסערן אונדזער מחנה, די צאָל פון אונדזערע אַנהענגער, ווייל יעדע מינדעסטע און אַפילו מאָמענטאַלע פּשרה קאָן ווערן אַ נייע קייט פון מיספאַרשטענדעניש, וואָס וועלן אַרויסרופן פאַלשע באַגריפן בנוגע אונדזערע אייגנטלעכע שטרעבונגען.

„די רעוואָלוציע איז נישט אונדזער ציל, נאָר אַ מיטל, זיכער אַן אומ־פאַרמיידלעכער מיט וועלכן מיר דאַרפן זיך רעכענען, אָבער דער מיטל האָט נאָר איין ווערט פאַר אונדז, נעמלעך: צו פאַרווירקלעכן אונדזערע אידייען. די היינטיקע געזעלשאַפט אַנטוויקלט אַליין די רעוואָלוציאָנערן, וועגן דעם דאַרפן מיר זיך נישט זאָרגן, די אומגערעכטיקייטן פון דעם איצטיקן סיסטעם שאַפן יעדן טאָג אומצופרידענע, ו־עבעלן־רעוואָלוציאָנערן, איז אונדזער אויפגאַבע זיי, די אומצופרידענע, צו מאַכן באַוווסטזיניק כדי זיי זאָלן וויסן וואָס זיי ווילן, און ווי אַזוי דאָס צו דערגרייכן. מיט איין וואָרט, אונדזער אויפגאַבע איז, צו מאַכן איבערצייגטע אַנאַרכיסטן, געוויס אויך רעוואָלוציאָנערן, אָבער נאָר אַזעלכע וואָס זאָלן וויסן וואָס און פאַרוואָס זיי פירן אַ קאַמף קעגן דעם היינטיקן סאָציאַלן סדר.״

די ציטירטע שורות גלויבן מיר וועלן גענוג זיין, זיך צו קענען פאַסן אַ מיינונג, סיי איבער דער פּערזאָן און סיי איבער דער מערקווירדיקער איבער־געשטאַלטיקונג, וואָס ער האָט אין משך פון דער צייט דורכגעמאַכט.

ביי דער געלעגנהייט איז כדאי צו באַמערקן דעם פאַקט, דאָס נאָך דעם באָלשעוויסטישן פּאַראַט פון דער רוסישער רעוואָלוציע, האָט זיין רבי, פּיאָטער קראָפּאָטקין, וואָס איז ביז דעמאָלט געווען אַ גלויביקער אין רעוואָ־לוציע, ווי אַ גוטער ייד אין משיחן, געזאָגט אין זיין צוואה דאָס זעלבע, וואָס זיין תּלמיד האָט נאָך מיט עטלעכע דרייסיק יאָר צוריק געזאָגט (זע קראָפּאָטקין, זאמל־בוך, וואָס די גרופּע דוד עדעלשטאַט אין אַרגענטינע האָט אַרויסגעגעבן).

אינטערעסאַנט איז דער וועג וואָס האָט זשאַן גראַוון דערפירט צו זיינע איבערצייגונגען און טעטיקייט.

אין דער שטאָט ליאָן, פראַנקרייך, וואָס איז נאָך היינט איינע פון די אינדוסטריעלסטע אין פראַנקרייך, איבערהויפּט אין טעקסטיל־וועבעריי, איז צו יענער צייט די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג געווען פיל שטאַרקער ווי אין דער הויפּטשטאָט פּאַריז גופא, דאָרטן האָבן די אַנאַרכיסטן אָנגעפירט אַ זייער פאַרצווייגטע טעטיקייט, צייטונגען זענען דערשינען און אָפּגעשטעלט געוואָרן און ווידער דערשינען אונטער אַ צווייטן נאָמען, דאָרט איז אויך דערשינען די צייטונג: „לע קרי די פּעפּל" (דער רוף אָדער דער געשריי פון פאָלק), שרייבט ער, „האָב איך זיך אָנגענומען מיט מוט, און צוגעשיקט מיין אָפּהאַנדלונג, וואָס איך האָב געהאַט צוגעגרייט דאָס פאַרצוברענגען ביי דעם פריער שוין דערמאָנטן אַרבעטער־קאָנגרעס, אָבער אויך די צייטונג איז צוליב פּאָליציייאישע פאַרפאָלגונגען אָפּגעשטעלט געוואָרן, איז די אָפּהאַנד־לונג, פאַרשטייט זיך, נישט דערשינען. ערשט מיט אַ צייט שפּעטער האָב איך דעם אַרטיקל דערזען אויף די שפּאַלטן פון „לע רעוואָלטע", (דער רע־בעל), וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין זשענעוו, דער אַרטיקל האָט געט־ראָגן דעם טיטל: „די גרונזעלשאַפט צו מאָרגנס נאָך דער רעוואָלוציע". דער־זעענדיק דעם אַרטיקל געדרוקט, בין איך געוואָרן אָנגעפילט מיט אַמביציע ווייטער צו שרייבן, איך האָב אויך צוזאַמענגעשטעלט באַריכטן פון דער אַלגעמיינער באַוועגונג, און צייטווייז אָנגעשריבן פאַרשיידענע אָפּהאַנדלונ־גען איבער פאַרשיידענע טעמעס. און אַלץ וואָס איך האָב צוגעשיקט איז געדרוקט געוואָרן, דאָס האָט מיך געשטעלט אין אַ נאָענטער פאַרבינדונג מיט פּיאָטער קראָפּאָטקין, וועמען מיינע אַרטיקלען מיט די שלעכטע פּונקטואַציעס זענען זייער געפעלן געוואָרן, און ער האָט מיך כסדר קאָרעגירט און דער־מוטיקט ווייטער צו שרייבן, און שפּעטער מיר אָנגעבאָטן צו ווערן דער אַדמיניסטראַטאָר, און נאָך שפּעטער מיר אָנפאַרטרויט אויך די רעדאַקציע פון דער צייטונג."

„אָט אזוי בין איך, שרייבט ער, פון אַ שוסטער־אַרבעטער געוואָרן אַן אַדמיניסטראַטאָר פון אַ צייטונג, און אַ זעצער, אַ טיפּאָגראַף, און צו סוף איר רעדאַקטאָר."

איז דאָס נישט אַ ווונדערבאַרער ביישפּיל פון אומגעווייגטלעכן אַרויפּ־שטייג! גערעכט ווייזט אויס איז געווען דער זאָג פון עליזע רעקלו: „וויל און דו ועסט דערגרייכן". זשאַן גראַוו האָט טאַקע געוואָלט און ער האָט טאַקע דערגרייכט זיין ציל. די שריפט „לע טאַן נוווא" איז מיט דער צייט איינגעשרומפּן געוואָרן, איינגעדאַרט געוואָרן ביז זי איז דערגאַנגען צו אכט מאָגערע זייטלעך פון אַ בראָשורפאָרמאַט. זשאַן גראַוו האָט זי אָנגעהאַלטן, אבי נישט צו בלייבן שטום.

געשטאָרבן איז אָבער זשאן גראוו אין פולער איינזאמקייט אין יאָר 1932 אין פּאַריז.

ביבליאָגראַפיע:

1. „די געזעלשאַפט צו מאָרגנס נאָך דער רעוואָלוציע" — איבער־געזעצט אין ענגליש, גריכיש, אַרמעניש, איטאַליעניש, רוסיש, רומעניש, בולגאַריש און יידיש.

2. „פריי לאַנד" — אַ דערציילונג פאַר יוגנטלעכע, איבערזעצט אין שפּאַניש, רוסיש.

3. „די אָפּשטאַרבנדיקע געזעלשאַפט און די אַנאַרכי"—איבערגעזעצט אין האָלענדיש, ענגליש, פּאָרטוגעזיש, רוסיש, שפּאַניש און איטאַליעניש.

4. „די גרויסע פאַמיליע" — אַ ראָמאַן פון דעם מיליטערישן לעבן.

5. „די אַנאַרכי, איר ציל און מעטאָדן". איבערזעצט אין פּאָרטוגעזיש.

6. „די צוקונפטיקע געזעלשאַפט" — איבערזעצט אין האָלענדיש, אין איטאַליעניש, אין שפּאַניש און אין רוסיש.

7. „רעפאָרם און רעוואָלוציע".

8. „די פאַרברעכער", אַ ראָמאַן איבערזעצט אין האָלענדיש.

9. „די אַוואַנטורעס פון נאַנאָ" — אַ דערציילונג פון דער יוגנט, איבער־זעצט אין שפּאַניש.

10. „פּאַראַנטוואָרטלעכקייט", דראַמע, איבערזעצט אין איטאַליעניש.

11. „די אַנאַרכי, איר פאָרמאַציע און פאַרשווערונג".

12. „פאַר צוגרייטן די צוקונפטיקע געזעלשאַפט".

אָט די לעצטע צוויי ווערק, האָט ער נישט באוויזן ארויסצוגעבן.

סעבאסטיאן פאר

(1942—1858)

אַפּאָסטאָל און קעמפער פאַר פרייהייט און שלום.

דאָס לעבן, שטרעבן און קעמפן פון דעם, וועמען מיר ווידמען אָט־די שורות, איז נישט נאָר אַ קאַפּיטל ביאָגראַפיע פון אַ מערקווירדיקער פיגור, נאָר אויך אַ ברוכשטיק געשיכטע פון אַן אויסערגעוויינלעכער עפּאָכע אין דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג אין פראַנקרייך.

סעבאַסטיאַן פאָר — אַן ענערגישער טוער, און אַן אויסערגעוויינלעכער אינספּיראַטאָר. נישט אומזיסט האָבן אים אייגענע און פרעמדע, פאַרערער און קעגנער, באַקרוינט מיט דעם טיטל; אַפּאָסטאָל, ער איז עס אָן שום ספק מאַקע געווען. זיין אומבאַגרענעצטע אָפּפערוויליקייט, זיין אומדערמידלעכע

טעטיקייט אַלס שרייבער, רעדנער, דיכטער און פּעדאַגאָג, האָט דאָס פּולקום באַשטעטיקט.

פון דער נאַטור באַשאָנקען מיט אַן אויסערגעוויינלעכן רעדנער־טאַלאַנט, און מיט אַ וויזיע פון אַן אוממעטאַקולירטן פּראָפעט, איז ער ווי אַ פּרומער מיסיאָנער געגאַנגען פון שטאָט צו שטאָט, פון שטעטל צו שטעטל ביז אין די פאַרוואָרפנסטע דערפלעך, טראָגנדיק די בשורה פון פרייהייט, גלייכהייט און ברידערלעכקייט צו די אונטערדריקטע און פאַרשקלאַפטע.

מיט זיין שטאַרקן וואָרט און שאַרפער פען האָט ער געוועקט און גע־מונטערט די געקריוודעטע און באַליידיקטע פון דעם אומיושרדיקן סאָציאַלן איינשטעל. אין דער זעלבער צייט האָט ער אַרויסגערופן קעגן זיך אַ ווילדן האָס פון די פּריווילעגירטע און זייערע געדונגענע לאַקייען, ריכטער און פּאָליציי. זיי האָבן אים נאָכגעשפּיאָנירט און פאַרפאָלגט אויף שריט און טריט. ער איז, אָבער, זיך געגאַנגען זיין וועג. ער האָט פאַר קיין פאַל, און אויף קיין איין מאָמענט נישט אויפגעגעבן זיין הייליקע אויפגאַבע, וואָס ער האָט אויף זיך גענומען.

ווען אין אָנפאַנג האָבן די אייגנטימער פון לאָקאַלן לויט אַ וואָרענונג פון פּאָליציי, זיך אָפּגעזאָגט אים צו פאַרדינגען זייערע אודיטאָריומס, האָט ער זיינע רעפעראַטן און פאַרזאַמלונגען דורכגעפירט אין גאַראַזשן, אין סטאַדאָלעס, אין שטאַלן, אָדער אונטער אַ בוים. אָבער שפּעטער צו זעבן שוין די גרעסטע לאָקאַלן געווען צו קליין, צו קענען אַריינגעמען די בייגעריקע צוהערער, און מאַגיסטראַטור און פּאָליציי זענען געווען אוממעכטיק דאָס צו פאַרווערן.

ער האָט אָנגעפירט זיין פּראָפּאַגאַנדע נישט בלויז קעגן דעם אומגערעכטן קאַפּיטאַל־עקאָנאָמישן סיסטעם, און קעגן דעם פּלוטאָקראַטישן שטאַט־רעזשים, נאָר אויך קעגן דעם פינסטערן רעליגיעזן פאַנאַטיזם.

הגם אין זיין פילאָזאָפישן וועלט־באַנעם, און אין זיין הארצן, איז ער געווען אַ הייסער פּאַציפיסט, איז ער דאָך אין דערזעלבער צייט אויך געווען אַ בראַוווער קעמפער. ער האָט נישט נאָר געקעמפט מיט זיין אָראַטאָרישן וואָרט און ברייטער ערודיציע, מיט זיין שאַרפער פען, נאָר אויך מיט די פויסטן, אויב מען האָט דאָס געמוזט, אָבער קודם־כל, צום אַלעם ערשטן, איז געקומען זיין וואָרט, די אויפקלערונג. די פיזישע קראַפט האָט ער געברויכט בלויז אין זעלבסט־פאַרטיידיקונג.

זיין מאָטאָ איז געווען: וואָס ווינציקער בלוט, אָדער גאָר קיין בלוט־פאַרגיסונג איז נאָך בעסער, אָבער זיך נישט פאַרטייזיקן, נישט אַרויסשטעלן קיין ווידערשטאַנד, מיינט פחדנות, דאָס באַדייט אויך, אין לעצטן סך־הכל, פאַראַט צו זיך, צו דעם אמת אין וועלכן מען גלויבט און צו דאָס הייליקע

רעכט פון דעם יחיד צו האָבן זיין איבערצייגונג און זי פּראָפּאַגאַנדירן. אָבער אָן דערציאונג האָט ער תמיד צוגעגעבן, איז קיין רעוואָלוציע נישט מעגלעך.

די מאָראַלישע און אינטעלעקטועלע רעוואָלוציע פון דעם יחיד, איז די הויפּט־באַזע פאַר דעם אַלגעמיינעם מענטשלעכן פּראָגרעס. זי לייטערט די געפילן, און מאַכט מעגלעך די געגנזייטיקע פאַרשטענדעניש און ריכטיקע באַנעמונג פון מענטש צו מענטש און טרייבט אונטער דעם פאָרשריט פון אידייען.

די אינערלעכע רעוואָלוציע פון דעם יחיד איז די פּרעלודיע פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, ווייל ווי קען מען איבערבייטן דעם געזעלשאַפטלעכן סדר, אויב די יחידים וואָס שטעלן זי, די געזעלשאַפט, צוזאַמען, האָבן זיך נישט געביטן?

אויב דער יחיד ענדערט נישט זיינע קאָנצעפּטן, זיין אַרט דענקען, טאָ וויאַזוי קען ער אונטערנעמען צו ענדערן די איינגעוואָרצלטע באַגריפן און געוווינהייטן פון דער געזעלשאַפט? דאָס איז געווען זיין פילאָזאָפישער אני־מאמין, ריכטיקער, זיין עוואַנגעליום, וואָס ער האָט אין דעם לויף פון זיין לעבענסצייט פאַרשפּרייט דורך וואָרט און שריפט. דאָס איז געווען זיין טעזיס, וואָס ער האָט פאָרמולירט אין זיינע צוועלף פּונקטן, איבער וועלכע ער האָט געהאַלטן זיינע באַרימטע 12 רעפעראַטן, וועלכע ער האָט שפּעטער ארויס־געגעבן אין בוך־פאָרם:

1. „רייכטום איז אַ פּראָדוקט פון אַפּנאַרעריי און עקספּלואַטאַציע. דאָס קריסטנטום איז נישט עפּעס אַנדערש, ווי דער אינסטרומענט אין דינסט פון די רייכע צו העלפן זיי עקספּלואַטירן די ברייטע פאָלקס־מאַסן.

2. „די ממשלה פון די רייכע האָט צונישט געמאַכט די גרויסע פּרינציפּן, פון פרייהייט, גלייכהייט און ברידערלעכקייט וואָס די גרויסע רעוואָלוציע האָט אָנגעשריבן אין דעם ערשטן פּונקט פון איר דעקלאַראַציע פון מענטשן־רעכט לאָזנדיק פאַר דעם פאָלק נאָר די אילוזיע, און מיט דער אילוזיע איז דאָס פאָלק פאַרזונקען אין דעם טיפסטן אָפּגרונט פון שקלאַפעריי.

3. „דער פאַרלאַמענטאַריזם" איז איינע פון די הויפּט אורזאַכן וואָס האַלט אָפּ די אמתע עמאַנסיפּאַציע פון די מאַסן. די פאַרלאַמענטאַרישע אַקציע, ריכטיקער, די פאַרלאַמענטאַרישע פּראָפּאַגאַנדע קאָן מען פאַסן אין די פיר ווערטער: שטות, אומפעאיקייט, קאָרופּציע און פאַרפוילטקייט.

די סוווערעניטעט פון פאָלק, פאַרלאַמענטאַריזם איז אַ שווינדל, און די איינהייטלעכקייט פון פאָלק איז אַ צווייטער שווינדל, דער וויילער איז אַן איגנאָראַמוס, ער ווייסט נישט וואָס ער טוט, אָדער ער איז אַ כיטראַק, וואָס ווייסט שוין צו פיל!...

4. דער שטאַט, וואָס פאַרא נאָמען ער זאָל נישט טראָגן: דעמאָקראַטיש,

אַריסטאָקראַטיש, מאַנאַרכיסטיש אָדער רעפּובליקאַניש, (היינט וואָלט מען באַדאַרפט צושרייבן פּראָלעטאַריש אָדער קאָמוניסטיש) איז אַן איינשטעל פון מאכט פון אַ הייפל אינדיווידן, וואָס פאַרמירן אַ קאַסטע, אַוואַנטוריסטן־מלחמה־פירערס אָדער פּלוטאָקראַטן וואָס, נאָכדעם ווי זיי האָבן פאַרכאַפּט די רעגירונגס־מאַשין, ווענדן זיי זי אָן אין דינסט און אין די אינטערעסן פון זייער קלאַס, די פּריווילעגירטע לעבן אויף דעם חשבון פון זייערע אונטערטאַנער. מיט איין וואָרט, דער שטאַט איז דער שונא נומער איינס פון דעם יחיד, ער איז דער פאַרבינדעטער פון דעם קאַפּיטאַל.

5. דער „מענטש". פון דער נאַטור איז דער מענטש עפּעס גאַנצעס. דער גייסט, דאָס האַרץ און דאָס בלוט, וואָס פליסט אין זיינע אָדערן, העלפן אים צו זיין זעלבסטשטענדיק און אייגנאַרטיק, איינהייטלעך, אָבער די אָפיציעלע מאָראַל לערנט אים דעם היפּך, זי לערנט אים רעזיגנאַציע, אויסגערעכנטקייט און פאַלשע צדקות, מיט דער כּוונה אים צו פאַרשקלאַפן און באַהערשן.

6. דאָס „פאָטערלאַנד": דאָס איז אַ געטשקע, וואָס מען דאַרף צעברעכן, ווייל זי איז שעדלעך פאַר דעם מענטשלעכן וויל־זיין, אמת, קיין זאַך איז ניט אַזוי אידל, סענסיטיוו ווי דער געדאַנק, דער געפיל פון פאָטערלאַנד, די מינדעסטע באַרירונג פון דער פראַגע רופט אַרויס אַ שטורעם. אָבער דאָס האָט נישט קיין שכלדיקן יסוד. עס זענען פאַראַן פאַרשיידענע סאָרטן פון פּאַטריאָטן וועמענס אומפאַרשטאַנד וואַרפט זיך אין די אויגן. עס איז זייער לייכט אָנצוווייזן דעם שוואַכן פונקט מיט וועלכן זיי אָפּערירן: דער פּאַטריאָטיזם פון די רייכע, איז דאָס ווענטל וואָס פאַרשטעלט זייערע פאַרברעכערישע כּוונות, פון וועלכע מלחמה איז דער הויפּט־צוועק. דאָס קען דורכגעפירט ווערן נאָר פון באַנדיטן מיט דער הילף פון די אומוויסנדיקע מאַסן, וועמען מען מאַכט גלויבן, אַז מלחמות־פירעריי איז לטובת דעם פאָטערלאַנד.

7. דער „מענטש פון דער צוקונפט": אמתע דערציונג איז דער היפּך פון דער אָנגעווענדעטער דרעסירונג, וואָס ברוטאַליזירט דאָס קינד. מיט שטראָף אָדער מיט אַ צוזאָג פון אַ באַלוינונג אויף יענער וועלט באַהערשט מען דאָס קינד, געוויינט מען אים צו אַ פּאַסיווער געהאָרכזאַמקייט. אָנשטאָט איינצופלאַנצן אין אים אַ פרייען געוויסן מיט מענטשן־ווערדע, ווערט דאָס קינד אויסגעבילדעט ווי אַ הילפלאָז באַשעפעניש געשמידט אין קייטן פון אַבערגלויבעריי.

8. די „גרויסע פאַמיליע" איז איינע פון די גרעסטע סאָציאַלע איבלען, ספּעציעל פאַר די נידעריקע שיכטן. לטובת דעם קינד איז וויכטיקער קוואַליטעט ווי קוואַנטיטעט, וואָס עס פּרעדיקט די בורזשואַזיע, וואָס דאַרף

קאַנאָנען־פּלייש און ביליקע קנעכט צו עקספּלואַטירן און באַהערשן, דעריבער זענען זיי, די קאַפּיטאַליסטן, קעגנער פון נעאָ־מאַלטוזיאַניזם, וואָס צוימט די איבערבאַפעלקערונג, און מאַכט גרינגער פאַר די עלטערן צו זאָרגן פאַר דעם גייסטיקן און פיזישן צושטאַנד פון דעם קינד, גרייט אים צו, צו זיין אַ פאַרשטענדיקער מיטגליד פון דער געזעלשאַפט.

9. די „שלעכטע פּראַפּעסיעס". יעדער רעכט־דענקנדיקער מענטש דאַרף וויכן פון זיי, ווייל אַט־די באַרופן העלפן אויפהאַלטן אַ סיסטעם דורך וועלכן מענטשן זענען פאַראורטיילט אומצוקומען. אַט־די פאַכלייט זענען: ריכטער, סאָלדאַטן, גלחים און פּאָליציאַנטן.

10. די פרוי. די ראָלע צו וועלכער זי איז באַרופן אין אַ פרייער געזעלשאַפט, איז צו זיין אַ פרוי, דאָס וויכטיקסטע, וואָס זי האָט ביז איצט פאַרנאַכלעסיקט, זי דאַרף נישט זיין מער די דינסט פון איר מאַן, ווי זי איז אויך נישט זיין שונא. (ווי געוויסע פעמיניסטן וואָלטן געוואָלט דאָס זי זאָל עס זיין), דער אמתער פעמיניזם באַשטייט אויך נישט אין דעם, דאָס זי זאָל נאָכטאָן דאָס נאַרישע שפּיל אין פּאָליטיק פון דעם מאַנסביל, זי דאַרף האַנדלען זעלבסשטענדיק לויט איר פרייען געוויסן.

11. ליבע. אין דער היינטיקער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט איז ליבע נישט מער ווי אַ מיאוסע קאַריקאַטור פון דעם, וואָס זי דאַרף זיין, זי ווערט פאַרמיאוסט און דערנידעריקט, זי איז פאַרוואַנדלט אין אַ ספּעקולאַטיוון מסחר. אמתע ליבע איז ספּאָנטאַן, אומאַנאַליזירבאַר, איז קאַפּריזנע. דער סעקסועלער מאָמענט פאַרנעמט אין איר דעם אויבנאָן. ליבע דאַרף גיין באַגלייט מיט דער געוויסנהאַפטיקער פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון פאַרליבטע.

12. פּאַציפיזם: כוח איז נישט קיין איבערצייגנדיקער אַרגומענט, און איז נאָך ווינציקער אַ באַוויז פון אמת און גערעכטיקייט, אין קיין פאַל בעסערט ער נישט אויס דעם מענטשן און ער בייט נישט דעם סטאַטוס־קוואָ פון דעם סאָציאַלן סדר.

אָט די זייער געקירצטע אויסצוגן פון די אָנגעוואָרפענע 12 פּונקטן פון פאָרס אויספירלעכן אני־מאמין, זענען אַ בולטע אילוסטראַציע פון דער אַלזייטיקייט פון זיין פילאָזאָפיש־מאָראַלישן וועלט־באַנעם, די סאָציאַל־פּאָליטישע, עקאָנאָמישע און פּעדאַגאָגישע לערע זענען ביי אים אַן אומצעשיידבאַרער איינס.

זיינע מאָנומענטאַלע ווערק, ווי שוין פריער דערמאָנט, זענען צו ערשט געווען די טעמעס פון זיינע רעפעראַטן און דערנאָך האָט ער זיי אַרויסגעגעבן אין בוך־פאָרם, אָבער איןביידע מאָמענטן, סיי בשעת ער האָט

וועגן זיי רעפערירט, און סיי ווען ער האָט זיי אַרויסגעגעבן אין בוך־פאָרם, האָבן זיי געהאַט אַ קאָלאָסאַלן דערפאָלג.

זיין ווערק: „לא דעלאַר אוניווערסאַל״ (דער אוניווערסאַלער שמערץ), וואָס ער האָט געשריבן אין תפיסה אין 1905, און שפּעטער אין 1921 זיין „מאָן קאָמוניזם״ (מיין קאָמוניזם), זענען פון איין זייט אַ מעכטיקע אָנקלאָגע, אַ באַשולדיקונג־אַקט קעגן דעם הערשנדיקן אומיושרדיקן סאָציאַלן איינשטעל, און פון דער אַנדערער זייט אַ וווּנדערבאַר אילוסטראַטיוו בילד פון אַ נייער וועלט, אַ וועלט פון ליבע און האַרמאָניע, אַ וועלט אָן באַוועלערס און באַוועלטע, אַ וועלט אָן הערשער און באַהערשטע, דאָס איז אַנאַרכיע.

זיינע אַנטי־רעליגיעזע ווערק: „לע אימפּאָסטור רעליזשעס״ (דער רעליגיעזער שווינדל), „לע קרים דע דיע״ (דאָס פאַרברעכן פון גאָט) און „לע 12 פּרוו דע לאַ נאָ עקסיסטענץ דע דיע״ (די 12 באַווייזן פון גאָטס אומעקזיסטענץ) זענען ראיות קעגן דעם הייליקן ליגן, און אַ באַשיימפּערלעכע דעמאַסקירונג פון די וואָס מאַניפּולירן מיט דעם ליגן, כדי צו האַלטן די מענטשהייט פאַרפלאָנטערט אין אָט דער פינצטערער נעץ.

ווי מען קען, לכן, זען, איז זיין קאַמף געווען אַן אינטעגראַלער, ער האָט שטודירט די פּראָבלעמען און פאַזן פון דעם מענטשלעכן באַנעם, סאָציאַל־פּאָליטישע, עקאָנאָמישע און פּעדאַגאָגישע פּראָבלעמען זענען ביי אים געווען איין אומצעשיידבאַרער איינס. דעם הייליקן דריילינג אויף וועלכן עס איז געבויט, און עס האַלט זיך אויף דער היינטיקער סאָציאַלער סדר: קאַפּיטאַל, שטאַט און קירכע, האָט ער אַנטקעגנגעשטעלט זיין רעוואָלוציאָנערן דריילינג: אמת, יושר און מענטשן־ליבע! און פאַר דעם האָט ער געקעמפט, געליטן און געשטאָרבן.

ווו אַ מיטינג, ווו אַ פאָלקס־מאַניפעסטאַציע האָט מען אים געקאָנט זען און הערן וויברירן זיין מעכטיקע שטימע, די רעאַקציע און פּאָליציי האָבן הילפלאָז געזוכט אַ וועג ווי פּטור צו ווערן פון אים, וואַרפנדיק אים פון תפיסה אין תפיסה, פאַרשפּרייטנדיק דורך דער פאַרקויפטער פּרעסע פאַרשיידענע בילבולים. עס האָט איר נישט געהאָלפן. דאָס האָט אים נישט דערשראָקן, פאַרקערט, עס האָט נאָך מער געשטאַרקט זיין מאָראַלישן איינפלוס אויף די ברייטע פאָלקסמאַסן.

די כוואַליע פון טעראָריסטישע אַקטן זענען צו יענער צייט, ענדע די 80קער און אָנהייב די 90קער יאָרן פון פאַריקן יאָרהונדערט, דורכגעפירט געוואָרן לויט דעם מוסטער פון די רוסישע ניהיליסטן, וואָס האָבן דעמאָלט געהאַט אַ גאָר גרויסן איינפלוס אויף דער רעוואָלוציאָנערער יוגנט אין אייראָפּע בכלל און אין פראַנקרייך בפרט. דער לעצטער אַטענטאַט פון דעם יונגן רעוואָלוציאָנער אויגוסט וואַריאַן, דעם 9טן דעצעמבער 1893

אויף דעם פּאַרלאַמענט, האָט געהאַט די כוונה בלויז אָנצוּוואַרפן אַ שרעק אויף די פאָלקס־פאַרטרעטער פאַר זייער גלייכגילטיקייט צו דער שרעקלע־כער נויט פון די אָרעמע פאָלקס־מאַסן. דער אַטענטאַט האָט טאַקע אַריינ־געוואָרפן די רעגירונג, די פּאָליציי און די דעפּוטאַטן אין אַ ווילדער פּאַניק. אין איילעניש האָבן זיי באַלד אָנגענומען דעם טרויעריק־באַרימטן געזעץ — לאָ לואַ סעלעראַט (דער געזעץ קעגן פאַרברעכער) און די פּאָליציי האָט זיך גלייך אַרויסגעלאָזט אויף דעם געיעג נאָך די אַנאַרכיסטן, אַרעס־טירט וועמען זי האָט נאָר געקאָנט כאַפּן פון די אָנגעזעענסטע דענקער און שרייבער פון דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג, זייער צאָל איז דערגאַנגען ביז 30. צווישן זיי האָט זיך געפונען סעבאַסטיאַן פאָר. זיי זענען אַלע געש־טעלט געוואָרן צום משפט אונטער דער אָנקלאַגע פון באַלאַנגען צו אַ באַנדע פאַרברעכער און גנבים, עס איז פאַרפירט געוואָרן קעגן זיי אַ גאָר ספּעקטאַ־קולאַרער פּראָצעס. מיט דער אַבזיכט אָנצורייצן אויף זיי די באַפעלקערונג, האָט די רעאַקציאָנערע פּרעסע פאַרשפּרייט ווילדע רכילותן. אָבער די רע־גירונג, מיט איר פּאָליציי און די רעאַקציאָנערע פּרעסע האָבן געליטן אַ ביטערן דורפאַל.

דער פּראָצעס ווערט באַצייכנט אין די אַנאַלן פון דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג אין פראַנקרייך ווי „דער פּראָצעס פון די 30". ער איז פאָרגעקו־מען אין דעם העכסטן געריכט אין פּאַריז. ער האָט געדויערט פון דעם 6טן ביז דעם 13טן אויגוסט 1893. און טראָץ אַלע אָנשטרענגונגען פון דעם פּראָקוראָר מיט זיינע פאַלשע עדות, אַרויסצוקריגן אַ באַשולדיקונג, זענען אַלע אָנגעקלאַגטע, מיט דעם אויסנאַם פון צוויי — קעגן וועמען עס זענען געווען פּאָזיטיווע באַווייזן פון שולד — באַפרייט געוואָרן. דער אמת איז, דאָס די צוויי אָנגעקלאָגטע האָט די פּאָליציי פאַרמישט אין דעם פּראָ־צעס כדי צו קאָמפּראָמיטירן די אַנדערע 28 פּערזאָן. די מאַכינאַציע איז אָבער אויפגעדעקט געוואָרן. ווי די פּרעסע פון יענער צייט האָט איבער־געגעבן זענען די איינגעשווירענע גערירט געוואָרן ביז טרערן פון דער פאַרטיידיקונגס־שלוס־רעדע, וואָס סעבאַסטיאַן פאָר האָט געהאַלטן נאָך זיין אַדוואָקאַט. ליידער קענען מיר נישט ברענגען זיין גאַנצע רעדע, און מוזן זיך באַגנוגענען מיט די געציילטע שורות וואָס מיר ציטירן פון דעם בוך: „די געשיכטע פון דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג פון 1880 ביז 1914".

„איך בין אַ מענטש, וואָס האָט געזען, געלערנט און פאַרשטאַנען.

„איך בין דער וואָס האָט, בשעת אַ שטורעם אויפן ים, דערזען דעם ליכט־טורעם און דעם זייגער.

„איך בין דער פּאַרזייער, וואָס וואַרפט די זוימען פון זיין אמת, אין די פעלדן פון דער ערד, כדי זיי זאָלן שפּראָצן אין דער צוקונפט.

„איך בין דער דאָקטאָר, וואָס זעט דעם חולה לײדן פון אַ קראַנקהײט, וואָס ער װײסט זי נישט. איך קלער אים אויף די אורזאַכן, וואָס שטעלן זײן לעבן אין געפאַר.

„איך בין דער פּרײדענקער, וואָס פּרעדיקט דעם אַטעאיזם, נישט קימערנדיק זיך וועגן די, וואָס רויבן און צינדן אונטער די קירכעס.

„איך בין דער, וואָס דערזעט דעם אָנקומענדיקן געוויטער, און וואָרן וועגן דער געפאַר וואָס דראָט, אויב מען וועט באַצײטנס גאָרנישט טאָן, און רוף זיך צו פאַרטײדיקן פון דער פאַרפּלײצונג".

מיט די געצײלטע שורות, האָט ער צום װיפלסטן מאָל, פעסטגעשטעלט זײן שטאַנדפּונקט אלס אַ געזעלשאַפטלעכער טוער, און זײן שטעלונג לגבי אינדיווידועלע אַקטן.

אין יאָר 1898 איז סעבאַסטיאַן פאָר געוועזן דער ערשטער און דער אײנציקער פון די פראַנצויזישע חברים, וואָס האָט זיך אַרײנגעוואָרפן מיט זײן גאַנצער ענערגיע אין דער פאַרטײדיקונג פון דעם ײדישן קאַפּיטאַן אַלפרעד דרײפוס. בעת די גאַנצע ראַדיקאַלע װעלט, בכלל, און די אַנאַר־כיסטן בפרט, האָבן דעם ענין באַטראַכט װי אַן אינערלעכע מחלוקת פון דעם מיליטערישן געזינדל, האָט ס. פ. אין דער אַפּערע גלײך דערזען דעם אמתן אַנטיסעמיטישן פּרצוף, ער האָט באַלד דערזען און עס אויסגעשריגן מיט זײן גאַנצן כוח, אז דאָ שטײט נישט אין קאָן דער אָפיצער דרײפוס, נאָר און דווקא דער ײד, דרײפוס. ער שרײבט אין דעם אָרגאַן, וואָס ער צוזאַמען מיט דער בראַוער קאָמונאַרן לואיז מישעל, האָבן געגרינדעט אונ־טער דעם נאָמען „לע ליבערטער" (דער פרײהײטס־קעמפער) דאַטירט דעם 4־טן סעפּטעמבער 1898: „דרײפוס איז אומשולדיק, איך באַשולדיק די לײט פון די קאַזאַרמעס, וועמעס פאַך איז נאָר מאָרד; איך וועל קעמפן מיט אַלע מײנע כוחות פאַר זײן באַפרײאונג!"

דער אָפיצירער אין תפיסה אויף דעם טײוול־אינדזל, איז מיר מער נישט קײן טאַבו, איך קען מער נישט בלײבן גלײכגילטיק.

איך פיל זײנע לײדן, איך זע זײנע אויסגעשטרעקטע הענט, איך הער זײן שטימע וואָס רופט נאָך הילף.

וואָס אַרט מיך וואָס ער איז געוועזן נעכטן, אָדער וואָס קען מיך אַרן וואָס ער וועט ווערן מאָרגן, ווען זײן מאַרטירערטום וועט זײן פאַריבער, איך קען אים נישט.

הײנט איז ער אַ קרבן, און איך פאַרדאַם זײנע פאַרפאָלגער, איך וועל זײ דעמאַסקירן און אויפהײבן קעגן זײ דעם אוניווערסאַלן צאָרן".

אַט־אַזאַ טיפמענטשלעכן צוגאַנג צו דער זאַך, האָט געקאָנט האָבן

נאָר אזא טיפּזיניקע, אַזאַ הויך־עטישע פּערזענלעכקייט, ווי עס איז געווען דער אַנאַרכיסט, דער אַפּאָסטאָל און פרייהייטס־קעמפער סעבאַסטיאַן פאָר.

אָבער אַפּגעזען פון דעם ריין־הומאַניטאַרישן קוק־ווינקל, האָט ער אויך אין דער אַפּערע דערזען גאָר אַ גרויסן מאָטיוו פאַר אַן אַלגעמיינער באַוועגונג קעגן דעם גאַנצן סאָציאַלן סיסטעם, וואָס איז אין תוך דער אינקובאַטאָר פון דער קאָרופּציע און פאַרפּוילטקייט. ער האָט מער נישט גערוט.

צוזאַמען מיט דער בראַווער, אָדער ווי מען האָט זי גערופן „די גוטע לואיז מישעל״, האָט ער זיך אַרויסגעלאָזט איבערן לאַנד, אָנפירנדיק אַ פיבערהאַפטע פּראָפּאַגאַנדע לטובת דער באַפרייאונג פון דעם יידישן אָפיצער. דער רעזולטאַט איז געווען דאָס זיי האָבן געווירקט און באַווירקט די אַנאַרכיסטישע עלעמענטן, וואָס זיינען געוואָרן טעטיק אויף דעם געביט, און מיט זיי איז אויך מיטגעריסן געוואָרן די גאַנצע אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס האָט זיך, ווי שוין פריער דערמאָנט, באַצויגן גלייכגילטיק צו דער אַפּערע, און די רעגירונג מיט איר אַנטיסעמיטישן מיליטער־שטאַב, האָבן קעגן דער מעכטיקער פאָלקסבאַוועגונג קיין אַנדער ברירה נישט געהאַט ווי אַרויסצולאָזן פון אירע נעגל איר קרבן.

ס׳איז יאָר 1914. עס ברעכט אויס די ערשטע וועלט־מלחמה. די אָנגעזעענסטע אַנאַרכיסטישע פּערזענלעכקייטן, מיט דעם רעדאַקטאָר פון דער צייטונג „לע טאַן נוואָ״ (די נייע צייט) חבר זשאַן גראַוו, און פּיאָטער קראָפּאָטקין בראַש, האָבן זיך געשטעלט אויף דער זייט פון די אַליאירטע, און גערופן זייערע חברים זיך צו באַטייליקן אין דעם קריג קעגן דעם פּרייסישן מיליטאַריזם. אַנדערע אַנאַרכיסטן, וואָס זיינען נישט געווען קיין אויסגעשפּראָכענע אָנהענגער פון דער הייליקער אַליאַנס, האָבן אָנגענומען אַ מויל פול וואַסער און אינגאַנצן געשוויגן. שאַרל מאַלאַטאָ האָט זיך סאַרקאַסטיש אויסגעדריקט אויף די שפּאַלטן פון דעם אָפיציעלן אָרגאַן, פון דער פראַנצויזישער ארבעטער־קאָנפעדעראַציע: ״לא באטיי סינדיקאליסט״ (דער סינדיקאַליסטישער קאַמף) אין איר אויסגאַבע באַלד צומאָרגנס נאָך דער קריג־דערקלערונג, דעם 4־טן אויגוסט 1914: אויב דאָס פאָלק וויל מלחמה, טאָ זאָל עס האָבן!

סעבאַסטיאַן פאָר האָט אים געענטפערט: „מען האָט ביי דעם פאָלק נישט געפרעגט, מען האָט דאָס אויף אים אַרויפגעצוווּנגען״. ס. פ. איז געווען דער איינציקער אָדער כמעט דער איינציקער, וואָס האָט געהאַט דעם מוט זיך אַנטקעגנצושטעלן דער בלוטיקער אָרגיע. און אונטער דעם קנאַלן פון די קאַנאָנען אויפן שלאַכט־פעלד, האָט ער פאַרשפּרייט זיין פּאַציפיסטישן אָרגאַן „סעקע איל פאָ דיר״ (דאָס וואָס מען דאַרף זאָגן). די מיליטערישע צענזור האָט געמעקט און געשניטן שטיקער, אָבער ער איז

אַנגעגאַנגען מיט זיין אַרבעט. אין אָנהייב 1914 האָט ער אַרויסגעלאָזט אַ פּאַמפּלעט, מיט דעם קעפּל: „ווער לאָ פּע" (צו שלום), וואָס האָט אויפגע־קאָכט די מיליטער־לייט. דער אינערן־מיניסטער דעלאַדיע האָט אים גלייך גערופן אויף אַ פאַרהער, און אים געוואָרנט, דאָס יעדער סאָלדאַט אָדער רעקרוט, ביי וועמען מען וועט געפינען אַ קאָפּיע פון זיין פּראָפּאַגאַנדע־בראָשור, וועט אָן אַ געריכט אויפן אָרט דערשאָסן ווערן, און דעם זעלבן גורל דערוואַרט אויך אים, דעם מחבר. אָבער די וואָרענונג קעגן זיין אייגן לעבן האָט אים ווינציק וואָס געאַרט, נאָר די זאָרג פאַר די יונגע רעקרוטן האָט אים באַוויגן מיט האַרץ־ווייטיק אָפּצושטעלן דאָס פאַרשפּרייטן זיין פּראָפּאַגאַנדע העפט צווישן די סאָלדאַטן. זיין צייטונג, אָבער, האָט ער נישט אָפּגעשטעלט. אין יאָר 1932, ווען ער איז געפערלעך קראַנק געוואָרן, האָט די רעדאַקציע איבערגענומען זיין אינטימער חבר און מיטאַרבעטער, לואיס לוועץ.

1927. זיין מוטיקע שטעלונג קעגן דער אַוואַנטוריסטישער מיליטערי־שער עקספּעדיציע, וואָס איז געשיקט געוואָרן צו באַקעמפן די מאַראָקאַנער אויפשטענדלער קעגן זייערע קאָלאָניאַלע אונטערדריקער, האָט אים גע־קאָסט עטלעכע חדשים תפיסה. דאָ האָט ער פאַרענדיקט זיין ווערק: „מאָן קאָמוניזם" (מיין קאָמוניזם).

די צווייטע וועלט־מלחמה אין יאָר 1939 האָט אים שוין געטראָפן אַ זקן, פון 81 יאָר און זייער אַ קראַנקן, נאָך אַ געפערלעכער אָפּעראַציע. ער האָט זיך געפונען אין דעם פּראָווינץ־שטעטל ראַיאַן, אין דרום־טייל פון פראַנקרייך. מיט אים איז אויך געווען זיין לעבנס־באַגלייטערין, פּרוי בלאַנש. ווען היטלער מיט זיינע חילות זיינען אַריין אין פראַנקרייך האָט דאָס שטעטל באַלאַנגט צו דער פאַרבאָטענער זאָנע. עס האָט געהערט צו דעם באַגרענעצטן מקום־מקלט־שטח פון דער פאַשיסטישער ווישי־רעגירונג. מען האָט באַדאַרפט האָבן אַ ספּעציעלע דערלויבעניש, אַריינצוקומען אָדער אַרויסצוכאַפּן זיך פון דאָרטן, און אַזוי ווי די מערהייט פון אַנדערע חברים זענען געווען מאָביליזירט אָדער זיך באַטייליקט אין דער אונטערערדישער ווידערשטאַנד־באַוועגונג, אָדער גאָר געווען אומלעגאַל און געמוזט זיך אויסבאַהאַלטן, איז סעבאַסטיאַן פאַר מיט זיין חברה איבער דער צייט פאַר־בליבן אָפּגעריסן פון דער אויסערלעכער וועלט. צוצוטראָגן וועלכע עס איז הילף איז געווען פאַרבונדן מיט לעבנס־געפאַר און עס איז נישט געווען ווער עס וואָלט זיך געקאָנט אַהין אַריינשמוגלען. האָט דאָס אַלטע פאָרפאָלק טאָקע זייער געליטן פון הונגער, קעלט און פון קראַנקהייט.

דעם 11־טן יולי 1942 האָט זיין אַלטער חבר און מיטאַרבעטער פּיער

לאנטענט, באַקומען אַ בריוועלע פון דער חברה בלאַנש פאַר, מיט די פאַר געציילטע ווערטער: קומט גיך, אייער פאַטער איז שטאַרק קראַנק, ער פאַרלאַנגט אייך! בייגעלייגט איז געווען אַ סערטיפיקאַט פון אַ דאָקטאָר. ווען דער חבר האָט באַקומען די נייטיקע דערלויבעניש אַריינצופאָרן אין דעם שטעטל איז שוין געווען נאָך אַלעם. דער אַלטער וועטעראַן איז דעם 14־טן פון דעם זעלבן חודש געבראַכט געוואָרן צו קבורה, די איינציקע עדות פון דעם לעצטן און ענטגילטיקן אַקט, דעם פאַטאַלן סוף פון דעם ברויזנדיקן פרייהייט־רעבעל, זיינען געווען די צוויי באַגרעבער און די פרוי בלאַנש, וואָס האָט אים באַגלייט אין זיינע לעצטע יאָרן. מאַדאַם בלאַנש איז געווען זיין פרוי פון וועלכער ער האָט זיך געשיידט נישט לאַנג נאָך זייער צוזאַמענקום. אָבער די ליבע פון די צוויי מענטשן האָט, הפנים, אַנגעהאַלטן. ביידע האָבן מער נישט געהייראַט, זי, די פרוי בלאַנש, האָט אים פון דער ווייטנס תמיד נאָכגעפאָלגט. אין תפיסה פלעגט זי אים שיקן שפייז־פּאַקעטן, אין שפיטאָל האָט זי אים געשיקט בלומען, נישט אַנגעבנדיק קיינמאָל איר ריכטיקן נאָמען. דאָס האָט אַזוי אַנגעהאַלטן איבער 40 יאָר. איין מאָל, ווען ער איז שוין געווען ווייט איבער די 70־קער און אַ קראַנקער אין שפיטאָל, האָט ער באַמערקט אַריינקומען אין זיין קראַנקן־צימער אַן עלטערע פרוי, דאָס איז געווען נישט קיין אַנדערע ווי זיין געגטע ווייב, וואָס האָט נישט געהאַט מער קיין מוט זיך צו אויסבאַהאַלטן. זי איז געקומען צו זיין קראַנקן־בעט, און צוזאַמען האָבן זיי שוין פאַרענדיקט די לעצטע יאָרן פון זייער לעבן. אַ קורצע צייט נאָך זיין טויט — איז זי געשטאָרבן.

סעבאַסטיאַן פאָר איז געבוירן געוואָרן דעם 6־טן יאַנואַר 1858 אין דער פּראָווינץ־שטאָט סען־עטיען. פראַנקרייך, ביי זייער רייכע עלטערן.

דער פאָטער, אויגוסט פאָר, איז געווען אַ גרויסער זיידן־סוחר, ער איז אויך געווען אַן אָנגעזעענער בעל־הבית אין שטאָט, ער איז געווען באַערט מיט דעם לעגיאָן דע האָנאָר (ערן־לעגיאָן), אַ הייסער פאַרטיידיקער פון דער אימפּעריע, און זייער רעליגיעז. ער איז אויך געווען דער וויצע־קאָנסול פון שפּאַניע אין זיין שטאָט.

סעבאַסטיאַן פאָר איז געווען דער עלטסטער פון 7 קינדער אין הויז. זיין דערציאונג האָט דער טאַטע אָנפאַרטרויט די יעזואיטן און דער קליינער סעבאַסטיאַן, אָדער ווי מ׳האָט אים חבריש גערופן סאַבאַט, איז אויך געווען זייער רעליגיעז געניגט, ער האָט אפילו געטרוימט צו ווערן אַ מיסיאָנער, כדי זיך צו קענען אָפּפערן, ווי קריסטוס, פאַר דער ליידנדיקער מענטשהייט.

ווען ער איז אַלט געוואָרן 16 יאָר איז ער אַריינגעטראָטן אין דעם יעזואיטישן סעמינאַר אין דער שטאָט קלערמאָנטפעראַנט, ווו ער האָט באַדאַרפט בלייבן 18 חדשים צו קריגן זיין גלח־אַטעסטאַט. אָבער אין

צווישנצייט האָט פּאַסירט אַן אומגליק, זיין פאָטער האָט פאַרלוירן זיין גאַנץ פאַרמעגן, און איז געוואָרן זייער קראַנק, און פאַר דעם טויט, האָט ער געבעטן זיין זון, דאָס ער זאָל אויפגעבן זיין בילדונג, און אָנהייבן צו זאָרגן פאַר זיין מוטער, און פאַר די ייִנגערע ברידער און שוועסטער, ער האָט דעם טאַטן דאָס צוגעזאָגט און אויך אויסגעפאָלגט זיין ווילן. ער האָט פאַר־לאָזט דעם רעליגיעזן אנשטאַלט און זיך געלאָזט זוכן אַ באַשעפטיקונג.

ער איז געוואָרן אַן אָנגעשטעלטער אין אַ לעבנס־פאַרזיכערונג־געזעלשאַפט. אין זיין פרייער צייט האָט ער זיך אָפּגעגעבן מיט לייענען פילאָזאָפישע און וויסנשאַפטלעכע ווערק. און צו ביסלעכווייז איז ביי אים זיין רעליגיעזע געזינונג געוואָרן בלאַסער און בלאַסער ביז זי האָט זיך איינגאַנצן אויסגעוועפּט, און ער איז געוואָרן אַ פרייער מענטש. אָבער זיין איינגעבוירענע ליידנשאַפטלעכע נייגונג זיך צו ווידמען לטובת הכלל, לטובת די ליידנדיקע, דאָס טיפמענטשלעכע ליבע־געפיל איז ביי אים פאַרבליבן, זוכט ער אַ געלעגנהייט, אַ סביבה וווּ זיך צו קענען ווידמען, ווערט ער מיטגעריסן פון דער אַנטי־קלעריקאַלער באַוועגונג וואָס די פריי־מיזיערער האָבן דעמאָלט אָנגעפירט. ער ווערט אַ פריי־מויערער.

אין יאָר 1882 קומט ער אין דער שטאָט באָרדאָ, אין דעם דרום־טייל פון פראַנקרייך. דאָרט האָט ער אָנגעהויבן צו באַזוכן די פאַרזאַמלונגען וואָס די אַרבעטער־פּאַרטיי האָט אָנגעפירט. (אין דער אמתן איז דאָס געווען די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, וואָס צוליב די רעאַקציאָנערע אַנטי־סאָציאַלע געזעצן וואָס האָבן, נאָך דער רעסטאַווראַציע פון דער 3־טער רעפּובליק גע־הערשט אין פראַנקרייך, זיך געמוזט באַהאַלטן אונטער דעם אומשולדיקן נאָמען), ער האָט זיך באַטייליקט אין זייערע דיסקוסיעס. זיין אָראַטאָרישער טאַלאַנט האָט באַלד פון אָנפאַנג זיך אַרויסגעוויזן, ער ווערט פאַראינטע־רעסירט אין דער באַוועגונג. צו די קומענדיקע וואַלן אין פּאַרלאַמענט, ווערט ער פאָרגעשלאָגן צוזאַמען מיט דעם באַוווּסטן סאָציאַליסט, זשול געד, צו זיין אויף דער ליסטע פון די דעפּוטאַטן־קאַנדידאַטן. אָבער ער האָט זיך גאַנץ גיך אויסגעטשוכעט פון דעם פּאַרלאַמענטאַרישן טשאַד.

אין יאָר 1888, אויף דעם אַרבעטער־קאָנגרעס וואָס איז פאָרגעקומען אין באָרדאָ האָט ער זיך פאַראייניקט מיט די, וואָס האָבן פאַרטיידיקט די אַנאַרכיסטישע קאָנצעפּטן פון באַקונין, עליזע רעקלו און קראָפּאָטקין, און פון דעמאָלט־אָן איז ער פאַרבליבן דער אומדערמידלעכער טרעגער פון דעם אַנאַרכיסטישן אידעאַל, וואָס איז געוואָרן דער ענדציל פון זיין לעבן. דעם עקשנותדיקן קאַמף קעגן פּאַרלאַמענטאַריזם און קעגן דעם רעליגיעזן פאַנאַטיזם האָט ער אָנגעהאַלטן ביזן לעצטן אָטעם־צוג.

קעמפער און דענקער

אין דעם יאָר 1958 האָבן זיינע געטריי פאַרבליבענע פאַרערער אויפ־געשטעלט אַ שטיין אויף זיין קבר מיט דער פאָלגנדיקער אויפשריפט:

ס ע ב א ס ט י אַ ן פ אַ ר.

יולי דעם 14־טן 1942. יאַנואַר דעם 6־טן 1858.

צום אָנדענק דעם גרויסן אָראַטאָר און פרייהייטס־קעמפער.

זיינע חברים פון נעכטן, פאַר די פון מאָרגן.

לעצטנס האָט אַ גרופּע חברים אַרויסגעגעבן אַ בוך: „דער טרויעריקער סוף פון סעבאַסטיאַן פאַר, דער אַפּאָסטאָל און קעמפער פאַר פרייהייט און פאַר שלום". דאָס איז אין מערסטן טייל אַ זאַמלונג פון בריוו וואָס ס. פ. האָט געשריבן אין דער צייט פון זיין אַרויפגעצוואונגענער איינזאַמקייט בעת דעם היטלער־קאָשמאַר. די בריוו באַשרייבן דעם פיזישן און גייסטיקן צושטאַנד פון דעם מערקווירדיקן בונטאַר. וועלן מיר דאָ איבערגעבן נאָר איין בריוו, וואָס ער האָט געשריבן אונטער דעם, פון אים אומבאַמערקטן, שאָטן פון דעם מלאך־המות:

מיין ליבע חברה בערטע:

די איזאָלאַציע פאַלט מיר שווער, דאָס פאַרשאַפט מיר עגמת־נפש, וואָס ווערט גרעסער פון טאָג צו טאָג, און וואָס דריקט מיך מער און מער. הגם איך בין נאָך אַלץ נישט ביי דעם ברעג פון אונטערגאַנג, אָבער איך געפין זיך דאָך ביי דעם ראַנד פון אַ תהום, און וויפל איך זאָל נישט פרווון זיך דערוייטערן פון אים, פיל איך דאָך, אז איך דערנענטער זיך צו אים.

איך זאָג צו זיך אַליין, אָט־ביזטו אַ נעבעכדיקער זקן, שוין אַריין אין די 84־קער. דאָס איז זייער אַ היפּשער עלטער, עס וועט זיין אַ משוגעת צו נערן אַ האָפענונג, אז עס איז דיר נאָך פאַרבליבן אַ סך יאָרן זיך צו געפינען צווישן די לעבעדיקע, און אפילו, ווען דיין לעבן וועט זיך פאַרלענגערן אויף נאָך אַ שטיקל צייט, וואָס וועט פון דיר זיין? צו וואָס וועסטו זיין פעאיק? דו קענסט נישט ביי די היינטיקע אומשטענדן נישט שרייבן, נישט ריידן און אויך נישט זיין טעטיק. ווער ווייסט ווי לאַנג נאָך וועט דאָס אַזוי אָנהאַלטן, אָט די אַרויפגעצוואונגענע אומבאַהאָלפנקייט, און איבער דער צייט פילסטו ווי דו ווערסט פאַרראָסט, דיינע חושים ווערן טעמפער, דיינע קרעפטן שוואַכער, דו שרומפסט און שלאָפסט איין.

ווען עס וועלן זיך אומקערן די מעגלעכקייטן צוריק אָנצוהייבן דעם קאַמף, דאָס איינציקע, וואָס בינדט דיך צום לעבן, וועסטו שוין זיין אַ מאַן מחוץ פון יעדן נוץ, עס וועט זיין דער סוף, דער אומ־פאַרמיידלעכער סוף.

פ. גדליה

איך וועל שווין, לכן, נישט זיין מער ווי נאָר אַן אַלטע קאַריקאַטור פון דעם, וואָס איך בין געוועזן. איך בין זיכער, דאָס מיינע פריינט וועלן ליידן דערפון, פון מיין פיזישער און אינטעלעקטועלער אויסגעשעפּטקייט, ווי איך אַליין, איך בין אויך זיכער דאָס זיי וועלן אָנהאַלטן זייער ליבע און אַכטונג צו מיר, אָבער דאָס וועט נאָר זיין אין זכות פון דעם אַמאָל, פון דעם, וואָס איך האָב פאַרפלאַנצט אין זייערע הערצער, אין דעם לויף פון איבער אַ האַלבן יאָרהונדערט, פון מיין פּראָפּאַגאַנדיסטישער טעטיקייט. איך וועל אָבער דעמאָלט נאָר זיין, ווי דער אַלטער זיידע, וואָס האָט מיט זיין ארבעט אויפגעבויט און אויפגעהאַלטן דעם פאַמיליע־נעסט, אָבער וועמענס אָרט איז איצט צו זיצן ביי דעם אויוון און וואַרעמען ביי זיינע פלאַמען די אַלטע האַלב־פאַרגליווערטע ביינער.

אָט דאָס איז, וואָס איך זאָג איצט צו זיך און חזר דאָס כסדר איבער. יאָ, איך פּרוּוו אַוועקצוטרייבן פון זיך דעם פינצטערן געדאַנק. אָבער עס איז מיר אוממעגלעך, דער געדאַנק באַהערשט און פאַרפאָלגט מיך, איך קאָן זיך פון אים נישט באַפרייען... אָבער... וואָס טוט מען?

איך האָב נעכטן געלייענט אין אַ צייטונג, דאָס די פאַראייניקטע סינדיקאַטן (די פּראָפעסיאָנעלע אַרבעטער־פאַריינען) האָבן אויף זייער צוזאַמענקונפט, דעם פאַריקן זונטיק אָנגענומען אַ רעזאָלוציע, צו פאָדערן די באַפרייאונג פון אַלע פאַציפיסטן, וואָס געפינען זיך אין תפיסה. דאָס האָט מיך דערפרייט, מען דאַרף נאָר האָפן, אַז דאָס זאָל נישט בלייבן אַ פּלאַטאָנישער פאַרלאַנג בלויז אויפן פּאַפּיר.

די קעלט קומט צוריק, מיר פרירן, בלאַנש, וואָס האָט זיך שווין געפילט אַ סך בעסער, האָט ווידער אָנגעהויבן זייער שטאַרק צו הוסטן, און איז זייער מיד.

מיר דאַרפן יעדן טאָג אָנפירן אַ ביטערן קאַמף קעגן די גרויזאַמע שוועריקייטן פון באַשפּייזונג און באַהייצונג.

דו טוסט זייער גוט וואָס דו מיידסט אויס צו באַאומרואיקן דעם ליבן ניקאָ (איר מאַן), מיט דיין שלעכטן געזונט־צושטאַנד, ער וואָלט דערפון זיכער געליטן, ווי פון זיין אייגענעם גורל. זיין מאָראַל און זיין געזונט וואָלט פון דעם שרעקלעך געליטן.

איך דענק פון אים זייער פיל, ווי אויך פון דעם ליבן לואיס לעקואַן, און אין אַלגעמיין פון אַלע חברים וועמען איך ליב פון מיין גאַנצן האַרצן.

אָך, אונדזער פאַמיליע איז געוואָרן צעברעקלט, און צעזייט, וויפל

פון זיי זיינען נאָך פאַראַן וואָס מיר וועלן אַזוי גיך נישט זען, און וויפל פון זיי, וועט מען שוין בכלל מער נישט זען!?

גיב איבער מיינע און מיין חברהס גרוסן צו אַלע אונדזערע פריינט, ווען דו וועסט נאָר האָבן אַ מעגלעכקייט צו זען.

איך קוש דיך האַרציק, דיין סעבאַסטיאַן.

ראַיאָן — יאַנואַר דעם 4־טן 1941.

אַלט, קראַנק, האַלב פאַרהונגערט און פאַרפרוירן, קיין שפּייז זיך צו דערנערן, קיין קוילן זיך צו דערוואַרעמען, קיין מעדיצין זיך צו היילן, דער מלאך־המות שטייט צוקאָפּנס, אָבער ער מאַכט נישט קיין חשבון־הנפש, ער האַלט נאָך נישט דערביי, ער טרוימט, ער נערט נאָך די האָפענונג צו זען זיינע חברים, די באַוועגונג, ער דענקט נאָך פון „קינדער־נעסט", די קינדער־שול, וואָס ער האָט אין יאָר 1913 געגרינדעט אין אַ פאָרשטאָט פון פאַריז און זי באַקרוינט מיט דעם וווּנדערשיינעם נאָמען: „לאַ רוש" (דער בינ־שטאָק). יאָ, ער טרוימט און אין דעם זיסן טרוים האָט ער אויסגעהויכט, ווי אַ צאַנקנדיק ליכטל, זיין לעצטן וואַרעמען אָטעם.

אָט אַזוי האָט געלעבט און איז געשטאָרבן דער אַפּאָסטאָל און קעמפער פאַר פרייהייט, גערעכטיקייט און מענטשן־ליבע.

פראַנציסקאָ פערער אי גוארדיא
(1909—1859)

אַ יאָרהונדערט זינט ער איז געבוירן געוואָרן, אַ האַלב־יאָרהונדערט זינט ער איז דערשאָסן געוואָרן אין דער פעסטונג מאַנטכואיטש לעבן באַרצעלאָנע, געפאַלן פון די הענט פון די שפּאַנישע טיראַנען: אַ קרבן אויפן מזבח פון פרייער דערציאונג.

ביאגראפישע נאטיצן

פראַנציסקאָ פערער א. גוארדיאַ, איז געבוירן געוואָרן אין דעם שטעט־טעלע אלאיא, אַ 15 קילאָמעטער פון באַרצעלאָנע, ביי אַ פאַרמעגלעכער

גרויסער פויערים פאַמיליע, דעם 10 יאַנואַר אין יאָר 1859. זיין טאַטע איז געווען אַ פרומער קאַטאָליק און אַן איבערגעגעבענער מאָנאַרכיסט, זייער שטאַרק צוגעבונדן אי צו דער קירכע אי צו דער מאָנאַרכיע.

פ. פ. האָט געקראָגן אַ שטרענג קאַטוילישע דערציאונג. ער האָט אפילו געזונגען אין כאָר פון דער קירך אין זיין געבוירן־שטעטל. דערצו איז ער אויך געווען אַן אויסגעשפּראָכענער מאָנאַרכיסט. מיט איין וואָרט, ער איז געגאַנגען, ווי אַ גוטער זון, אין די פוסטריט פון זייַן פאָטער און זיך אָפּגעקערט פון זיין עלטערן ברודער, דזשאַן, וואָס איז געווען איבערצייגט אַנטי־קריסטלעך.

פ. פ. פאַרלאָזט זיין פאָטערס הויז און שטעטל, ער קומט אין דער גרויסער שטאָט באַרצעלאָנע. ער אַרבעט ווי אַ משרת אין אַ טוך־געשעפט. דער גורל האָט געוואָלט אַז זיין בעל־הבית זאָל פונקט ווי אויף צו להכעיס, זיין אַ פריידענקער־אַקטיוויסט, וואָס האָט כסדר אָנגעפירט דעבאַטן מיט זיינע פרומע קונים, און גאַנץ אָפט אפילו געהאַט דיספּוטאַציעס און קריגע־רייען מיט גלחים. דאָך האָט ער זיך זייער סימפּאַטיש באַצויגן צו זיין יונגן פרומען אָנגעשטעלטן.

ביסלעכווייז איז דער יונגער פ. פ. אַרויפגעפירט געוואָרן אויף דעם נייעם וועג.

פ. פ. האָט געהאַט אַ נייגונג צו שטודירן און פאָרשן, ער האָט זיין פרייע צייט ניט פאַרשווענדעט אויף לייכטזיניקע פאַרווייַלונגען, ווי דאָס טוען ס׳רוב בחורים אין זיינע יאָרן, ער אַרבעט, לערנט, ער שאַפט זיך איין אַ היפשן באַגאַזש פון וויסן. זיין בעל־הבית העלפט אים זייער פיל אַרויס אין דעם, ער באָרגט אים ביכער פון זיין רייכער ביבליאָטעק, און ווייזט אים ווי פאַנאַנדערצופלאָנטערן געוויסע פּראָבלעמען־פאַרווירעניש. מען קען זאָגן, אַז ער איז געווען פ. פ.׳ס פּראָטעקטאָר און וועגווייזער.

עס קומט די צייט ווען פ. פ. דאַרף זיך שטעלן צו מיליטער דינסט, ער ווערט אויסבראַקירט. פ. פ. ווערט באַשטימט פאַר אַ קאָנטראָלער פון דער אייזן־באַן ליניע פון מזרח־שפּאַניע. עס נעמט ניט לאַנג, און ער באַ־קענט זיך און האָט חתונה מיט דער פריילין טערעזאַ סאנארטי. זיי פירן אַ רואיק פאַמיליע־לעבן. זי געבוירט אים פיר קינדער.

אין יאָר 1884 ווערט פ. פ. אויפגענומען אין דער פריימויערער לאָדזשע־אָרדן „ווערדאַד“ (אמת) אין באַרצעלאָנע. דאָ הייבט זיך אָן דער ברוך פון שלום־בית. ער האָט איינגעשטימט צו טויפן זייער ערשטלינג, זייער טעכ־טערל טרינידאַט, (דרייאייניקייט). דאָס איז געווען די איינציקע און די לעצטע הנחה צו זיין פרומער פרוי, די אַנדערע קינדער האָט ער שוין געגעבן גאָר אַנדערע נעמען, ווי פאַז (שלום), לוס (ליכט), זיין זון האָט

ער אַ נאָמען געגעבן ריעגאָ אין אָנדענק פון אַ גענעראַל מיטן זעלבן נאָמען, וועמען ער האָט פאַרערט פאַר זיין העלדן־מוט, וואָס ער האָט אַרויסגעוויזן בשעת זיין הינריכטונג, אַלס אַ פאַרשווערער קעגן דער מאָנאַרכיע.

19־טער סעפטעמבער 1886. די אונטער־ערדישע באַוועגונג פון די רעפּובליקאַנער אין שפּאַניע האָט באַשלאָסן אויסצונוצן די געלעגנהייט, וואָס די הערשערין פון דעם טראָן, מאַריאַ קריסטין, מיט איר שטאַט־מיניסטער סאַגאַסטאַ, זיינען געווען אָפּוועזנט פון מאַדריד, אַרויסצורופן אַ רעוואָלוציאָנערן אויפשטאַנד, זיי מאַכן דעם אָנהויב אין דער שטאָט סאַנטאַ קאָלאָמאַ, אונטער דער אָנפירערשאַפט פון דעם גענעראַל ווילאַ־קאַמפּאַ, עס האָבן זיך אין דעם אויפשטאַנד באַטייליקט: דער קאַוואַלעריע רעגימענט פון סאַן־זשיל לע אַלבוערא און דער רעגימענט פון אינפאַנטערי און גערילאַס, אָנגעפירט פון זייערע אָפיצירן און אונטער־אָפיצירן, וועלכע האָבן פאַרלאָזן זייערע קאַזאַרמעס מיט דעם רוף: לעבן זאָל די רעפּובליק! ווילאַקאַמפּאַ, דער גענעראַל פון דער רעפּובליקאַנער גוואַרדיע איז געווען די נשמה פון דעם אויפשטאַנד, און ער איז געגאַנגען בראש פון די רעבעלן, דאָס איז אויך געווען דער סיגנאַל פאַר פ. פ.

עס איז די רעבעלן געלונגען צו פאַרנעמען אייניקע פּאָזיציעס, זיי האָבן פּרובירט פאַרכאַפּן דעם סקלאַד פון דער אַרטילעריע, אָבער דעם גענעראַל פּאַוויאַ, גובערנאַטאָר פון מאַדריד, צוזאַמען מיט דער געטריי־געבליבענער אַרמיי, איז געלונגען צו צעשלאָגן די אויפשטענדלער, דער גענעראַל ווילאַקאַמפּאַ צוזאַמען מיט אַ צאָל אָפיצירן און ציווילע רעפּוב־ליקאַנער זיינען אַרעסטירט און הינגעריכטעט געוואָרן. פ. פ. וואָס האָט זיך באַטייליקט אין אויפשטאַנד געלינגט צו אַנטלויפן, ער קומט נאָך פּאַריז, פראַנקרייך, ער ווערט דער סעקרעטאַר פון רואיז צאָריאַ, פּרעזידענט פון דער שפּאַנישער רעפּובליקאַנישער פּאַרטיי אין גלות, און זעצט פאָר די פּראָפּאַגאַנדע פון רעפּובליקאַנישע און אַנטי־קלעריקאַלע אידייען.

דעם 26־טן מערץ פון 1890 טרעט ער אַריין אין דער פריי־מויערער לאָדזש אין פּאַריז, וואו ער דערגרייכט די העכסטע גראַדן פון דעם אָרדן „טרינידאַד און פּאַז".

פ. פ. לאָזט איבערזעצן אין דער שפּאַנישער שפּראַך, ביכער און בראָשורן וועלכע ער דענקט זיי זיינען וויכטיק פאַר זיין אַנטי־קלעריקאַלער טעטיקייט, ער שאַפט זיך דערמיט אַ סך פּערזענלעכע שונאים. ער שיידט זיך אויך מיט זיין פרוי, הגם ניט יורידיש, ניט די קאַטוילישע קירך און ניט די שפּאַנישע געזעצן אָנדערקענען אַ גט.

כדי אויסצוהאַלטן זיין פאַמיליע, גיט ער לעקציעס אין דער שפּאַנישער שפּראַך. ער איז אַ לערער אין דער פילאָטעכנישער אַסאָציאַציע, און אויך

אין דעם קאַנדאָרסע גימנאַזיום, אין פּאַריז. זיין לערער־שטעלע האַלט אָן פון 1895 ביז 1898. אין צווישן צייט גיט ער אַרויס דורך דעם פאַרלאַג „גאַרניער״, אַ לערן בוך פון דער שפּאַניש׳ער שפּראַך וואָס ווערט זייער גוט אויפגענומען.

אַרום 1894 האָבן זיך צוויי פרויען, מוטער און טאָכטער, מיט דעם פאַמיליען־נאָמען מעניע, צוויי ליידנשאַפטלעכע טוריסטקעס מיט אַ היפּשן פאַרמעגן, וואָס האָבן זייער געוואָלט באַרייזן שפּאַניע, זיך געווענדט צו פ. פ. ער זאָל זיי געבן לעקציעס אין שפּאַניש, צו וואָס פ. פ. האָט צוגע־שטימט און געוואָרן — זייער לערער.

צו יענער צייט האָט שוין פ. פ. געצווייפלט אין דער ווירקזאַמקייט פון רעוואָלוציעס. כדי איינצושטעלן אין שפּאַניע אַ האַפּטיקע און דויער־האַפטיקע רעפּובליק, דאַרף מען קודם־כל אויפקלערן דעם פאָלק, אים באַ־פרייען פון זיין אומוויסנהייט, דערצו מוז מען אָנהייבן מיט דער דערציונג פון די קינדער, נאָר דאָס קען העלפן אין דעם קאַמף פאַר פרייהייט.

דער געדאַנק צו שאַפן מאָדערנע שולן אין שפּאַניע איז ביי אים גע־וואָרן דער הויפּט ציל פון זיין לעבן, ער דאַרף נאָר איצט זוכן די מיטלען ווי דעם ציל צו פאַרווירקלעכן, האָט ער באַשלאָסןריידן וועגן זיין פּלאַן מיט דער פריילין מעניע, דער געדאַנק איז איר שטאַרק געפעלן, און זי שטימט איין, אים צו העלפן אין דער דאָזיקער אונטערנעמונג, זי באַשטימט אים פאַרן יורש פון איר גאַנצן פאַרמעגן, ער אַקצעפּטירט, מיט דעם באַדינג, דאָס די גאַנצע רייכע ירושה זאָל אויסשליסלעך געווידמעט זיין פאַר דעם איינציקן צוועק: איינצושטעלן פרייע שולן אין באַרצעלאָנע.

אין יאָר 1901 איז די פריילין מעניע געשטאָרבן, און פ. פ. ווערט דער יורש פון אַ פאַרמעגן. ער קומט צוריק קיין שפּאַניע, ער וואַרפט זיך אַריין אין דער אַרבעט צו פאַרווירקלעכן זיין גרויסן טרוים, ער זוכט אויף אַ צאָל לערערס, וועלכע זיינען גרייטוויליק זיך צו באַטייליקן אין דער אונטערנעמונג, ער שטעלט צענויף די בויטיקע קערפּערשאַפט, וואָס זאָל אָנפירן מיט דער פּעדאַגאָגישער אַרבעט, צווישן זיינע מיטאַרבעטער צייכנט זיך זייער שטאַרק אויס די פרוי סאָלידאַד־ווילפראַנקאַ, וועמען די אַרבעט איז זייער צום האַרצן, זי ווערט זיין סעקרעטאַרין, און מיט דער צייט זיין לעבנס־באַגלייטערין.

אָט אַזוי זיינען אַנטשטאַנען די מאָדערנע שולן, צו ערשט אין באַר־צעלאָנע, און נאָך דעם אויך אין אַנדערע שטעט פון שפּאַניע, און מיט זיי אויך אַ פאַרלאַג פון ביכער און זשורנאַלן.

פ. פ. גיט אַרויס דעם זשורנאַל „לע עקאָל מאָדערן״, (די מאָדערנע שולע). נאָכדעם דעם זשורנאַל: „לע עקאָל רענוווע״ (די באַנייטע שולע).

פ. פ. האָט געבויט זיין פּלאַן פון דער מאָדערנער שול אין שפּאַניע אין דעם גייסט פון דער אינטערנאַציאָנאַלער ליגע פאַר דער ראַציאָנאַליסטישע דערציונג. די שפּאַנישע רעאַקציע האָט זיך דערשראָקן, זי האָט געזוכט און גליך געפונען אַ וועג ווי פון אים פּטור צו ווערן. די הערשער האָבן אים אומגעבראַכט, אָבער נאָר פיזיש, זיין גייסט לעבט, און וועט לעבן פאַר די קומעדיקע דורות.



די ברידער גאָרדין

אבא גאָרדין

(1887—)

דער טעאָרעטיקער פון אינטעראינדיווידואַליזם

„דער אינטעראינדיווידואַל, אַלס די קאָנקרעטע פאָרמע פון ציבור־לעבן, איינגעאָרדנט, לויטן פּראַקטישן פּרייהייט־פּרינציפּ, שטייגט אַריבער די מלוכה, אַריבערשפּרייזנדיק איבער אירע גבולים און תחומען, און שפּרייט זיך אויס ביז צו דער לענג פון דער וועלט.

אבא גאָרדין, „זכרונות און חשבונות".

פ. גדליה

אבא גאַרדין איז אָן שום ספק היינט צו טאָג, די קאַלירפולסטע און די דיסקוטירבאַרסטע געשטאַלט אויף דער יידישער קולטורעלער גאס בכלל, און אין דער יידישער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג בפרט. און שרייבן וועגן אים, איז געוויס ניט פון די לייכטסטע אויפגאַבעס וואָס איך האָב אויף זיך גענומען. עס איז, בכלל, זייער שווער צו שרייבן וועגן אימעצן, וואָס איז נאָך, גאָט צו דאַנקען, אויפן עולם השקר, עס איז יעדנפאַלס ריזיקאַלישער ווי צו שרייבן וועגן איינעם וואָס געפינט זיך שוין אויפן עולם־האמת, מחמת דעם אַליין, וואָס דער ערשטער קען נאָך דערלאַנגען איבער די הענט, און דער צווייטער מוז, נעבעך, דאָרט וואו ער געפינט זיך, קרעכצן אָדער לאַכן אין דער שטיל.

מען קען וועגן אים שרייבן וואָס מען וויל, און וואָס עס לאָזט זיך, דאָס בייגעלע פּאַפּיר איז דאָך בטבע אַ ברייט־האַרציקע מכניס־אורחטע, דאָס בלעטעלע פּאַפּיר נעמט אויף, וואָס מען זאָל אויף דעם ניט אויסמאָלן.

הגם דאָס שרייבן איז, אין גרונט־גענומען, אַ דיקטאַט פון די געפילן, פון די אקומולירטע מחשבות, און ווען זיי, די געדאַנקען צעבונטעוועז זיך, האָט שוין דער שרייבער ממילא קיין אנדערע ברירה ניט, ווי זיי פריי צו לאָזן. איז דער אונטערשייד דאָך, וואָס אין איין פאַל, וואָס מען זאָל ניט שרייבן, גוטס אָדער שלעכטס איז טוב־מאד, בעת אין דעם אַנדערן פאַל, קען שוין דער שרייבער ניט לאָזן לויפן זיין פען נאָך דעם אימפּעט פון דעם געדאַנקען שטראָם, ער מוז שוין וועגן און מעסטן יעדעס וואָרט, יעדן אות, ניט נאָר בלויז דערפאַר וואָס עס דראָעט, ווי שוין פריער געזאָגט, די סכנה צו קריגן איבער די הענט, נאָר אויך דערפאַר וואָס דער לעבעדיקער דענקער, האָט נאָך ניט געזאָגט זיין לעצט וואָרט, אַזוי, דאָס אין לעצטן סך־הכל קען די באַהויפּטונג פון דעם שרייבער, שוין ניט שטימען מיט דערווירקלעכקייט, און אַז דענקערס בייטן זייערע אנשויונגען איז דאָך דאָס ניט פון די אויס־געשלאָסענע מעגלעכקייטן. אָבער חוץ דעם אַלעם קומט צו נאָך אַ שוועריקייט און דאָס איז, וואָס אבא גאַרדין איז איינער פון די מערקווירדיקע געשטאַלטן, און עס פאָדערט זיך הויך־קוואַליפיצירטע קאָמפּעטענץ אים צו מאָלן, דאָס הייסט, מען דאַרף זיין כמעט אַ צווייטער אבא גאַרדין, צו קענען שרייבן וועגן דעם אבא גאַרדין, דעם פאָטער פון אַן אייגנאַרטיקן וועלט־באַנעם.

הגם אבא גאַרדין איז, שוין ווייט ניט קיין אומבאַקאַנטער, סיי אין דער יידישער קולטורעלער וועלט, און סיי אין דער יידישער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג, אויף ביידע ברעגן פון דעם אַטלאַנטיק, אַ קיימאַ־לן פון קאַרגע 40 יאָר ווי ער איז אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער אין איר פּרעסע, און האָט איבער דער צייט אַרויסגעגעבן קיין עין־הרע אַ היפּשע צאָל סאָציאַל פילאָ־זאָפישע ווערק וואָס זיינען ווייט ניט פון דעם דורכשניט זשאַנער. דאָך איז דאָס שרייבן וועגן אים ניט פון די לייכטע זאַכן. און אפשר טאָקע

דערפאַר וואָס ער האָט ארויסגעגעבן א סך ווערק, וואָס עס איז ניט לייכט צו לייענען.

הגם, דעם אמת זאָגנדיק, דער פאַרלאַנג צו שרייבן מיינע איינדרוקן וועגן אים, אַרום וועמען עס ווערט געשפּינט אַ געוועב פון מערקווירדיקע געשיכטעס און לעגענדעס, וואַרעמט זיך שוין גאַנץ לאַנג אין מיין ברוסט־קאַמער. האָט מיר, אָבער, לאַ־עליכם געפעלט, צו ערשט, די געוואָגטקייט, און שנית האָט מיר אויך געפעלט דער נייטיקער מאַטעריאַל, די אויסקונפטן, צו קענען קומען צו דעם געהעריקן געווונטשטן אויספיר.

דער שכל־הישר דיקטירט, אויב מען וויל עפּעס שרייבן קאָנקרעט פון און וועגן אימעצן, מוז מען אומבאדינגט אָנהייבן פון א בראשית, ווייל אָן דעם, אָן דאָס תחילתדיקע, מוז אומפאַרמיידלעך בלייבן אַ וואַקום, אַ בלויז, און דער אויספיר, וואָס איז דער הויפּט־ציל פון דעם שרייבן, קאָן פאַר קיין פאַל ניט זיין קיין ריכטיקער.

מיט זיינע לעצטנס אַרויסגעבראַכטע צוויי ווערק: „אין געראַנגל פאַר פרייהייט” און די אויטאָביאָגראַפיע: 30 יאָר אין ליטע און פוילן” האָט אונדז טאַקע דער מחבר מזכה געווען מיט דעם נויטיקן מאַטעריאַל, וואָס וועט אונדז העלפן פאַסן אונדזערע קאָנקלוזיעס, יעדנספאַל וועט דאָס אונדז לייכטער מאַכן צו פאַרשטיין זיין אייגענעם פילאָזאָפישן וועלט־באַנעם, זיין אייגנאַרטיקע שטעלונג צו די סאָציאַל־פּאָליטישע געשעענישן אין רוסלאַנד פון 1917—1921, און אויך צו דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג, דעמאָלט דאָרטן, און אויך צו דער אַלגעמיינער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג פון דער זייט אייזערנעם פאָרהאַנג, אפילו נאָך היינט צו טאָג.

הויפּטזעכלעך ווערט פאַר אונדז דורך די דערמאָנטע ווערק, געלייזט די גרויסע רעטעניש בנוגע זיין איבערראַשנדיקן אויפשטייג אויף דער אַרע־נע פון די עפּאָכע־מאַכנדיקע געשעענישן פון 1917 אין רוסלאַנד, אַלס בראַ־ווער קעמפער פאַר דער אַנאַרכיע ,וואָס האָט ניט געהאַט הינטער זיך דעם געוועינלעכן סטאַזש פון אָנגעהעריקייט צו דעם אַנאַרכיסטישן לאַגער, און אפילו זיך ניט געהאַט פאַרבונדן מיט דער עקזיסטירנדיקער באַוועגונג צו יענער צייט דאָרטן. דאָס איז, ווי מיר וועלן דאָס שפּעטער זען, באַטראַכט געוואָרן פון די דאָרטיקע חברים ווי אַ כח אַרויסגעוואַקסן פון דער העלער־הויט, אפילו נאָך היינט, געפינענדיק זיך זייט 1926 אויף אָט דער זייט פון אייזערנעם פאָרהאַנג, און ניט האָבנדיק איבער דער צייט אויף קיין איין מאָמענט אויפגעגעבן זיין שעפערישע טעטיקייט אויף דעם געביט, ווייל אַלע זיינע ווערק, וואָס זיינען גאָט צו דאַנקען היפּש אין צאָל, זיינען אין גרונט גענומען אַ סינטעז פון אַנאַרכאָ־פילאָסאָפישע קאָנצעפּטן איז דער פּסק פון יענע חברים פון יענער אויסערגעוויינלעכן פעריאָד אין רוסלאַנד, גילטיק

אויך פאַר אַ גרויסער מערהייט פון די אַזוי גערופענע אַנאַרכיסטישע נאָכ־פאָלגער וואָס געפינען זיך אויף דער זייט ים.

דאָס קלינגט געוויס פּאַראַדאָקסאַל, ווייל לויט דעם אַנאַרכיסטישן „שולחן־ערוך" דאַרף ניט זיין וויכטיק דער אויסגאַנגס פּונקט, אָדער דער וועג אויף וועלכן דער אָדער יענער יחיד גייט, נאָר וויכטיק איז דער ענד־פּונקט צו וועלכן ער צילט, כדי קיין מחיצה זאָל ניט זיין צווישן די גייער צו דעם זעלבן ציל.

צו באַדוירן איז דאָס אָבער ניט אַזוי, דאָס וואָס מען פאַרשטייט ניט, אָדער מיט וואָס מען איז ניט איינשטימיק, איז מען גרייט צו פּסלען.

ניט נאָר איז דאָס אַן אָנגענומענער שטייגער אין דער רעליגיעזער אָרטאָדאָקסישער וועלט אָדער אין די פּאָליטישע פּאַרטייען, אין וועלכער דער צענטראַל־קאָמיטעט, אָדער דער פירער צייכנט אָן דעם מאַרשרוט פאַר יעדן, נאָר אויך ביי די גאָטלאָזע, אַנטי־אויטאָריטערע אַנאַרכיסטן פירט מען זיך אַזוי, עס ווערט פּראַקטיצירט אַ גייסטיקע דיסציפּלינאַרע אוניפאָרמ־קייט.

צום ערשטן מאָל האָב איך געהערט דעם נאָמען גאָרדין אין יאָר 1922 אין מאָסקווע, ווהין איך בין געקומען אויסצוגעפינען וועגן דעם גורל פון מיין חברה, אָבער עס איז ניט געווען אַ. גאָרדין, נאָר די גאָרדינס, די „בראַטיאַ גאָרדין", ווי מען האָט זיי דאָרט גערופן, און ווי איך האָב זיך דאָרט דערוווסט, זיינען די צוויי ברודער, וואָלף און אבא גאָרדין, געווען אַ וועלט אין אַ וועלט, אַן אייגנאַרטיקע וועלט פאַר זיך.

אין חודש אפּריל פון דעם זעלבן יאָר, אין דער צייט וואָס איך בין אהין אָנגעקומען איז שוין געווען כמעט נאָך דער אַלגעמיינער ליקווידאַציע וואָס די מאַכט פאַרכאַפּערס, די באָלשעוויקעס, האָבן דורכגעפירט איבערן לאַנד. די איינציקע וואָס האָבן זיך נאָך דאָרט געפונען, און געוואַרט אויף זייער ריי ליקווידירט צו ווערן, זיינען געווען: דער רויטער־קרייץ פון די מענשעוויקעס, אָן וועלכער עס איז מעגלעכקייט צו טאָן זיין הייליקע הילפס־אַרבעט, דער אַנאַרכיסטישער פאַרלאַג: „גאָלאָס־טרודאַ" אָן בעלנים פאַר אַ בוך, א צאָל אַנאַרכיסטן נאָך ניט אומגעבראַכטע אין די תפיסות און אַ פּאָר געציילטע אַנאַרכיסטן וואָס זיינען על פּי נס פאַרזען געוואָרן פון די ר׳ויטע־טשעקיסטן, און וואָס האָבן געפירט אַ לעבן פון אמתע מאַראַנען, מורא האָבנדיק פאַר דעם אייגענעם שאָטן, ווייל דער מינדעסטער פאַר־דאַכט האָט געשמעקט מיט טויט.

דער חשד האָט ניט באַדאַרפט דווקא קומען מצד די טשעקיסטן, ער האָט געקאָנט קומען פון אַ שכן, פון אַ ברודער־אַרבעטער אויף דער פאַב־ריק, אָדער אין דעם „סאַיוז" (פּראָפעסיאָנעלער פאַריין).

עס איז איבעראשנדיק, וואָס אין אַזאַ קורצער צייט, מען קען מיט דער פולער זיכערקייט זאָגן, דאָס איבער נאַכט, האָט זיך די גאַנצע פּאַנאָראַמע פון דעם לאַנד און מענטשן געביטן, איבערנאַכט איז די רעוואָלוציע, די גרויסע „פרייהייט רעוואָלוציע״, וואָס האָט א סוף געמאַכט פון אַן איבער 400 יאָריקער טיראַנישער דינאַסטיע, וואָס האָט באַגייסטערט א פאָלק פון קאַרגע צוויי הונדערט מיליאָן נפשות, און וואָס האָט אָנגעצונדן דעם פאַקל פון האָפענונג אין די הערצער פון אַלע פרייהייט־ליבנדיקע איבער דער גאָרער וועלט, האָט זיך ראַפּטאַם פארוואַנדלט אין א פינסטערער רעאַקציע, אין בלוטיקער טיראַניע.

דאָס זעלבע פאָלק וואָס האָט ערשט נעכטן אַזוי ביטער געקעמפט קעגן דעם פּאָליציייאישן רעזשים פון די צאַרן, איז אַליין היינט שוין געוואָרן, די פּאָליציי, די געהיים־אַגענטן, די מוסרים, אין דינסט פון דער נייער אויפגעקומענער מאַכט.

דאָס שיינט צו זיין אומגלויבלעך, אָבער עס איז אַ פאַקט, אַ טרויעריקער טאַטזעכלעכער אמת, אין דער צייט פון די צאַרן, האָבן זיך געפונען ליבעראַלע מענטשן, וואָס האָבן אין דער שטיל סימפּאַטיזירט מיט די פּאָליטישע קעמפּערס און די אַנדערע, וואָס האָבן אפילו ניט סימפּאַטיזירט, זיינען זיי, על־כל־פּנים, ניט געווען קיין מוסרים. אַ מוסר, איז תמיד באַטראַכט געוואָרן ווי אַן עקלהאַפטער נפש. אָבער היינט אין דעם פּראָלעטאַרישן פאָטערלאַנד, איז מסירה געוואָרן א הייליקע טוגנט.

עס האָט גענומען א שטיקל צייט ביז די פּאָר געציילטע אַנאַרכיסטישע מאַראַנען, מיט וועמען מיין חברה האָט מיך צוזאַמענגעפירט, האָבן זיך באַפרייט פון זייער מורא און זיך אַנטשלאָסן צו לאָזן זיך באַקענען מיט מיר, דעם אויסלענדער, פאַר וועמען דאָס קאָנספּיראַטיווע לעבן איז — אַזוי האָבן זיי געגלויבט — אַ פרעמדע זאַך. און ווען ענדלעך די מורא האָט זיך פון זיי אָפּגעטאָן, האָבן זיי מיר דערציילט, וואָס עס האָט דאָרט אין דעם קורצן זמן, — קוים קאַרגע 4 יאָר צייט, פון אָקטאָבער 1917 ביז ענדע מערץ 1921 פאַסירט. און דאָס דערציילטע האָט געקלונגען ווי געשעעניש וואָס זיינען זיך פאַרלאָפן אין אַ ווייטער פאַרגאַנגענהייט.

און מערקווירדיק, ווי אַלע זייערע דערציילונגען, זיינען געגאַנגען געקניפּט און געבונדן מיט די „בראַטיאַ גאַרדין״. לויט די דערציילערס איז אויסגעקומען, אַז מען קען גאָר ניט ריידן פון, אָדער וועגן, יענער עפּאָכע־מאַכנדיקע פאַסירונגען, ניט דערמאָנענדיק דערביי די ברידער גאַרדין.

אָבער דעם ערשטן איינדרוק וואָס איך האָב באַקומען, און וואָס האָט נאָך אַלע וואַרשיינלעכקייטן געהאַט דעם דעצידירנדיקן עפעקט אויף מיין דורשטיקייט זיך צו באַקענען, אָדער ווייניקסטנס, וואָס מער זיך דער־

וויסן וועגן דער אויסטערלישער אבא גאָרדין פּערזענלעכקייט און זיין אויפ־פיר, איז געווען פון אַן עפּיזאָד, וואָס מיין חברה האָט מיר דערציילט, פון וועלכן זי איז געווען אַן עדות. און דאָס איז עס: ווען מען האָט זי אַן ארעסטירטע, אַריינגעפירט אין קאַנצעלאַריע פון דער טרויעריק באַרימטער ליובאַנקאַ־תפיסה אין מאָסקווע, איז דאָס ערשטע וואָס זי האָט דערהערט, געווען דאָס ברעכן פון שויבן, און דער שויבן ברעכער איז געווען ניט קיין אַנדערער ווי א. גאָרדין, וואָס האָט מיט זיין שטעקן, אָדער קוליע — ער איז דאַן געווען פאַרוואונדעט פון אַ קויל אין אַ פוס, און זיך באַנוצט מיט אַ קוליע — געבראָכן די שויבן און האָט אויף אַזאַ אופן פּראָטעסטירט קעגן די תפיסה־לייט.

דער פאַקט ווערט אויך דערמאָנט אין זיין ווערק: „זכרונות און חשבונות״.

איך האָב געוויילט אין רוסלאנד א יאָר צייט, און אין פאַרלויף פון דער צייט, האָב איך זיך אָנגעהערט וועגן די צוויי ברידער אַ סך, גאָר אַ סך, אָבער וואָס מער איך האָב זיך אָנגעהערט, אַלץ מער בין איך געוואָרן אָנגערעגט צו וויסן וועגן זיי, הגם די דערציילערס זיינען געווען גאַנץ ערנסטע אויפריכטיקע מענטשן, אָבער זייער שטאַרקע קעגנער, הויפּט־זעכלעך קעגן דער אייגנאַרטיקער פּאָזיציע, וואָס די ברידער גאָרדין האָבן גענומען אין די געשעענישן פון יענער צייט דאָרטן.

זיי האָבן געהאַט זייער אייגנטימלעכן פּראָגראַם: „דער פינף בונד״ — די פינף באַוואוסטע פון דער געזעלשאַפט. א. גאָרדין איז געשטאַנען אין שפּיץ פון דער פעדעראַציע. דער אָרגאַן האָט געהייסן „אַנאַרכיע״, דער לאָזונג: דאָס הויז פון אַנאַרכיע. דאָרט איז געווען דער זאַמל־פּונקט, דער גענעראַל שטאַב, פון דער: „טשאָרניא גוואַרדיאַ״ — די שוואַרצע גוואַר־דיע — די פעדעראַציע איז באַשטאַנען פון גרופּן אין מאָסקווע און איבערן לאַנד, און פון צייט צו צייט האָבן זיי אָפּגעהאַלטן רעגיאָנעלע צוזאַמענפאָרן פון די גרופּן, מיט איין וואָרט, דאָס איז געווען אַ קוואַזי ממשלה, אַן אייגענע מלוכה פאַר זיך. (זע „זכרונות און חשבונות״ פון אבא גאָרדין).

אָבער די געשעענישן זיינען געלאָפן אין אַ ווילדן גאַלאָפּ, און מיט דעם זעלבן טעמפּאָ זיינען אויפגעקומען און פאַרשוואונדן באַוועגונגען און זייערע פּראָמאָטאָרן, קיינער פון זיי, יחיד, גרופּע אָדער פּאַרטיי, האָט ניט באַ־מערקט די מאַקיאַוועלישע האַנט, וואָס פון אונטער די קוליסן ציט די שטריקלעך פון דעם גאַנצן ספּעקטאַקל, און וואָס האַלט דאָס גרויסע לאַנד אין קאָנוולסיע, און די בלוט־באָד וואָס עס ווערט צוגעגרייט, אין וועלכער יחידים, גרופּן און פּאַרטייען, וואָס האָבן כלומרשט געשפּילט

אַ באַדייטנדיקע ראָלע אויף דער בימה פון די דאָרטיקע געשעענישן וועלן אומגעבראַכט ווערן.

און דער פאַקט איז, אַז צום סוף יאָר 1922, דאָס הייסט אַז צו ענדע פון קאָרגע פינף יאָר, זינט דעם אויסברוך פון דער גרויסער רעוואָלוציע, איז פון דער גאַנצער אויבערפלאַך פון דער גרויסער רוסישער אימפּעריע אָפּגעווישט געוואָרן יעדע שפּור, יעדער סימן, ניט נאָר פון אַ וועלכער עס איז אָפּאָזיציע צו די געזאַלבטע הערשער, נאָר אפילו פון יעדן מעגלעך אַנדערש דענקנדיקן עלעמענט.

נאָר אַ נס מן השמים האָט צוגעשפּילט אַ צאָל געציילטע יחידים נצול צו ווערן פון דעם בלוט־באָד, און זיי האָבן געקענט באַצייטנס מאַכן אַ ויברח, און צווישן די געציילטע האָט זיך געפונען אבא גאָרדין, הגם ער האָט צו ערשט פּרובירט איבערכיטרעווען, ווי ער שרייבט אין זיינע שוין עטלעכע מאָל דערמאָנטע „זכרונות און חשבונות”, די מאַכט פאַרכאַפּערס, ווילנדיק לעגאַליזירן זיין אויסשליסלעכע „פילאָסאָפישע” טעטיקייטן, פאַרזיכערנדיק זיי, דאָס ער וועט זיך מיט קיין טעגלעכע פּאָליטישע פּראָבלעמען ניט אָפּגעבן...

ער האָט אָבער באַצייטנס דערשפּירט, די פאַרברעכערישע שפּין־נעץ, וואָס דער טאָוואַריש (חבר) דזשערדזשינסקי, דער רויטער תלין גרייט פאַר אים צו, און ער האָט געמאַכט פליטה דורך דער הינטער־טיר: סיביר, מאַנדזשוריע, כינע, יאַפּאַן, ביז ער איז בשלום אין יאָר 1926 אָנגעקומען אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע, ווו ער האָט געקאָנט פאָרזעצן זיין אָנגעהויבענע אַרבעט אין רוסלאַנד.

ווען איך בין מיט אַ צייט שפּעטער אָנגעקומען אין פּעטער סעמס מדינה, און געהאַט די מעגלעכקייט זיך צו באַקענען מיט איינעם פון די ברידער, און דווקא מיט דעם חבר אבא גאָרדין, און איך האָב זיך — פאַרשטייט זיך — אָנגעהויבן גריבלען אין זיינע ווערק, האָב איך געפונען די באַשטעטיקונג פאַר מיין פאַרדאַכט, וואָס איך האָב נאָך געהאַט אין רוסלאַנד, בנוגע דער סיבה פון דער קעגנערשאַפט פון די דאָרטיקע חברים צו די ברידער גאָרדין.

און די סיבה איז, וואָס זיי זיינען פון איין זייט ניט ריכטיק פאַרשטאַנען געוואָרן אין זייער פילאָזאָפישן וועלט באַנעם, און פון דער אַנדערער זייט, זייער אומגעריכטער איבעראַשנדיקער אויפשטייג אויף דער אַרענע פון די דאָרטיקע געשעענישן, ווי אויסגעשפּראָכענע אַנאַרכיסטן, ניט זייענדיק פון קיינעם באַקאַנט, זיי האָבן קיינמאָל פריער ניט באַלאַנגט, אפילו ניט געהאַט קיין פאַרבינדונג מיט אַנאַרכיסטישע, אָדער מיט וועלכער עס איז

אַנדערע פּאָליטישע עלעמענטן, דאָס האָט די דאָרטיקע חברים זייער שטאַרק איבערראַשט.

מיט דעם בליאַסק פון די ערשטע פונקען פון דער רעוואָלוציע, אויף וועלכער זיי האָבן מיט אַ ליידנשאַפטלעכן אייפער געוואַרט, זיינען זיי פון זייער שטעטעלע אין דער ליטע, געקומען אין די קרוין־שטעט פּעטערבורג און מאָסקווע, טראָגנדיק מיט זיך, אונטער דעם אָרעם זייער גייסטיקן באַגאַזש, אַ פּאַרטיקן „אני מאמין" וועלכן זיי האָבן שוין לאַנג פון פריער אויסגעאַרבעט, צוגעגרייט, זיי האָבן נאָר געוואַרט אויף דעם געבענטשטן טאָג, וואָס דאַרף און מוז לויט זייער נביאישער אינטויציע קומען, ווי דער אומפאַרמיידלעכער קלימאַקס פון דער מלחמה 1914—1918.

ווי שוין דערמאָנט, האָבן די ברידער גאָרדין ניט געהאַט קיין פאַר־בינדונג מיט קיין באַוועגונג, מיט קיין גרופּע, זיי האָבן דאָס אויך ניט באַדאַרפט.

פאַר דעם צוועק וואָס זיי האָבן פאַרפאָלגט, האָבן זיי נאָר באַדאַרפט: אויערן וואָס זאָלן ווילּיק זיין זיך צוצוהערן, און הערצער וואָס זאָלן אויפגעלייגט זיין צו פילן דעם הייליקן פּאַטאָס, וואָס שלאָגט פון זייערע דברים־שבלב און זיי האָבן געפונען, אויערן האָבן זיך צוגעהערט, הערצער האָבן געפילט, זיי האָבן געפונען פריינד און פאַרערער, זיי זיינען געוואָרן די גייסטיקע לייטער פון אַ באַוועגונג, פון זייער באַוועגונג, ריכטיקער אָרום אַ באַוועגונג, אָרום אַ קאָנגלאָמעראַט, אין וועלכן זיי זיינען נאָר געווען און פאַרבליבן די אידייען־געבערס. זיי האָבן זיך אָבער ניט פאַר־שמאָלצן, זיך ניט סאָלידאַריזירט מיט אַלע אַקטן פון דעם קאָנגלאָמעראַט פון יענער ברויזנדיקער עפּאָכע.

פאַר זיי — פאַר די ברידער גאָרדין, איז דער קאָנגלאָמעראַט, די אָנגעזאַמלטקייט פון אַ מאַסע, געווען בלויז אַ טריבונע, פון וואַנען זיי האָבן געקענט ריידן, איבערגעבן זייערע אַנזיכטן, זייער „אני מאמין" אָבער ניט זיין די פירערס, די אָרגאַניזאַטאָרן פון דער מאַסע, ווייל דער גאַנצער באַגריף וועגן מאַסע און פירערשאַפט איז ביי די ברידער גאָרדין אַ גאַנץ באַזונדערער.

אָט וואָס ער, חבר א. ג. שרייבט מכוח אָט דער פראַגע: „פאַר די לעצטע 50 יאָר איז געשאַפן־געוואָרן אַ נייער אָפּגאָט, צו וועלכן אַלע אָן אויסנאַם זיינען מחויב זיך צו בוקן, און דאָס איז די „הייליקע מאַסע". דער „עולם גולם" איז געוואָרן אַן אמתער געץ.

מען דאַרף זיך נאָכיאָגן נאָך די מאַסן, מען דאַרף זיך אָראָפּלאָזן צו זייער געשמאַק, נאָכקומען זייערע פאָדערונגען, זייערע השגות און אַזוי ווייטער, יעדע באַוועגונג מוז ווערן אַ מאַסן־באַוועגונג, מען מוז כסדר

אַפּעלירן צו די מאַסן, שרייבן פאַר די מאַסן, ריידן צו די מאַסן, טראַכטן ווי די מאַסן, מיט איין וואָרט, עס איז געשאַפן געוואָרן אַ קאַריקאַטור פון אַ דיקטאַטור פון דער מאַסע". (א. ג. יידיש־ער וועלט באַנעם זז. 213—219).

אויף אַ צווייטן אָרט שרייבט דער זעלבער מחבר „אַנדערע האָבן זיך דערערדט, צו דעם אַבסורד, אַז די מאַסן זיינען די איינציקע שעפערישע ענערגיעס, אַז אַלץ ווערט געטאָן און אויפגעטאָן פון דער מאַסע, אַז אַלץ ווענדט זיך אָן די מאַסן, אין די גאַסן... מען האָט נאַטירלעך פאַרגעסן בשעת מעשה, אַז די מאַסן באַשטייען פון יחידים, פון איינצלנע פערזאָנען, פון ענערגישע טוער, וועלכע באַלעבן די מאַסן, באַוועגן די מאַסן, פירן זיי, לייטן זיי, די מאַסע בכלל איז אינערטיש, אומבאַהאָלפן, ווען די מאַסע רעגירט, רעגירן דעמאָלט אירע יחידים, יעדער אינדיוויד אַלס אַזעלכער".

„דאָס קאָמישע בנוגע דעם „מאַסן־קולט" איז דאָס, וואָס דווקא די וועלכע האָבן געפּלאַפּלט מער פון אַלעמען מכוח דער אַנטשיידנדיקער ראָלע, וואָס די מאַסע שפּילט אין דער געשיכטע, האָבן געשאַפן אַ קולט פון פירערשאַפט. איך מיין טאַקע די קאָמוניסטן. לענין אין ראַטן־פאַרבאַנד איז שיעור ניט אַ גאָט, צו זיין מאָוזאָלייאום פּילגרימירט מען פון דער גאָרער וועלט, און פון רוסלאַנד גופא אוודאי און אוודאי". (א. ג. סאָציאַלע פראַגע).

אָט דעם שטאַנדפּונקט האָבן די ברידער גאָרדין פאַרטראָטן אין רוס־לאַנד, און ווי דעמאָלט אין די שטורמישע טעג פון דער רעוואָלוציע דאָרט, אַזוי אויך שפּעטער אין דער פרייער אַמעריקע, און ווי איצט אין ישראל, גייט דער חבר א. ג. אָן, מיט זיין התלהבותדיקער מיסיע, מיט וועלכער ער איז באַהויכט פון זיין פריערסטער יוגנט, און דאָס איז, דער גרויסער באַגער צו זיין דער לערער, ריכטיקער דער פאַרזייער פון אַן אידעאַל, זיין אידעאַל, וואָס ער האָט פאַר זיך אויסגעשפּינט נאָך אין זיין קליין שטעטעלע אין דער ליטע, קנעלנדיק ביי אַ בלאַט גמרא.

ער האָט זיך אָפּגעזאָגט צו לערנען אויף רבנות, וואָס זיין פרומער טאַטע האָט דווקא געוואָלט ער זאָל עס טאָן און ווערן אַ רב, ווייל שוין דעמאָלט, נאָך זייענדיק א יונג־בחורל האָט ער שוין געפילט דעם טאָפּלטן ווידערגעפיל: צו זיין אַ „ראש־הקהל" אַ פירער פון דער מאַסע, און אַ שותף צו דעם אַלגעמיינעם געדאַנקן־גאַנג פון די מענטשן און זייער אומיושרדיקן סאָציאַלן איינשטעל. שוין דעמאָלט האָט ער דערפילט אַן אינערלעכן צאָרן צו דעם אומגערעכטן איינשטעל. ער איז געווען איבער־צייגט אַז דעם סיסטעם מוז מען איבערבייטן, ניט רעפאָרמירן, ווייל דאָס וועט נאָר בייטן די ראָלן פון די פאַרוואַלטערס, און וועט לאָזן ווייטער

דעם רשעות־יסוד פון דעם קלאָגעדיקן סיסטעם, און אַ שטימע פון נביאים זאָגט צו אים: דאָס מען דאַרף אין גאַנצן איבערבויען, איבערשמעלצן די גאַנצע געזעלשאַפט מיט איר מאָראַל, און מען מוז שאַפן אַ נייע געליי־טערטע, אַ פאַרנונפטיקע מענטשהייט.

אָבער דאָס צו דערגרייכן, מוז צוערשט קומען דער קאַטאַקליזם, וואָס ער זאָגט נביאיש פאָר אין דער „מגילה צו די יידן אין גלות".

„און אַ פונק וועט אַרויס פון יידישקייט, און וועט אָנצינדן די אַלטע רשעות־וועלט, די ימים שוויס וועלן אָקעאַנען פעך ווערן, די טייכן טרערן וועלן ימים שוועבל ווערן, און זיי וועלן ברענען און פלאַקערן, אַזש דער הימל מיט דער ערד וועלן אַש ווערן, און אַז עס וועט ניט בלייבן קיין זכר פון דער זינדיקער ערד, און פון די פאַלשע הימלען וועט געשאַפן ווערן אַ נייע ערד מיט נייע הימלען, אַן ערד אַ ריינע, ווי די נשמה פון אַ צדיק.

הימלען לויטער אמת, יושר און צדק. פינף זונען וועלן הענגען אין זיי: ארבעט — פרייהייט... און אַ לאַנגער גרויסער טאָג וועט דעמאָלט זיין אויף דער וועלט. אַ טאָג פון גוטס אָן שלעכטס... ס'גייט דער טאָג, ער קומט ער קומט". (א. ג. „30 יאָר אין ליטע און פוילן").

און ער אבא גאָרדין האָט דעם אָנקומנדיקן טאָג, אין זיין נביאישער וויזיע געזען אָנקומען, און האָט גענומען אויף זיך די הייליקע אויפגאַבע צו טראָגן די גרויסע בשורה צו דער אין זינד זינקנדיקער מענטשהייט.

ער קומט צו זיי, צו די מיט־מענטשן מיט זיין נייער „תורה". ער רופט צו אַלעם ערשטן, זיך אָפצוטרייסלען פון דעם אין זיי איינגעוואָרצלטן דאָגמאַטישן אַבערגלויבן, ער לייגט זיי פאָר זיין „אני מאמין" פון אַ פי־לאָזאָפישן „אינטעראינדיווידואַליזם" מיט אַן עקזאַלטאַציע פון אַן עגאָ־איזם, וואָס ער רופט אָן עגאָסאָפיע, וואָס עס מיינט די אמתע דערהייבונג פון דעם מענטשלעכן עגאָ, איך. די איכס וואָס בילדן די געזעלשאַפט אַלס אַ גאַנצע.

ווייל ווי קענט איר, זאָגט ער, שאַפן אַ פאַרנונפטיקן סאָציאַלן סדר, ווען איר אַליין זענט נאָך איינגעטונקען אין די אַטאַוויסטישע תאוות וואָס איר טראָגט מיט זיך בירושה פון דור דורות. איר זוכט אַ גאָט אָדער געטער, וואָס זאָלן פאַר אייך אַנטפלעקן, אויפקלערן דאָס גרויסע רעטעניש פון אייער איך, פון אייער לעבן. ניין, ניט אין די הימלען דאַרפט איר אים, אָדער זיי, די געטער זוכן, נאָר אין אייער אייגענעם בוזעם, אין אייער האַרץ, ווייל די גאָטהייט איז אַ טייל, דער גייסטיקער טייל פון אייער אייגענעם איך, דאָס איז דאָס געפיל פון ליבע און אַכטונג צו דעם מיט־מענטשן, וואָס איז דער אומצעשיידבאַרער טייל פון אייער אייגענעם איך.

אָבער ניט דאָס געפיל, וואָס איז דער פּראָדוקט פון דער מורא, אָדער פון רחמנות, נאָר דער באַגריף, וואָס איז דער פאַרנונפטיקער פועל־יוצא פון אַ קעגנזייטיקער פאַרשטענדעניש פון אַ קעגנזייטיקער נייטיקייט. ווייל די געמיינזאַמקייט איז דער אמתער יסוד פון אַ גערעכטער געזעלשאַפט.

אָבער די געמיינזאַמקייט, זאָגט ער ווייטער, דאַרף רעאָרגאַניזירט ווערן, די אַרכיע דאַרף ווערן אָפּגעשאַפט, עס דאַרף געשאַפן ווערן דער „אינטעראינדיווידואַליזם", דער בונד פון מענטשן, וואָס וועט אַריינגעמען די גאַנצע ציוויליזירטע מענטשהייט, און וועט זי פאַראייניקן אויפן יסוד פון „צווישן־מענטשלעכע באַציאונגען".

„דער כוח פון מענטשן ליגט אין אחדות, אָבער אחדות מיינט ניט צוזאַמענשמידן, אַ פּאַרטיע פון קאַטאָרזשניקעס געשמידט הענט און פיס בילדן ניט קיין אַסאָציאַציע, ווייל ביי דער ערשטער געלעגנהייט וועלן זיי זיך צעלויפן אין אַלע זייטן, ווייל נאָר קייטן, הענט־רינגען, פוס־רינגען האָבן זיי פאַרבונדן.

„דעם וווקס פון אינטעראינדיווידואַליטעט דאַרף מען דערמוטיקן, ניט אָפּגעשלאָסנקייט, דאָס צעקריכן איבער די נאָרעס, וועלכע הייסן פאָטערלענדער, אָדער מוטער־היימען, קליינע געמיינדעס, נאָר אַרויסגיין אויפן וועג פון אַן אַלוועלטלעכער פאַראייניקונג.

„אינטעראינדיווידואַליזם דאַרף גובר זיין אַלע פאָטערלענדישע נאַ־נאַציאָנאַלע איבערצוימונגען, די מחיצות וועלכע שטערן מענטשן און די אינדיווידן, זיך צו פאַראייניקן.

„אַזוי ווי די מלוכה האָט אָפּגערוימט, אָפּגעשוואָנקט אַלע קליינע פּאָליטישע גרענעצן, וועלכע האָבן אָפּגעטיילט איין באַזיץ פון דעם צווייטן, איין סענאָריע פון דער אַנדערער, אַזוי ווי די מלוכה האָט פאַרניכטעט די פעאָדאַלע וועלטלעך, אַזוי דאַרף דער אינטעראינדיווידואַליזם אָפּמעקן די גבולים און גרענעצן פון די מלוכות, וועלכע טיילן אָפּ מענטשן פון מענטשן, און שאַפן אַ מענטשהייט־אחדות".

„די שבטים־פאַראיינען האָבן אָפּגעוואָרפן די משפחה אייניקייט, דער שבט, שטאָם האָט אַריבערגעשפּרייזט איבערן טויטן קערפּער פון דער פאַמיליע, אַזוי ווי די נאַציע איז אַריבערגעוואַקסן דעם שטאַם־שבט, אַזוי וועט דער מענטשהייט־בונד־אינטעראינדיווידואַל וועלכער דערגייט, אין זיין פאַנאַנדערלייג, ביזן אַטאָם, ביזן לעצטן אומגעטיילטן גאַנצן, אויפ־הייבן זיין סינטעז, און אינטעגרירן ביז צו דער מענטשהייט, און איר באַזע — די וועלט".

„אין וווקס פון אינטעראינדיווידואַלקייט שעפּט דער יחיד זיין כוח, גבורה און מעכטיקייט, דער וווקס פון אינטעראינדיווידואַליזם אין ציבור־

לעבן איז ווי דער אויפהייב פון פראָדוקטיווע כוחות אין דער באַלעבאַטיש־קייט, אַלץ וואָס שטערט, וואָס פאַרהאַלט דאָס וואַקסן איז שעדלעך, טויג ניט, איז רעאַקציאָנער, דאַרף ווערן אָפּגעשאַפט".

„דער אינטעראינדיווידואַליזם אין פאַקטישער אויפפאַסונג, טרייבט אונטער דעם וווקס און בלי פון די צווישנפערזענלעכע כוחות, ער גייט באַגעגענען דעם אויסשפּרייט און אויסברייט פון ציבור־לעבן, ער פאַרוואַרפט די פאַראייניקונגען וועלכע זיינען, הן לויט זייער סטרוקטור, און הן לויט זייער היקף נידעריקער, וואָס איז שייך די פאָרמעס פון אָרגאַניזאַציע, פון דער עקזיסטירנדיקער מלוכה, דער אינטעראינדיווידואַל איז איבער דער מלוכה, אויף יענער זייט מלוכה, צו דער גרויסער ברייטער וועלט און מענטשהייט, פירט דער וועג פון אינטעראינדיווידואַליזם".

„דער אינטעראינדיווידואַליזם אָפּערירט מיט דעם פאַקטישן: ער באַ־דייט דאָס אַריבערוואַקסן די היינטיקע בורזשואַזע מלוכה, וועלכע באַזירט זיך אויפן נאַציאָנאַלן פּרינציפּ, אויך דאָרטן, ווו די מדינה בילדעט אַן אַזוי גערופענעם „נאַציאָנאַליטעטן־שטאַט" און דאָס אַריבערשטייגן די „סאָציאַ־ליסטישע קלאַסן־מלוכה", דעם אינטערנאַציאָנאַל.

„דער אינטעראינדיווידואַליזם וועט בילדן אַן אינטעראינדיווידואַל, אַן אַסאָציאַציע, איין עק פון וועלכער לענט זיך אַן אויפן איינלנעם מענטשן, אויף דער פּערזענלעכקייט, און דער צווייטער שטיצט זיך אויף דער מענטשהייט". (א. ג. זכרונות און חשבונות, זז. 451—452).

אַט די אידעאַליזאַציע פון דער אַבסטראַקטער געטלעכקייט און פון דעם אָרגאַנישן בן־אדם, דעם מענטשן, איז ווייט ניט פאַרשטאַנען געוואָרן פון די אַנאַרכיסטן, אין די שטורעמדיקע טעג אין רוסלאַנד, און ווערט נאָך היינט ניט ריכטיק פאַרשטאַנען פון אַ גרויסער מערהייט פון אַנאַרכיסטישע נאָכ־פאָלגערס אין דער וועלט פון דעם זייט פון אייזערנעם פאַרהאַנג, און עס איז ניט קיין חידוש, ווייל אין אַ וועלט וואָס איז געבויט אויף דאָגמעס און דאָגמאַטישקייט, ווו אַלץ און אַלץ קלאַפּט לויט אַ טראַדיציאָנעלער רוטין, מוז זיך יעדער נייער געדאַנק אָנשטויסן אויף אַ קעגנערשאַפט.

הגם קעגנערשאַפט איז ניט קיין חסרון, איז עס אָבער אויך ניט קיין מעלה, עס איז אַ לאַגישע רעאַקציע פון ניט איינשטימיקייט, אַ פּועל־יוצא פון אַ מיספאַרשטענדעניש.

עס איז אָן שום ספק, ווי שוין פריער דערמאָנט, דער רעזולטאַט פון דעם איינגעוואָרצלטן דאָגמאַטיזם, וואָס באַהערשט אינסטינקטיוו דאָס אָרט דענקען און די מעשים פון דעם מענטשן, הגם מען קעמפט כלומרשט קעגן דעם דאָגמאַטיזם, און מיט דעם זעלבן אימפעט, שאַפט מען זיך איין נייע דאָגמעס, מען פאַרוואַרפט די אַלטע געטער, און מען שטעלט זיך אויף נייע

געטער, מען קעמפט פאַר סאָציאַלער גלייכהייט, און מען שאַפט נייע קלאַסן נייע היעראַרכיעס פון פריווילעגירטע שיכטן, צו וועלכע מען בוקט זיך לויט דעם אַלטן שטייגער, לויט די איינגעוואָרצלטע געוווינהייטן.

די צייט שטייט אָבער נישט אויף איין אָרט. שוין איבער הונדערט יאָר, זייט דער פראַנצויזישער דענקער: פיער זשאָזעף פּרודהאָן, האָט אָנגעשריבן זיין סאָציאַל־פילאָסאָפיש ווערק „וואָס איז אייגנטום?" און עס איז שוין איבער 150 יאָר זינט דער ענגלישער פילאָסאָף, וויליאַם גאָדווין, האָט אַרויסגעגעבן זיין מאָנומענטאַל ווערק: „די פאָרשונגען פון דער פּאָליטישער גערעכטי־קייט". פון זייערע צייטגענאָסן זיינען די ווערק און זייערע מחברים ביטערלעך פאַרשריגן און פאַרוואָרפן געוואָרן.

הגם דאָס אַליין, פאַרשריגן צו ווערן, איז אַן און פאַר זיך שוין גאָר אַ גרויסער שכר פאַר דעם דענקער, דאָס באַווייזט, אַז ער, דער דענקער, האָט מיט זיין באַשאַף, מיט זיין ווערק, אָנגערירט די אָנגעווייטיקטע מכה, וואָס וועט פריער אָדער שפּעטער זיך מוזן עפענען און דעמאָלט וועט קומען דער סוף צו דעם אָטאָוויסטישן דאָגמאַטיזם, און יעדער געדאַנק, יעדער טעזע, וועט געפינען איר בכבודיקן אָרט אַרום דעם גרינעם טיש פון מיי־נונגס פאַרשידנהייטן, און דער אינטעראינדיווידואַליזם וועט זיכער פאַרנעמען דאָרט דעם אויבן־אָן.

שוין אין יאָר 1929 האָט דער פראַנצויזישער פרייהייטס־קעמפער, סעבאַסטיאַן פאָר, דער קעמפער פאַר דעם אַנאַרכיסטישן וועלט־באַנעם, פאַר־פאַסער פון דער אַנאַרכיסטישער ענציקלאָפּעדיע און מחבר פון אַ צאָל אַנאַרכיסטישע ווערק, פאַרפאַסט זיין באַוווסטן „סינטעז" פון 12 פונקטן, צווישן וועלכעס געפינט זיך דער זאַץ:

„די מאָראַלישע און אינטילעקטועלע רעוואָלוציע פון דעם יחיד, איז די הויפּט באַזע פון דעם אַלגעמיינעם מענטשלעכן פּראָגרעס, זי העלפט דעם פאָרשריט פון די אידייען, זי לייטערט די געפילן און מאַכט מעגלעך די קעגנזייטיקע פאַרשטענדעניש פון מענטש צו מענטש, און דאָס איז אויך וואָס מיר לערנען פון דעם עוואָלוציאָנערן פּראָצעס פון אונדזער קאָסמאָס.

„די אינערלעכע רעוואָלוציע פון דעם יחיד איז, די פּרעלודיע פון דער „סאָציאַלער רעוואָלוציע", ווייל ווי קען מען איבערבויען דעם געזעלשאַפט־לעכן איינשטעל, אויב די יחידים וואָס שטעלן זי, די געזעלשאַפט צונויף, האָבן זיך אַליין ניט געביטן?

„אויב דער יחיד ענדערט ניט זיינע איינגעוואָרצלטע אין זיך קאָנצעפּטן, זיין אָרט דענקען, טאָ ווי אַזוי קען ער פּרעטענדירן צו ענדערן די אַטאַ־וויסטישע באַגריפן און געוווינהייטן פון דער געזעלשאַפט?"

דאָס איז, אפשר מיט אַנדערע ווערטער, אָבער אין גרונט גענומען,

אין זיין תמצית, דער „סינטעז" פון דעם אינטעראינדיווידואַליסטישן געדאַנקען־גאַנג, וואָס איז געבוירן ביי פאַרשידענע דענקערס, אָבער פון דעם זעלבן אַנאַרכיסטישן לאַגער, און כמעט אין דער זעלבער צייט.

אויך פעטער קראָפּאָטקין, דער טעאָרעטיקער פון דער אַנאַרכאָ־קאָמוניסטישער שיטה, האָט אין אַנבליק פון דעם טרויעריקן אויסגאַנג פון דער רוסישער רעוואָלוציע, אין די לעצטע טעג פאַר זיין טויט אָנערקענט דעם גרויסן טעות וואָס מען האָט געמאַכט (זיך אַריינגערעכנענדיק אין דעם כלל) דערמיט, וואָס מען האָט אַ לאַנג פּראָפּאַגאַנדירט די „סאָציאַל־רעוואָלוציע" גלויבנדיק בשלמות, אַז זי, די רעוואָלוציע, וועט מיט זיך, דע פאַקטאָ פאַרווירקלעכן דעם אידעאַלן „אַנאַרכאָ־קאָמוניסטישן סדר", ווו די מענטשן וועלן זיך אָרגאַניזירן אויף דעם באַזיס פון אַ פאַרנינפטיקער קעגנזייטיקער פאַרשטענדעניש, ווו זיי וועלן בילדן דורך דער פרייער אינדיווידועלער איניציאַטיוו, אַ פרייע פעדעראַציע פון די פאַראינטערעסירטע, און איצט האָט ער אויסגערופן, בלייבט פאַר אונדז, הויפטזעכלעך פאַר די וואָס בלייבן לעבן, צו לערנען פון דעם טעות, מען מוז צוערשט צוגרייטן די נייטיקע יחידים". (פ. קראָפּאָטקינס זאַמלבוך, אַרויסגעגעבן פון דער גרופּע: דוד עדעלשטאַט אין ב. איירעס).

פ. קראָפּאָטקין זאָגט אויך אין זיין ווערק: „די מאָדערנע וויסנשאַפט און אַנאַרכיע": מיט דער אַנאַרכיע אַלס ציל און מיטל, איז דער קאָמוניזם מעגלעך, אָן דער אַנאַרכיע, איז ער ניט מער ווי די פאַרקערפּערונג פון קנעכטשאַפט און האָט קיין שום מעגלעכקייט צו עקזיסטירן".

דאָס מיינט מיט אַנדערע ווערטער, כדי די רעוואָלוציע זאָל זיין אין דער אמתן אַן עפעקטיווע, אַ סאָציאַלע, דאַרף זי אומבאַדינגט זיין אַן אַנאַרכיסטישע, דאָס הייסט אָן פירערס, אָן משגיחים און אָן געזאַלבטע לייטערס. דאָס פאָלק, יעדנפאַלס די בעוולטע מערהייט פון פאָלק, דאַרף זיין געוויסנהאַפטיק אין זיין ציל־פונקט.

און דאָס איז אייגנטלעך דער יסוד פון דעם אינטעראינדיווידואַליסטישן וועלט־באַנעם, די פאַראייניקונג פון די געוויסנהאַפטע יחידים אין אַ ציבור, אַ קאָלעקטיוו, פון פרייע פאַרנינפטיקע מענטשן.

וואָס שייך דעם אַרויסגאַנגס־פונקט, איז דאָס זיכער ניט קיין מאָטיוו פאַר אַ מחיצה. גראַף לעאָן טאָלסטוי, איז געקומען צו דעם אַנאַרכיזם דורך דער הייליקער וויזיע פון דעם קריסטנטום, ער האָט דורך די אויגן פון דעם אָרעמען שוסטער, וואָס האָט בשעתן קלאַפּן די שטיפטן אין די זוילן פון דעם שוך, דערזען דורך דעם פענסטערל פון זיין טונקעלעם קעלערשטיבל, די געשטאַלט פון קריסטוסן, דעם דערלייזער פון דער פאַרשקלאַפטער, און אין זינד איינגעטונקטער וועלט. (טאָלסטוי, דערציילונגען).

און אבא גאָרדין, האָט אין זיין נביאישער אינטויציע דערזען אין דער „יידישער עטישקייט" דעם פילאָזאָפישן „יהוה" וואָס עס מיינט פאַר אים, די זעלבסט דערקענונג פון דעם אייגענעם איך, פון דעם אומצעשיידבאַרן איך, ווייל איך און ער, דער מיט־מענטש, איז דער אייגענער איך. און אַז דער מענטש, וועט דאָס באַגרייפן, וועט ער דעם צווייטן קיין שלעכטס ניט טאָן, ווי ער אליין וויל זיך קיין שלעכטס ניט טאָן.

„און ווי ישעיה פאַרזיכערט, אַז ווען די וועלט וועט פול ווערן מיט אָט דעם יהוה־באַוווסטזיין, וועלן זיי קיין שלעכטס ניט טאָן, און ניט פאַר־דאַרבן, זיי וועלן באַגרייפן און שפירן, אַז ניט נאָר אַלע מענטשן, נאָר אויך אַלע וועזנס, אַלע לעבעדיקע באַשעפענישן זיינען איין איך, אַז די גאַנצע וועלט איז איין איך, איין יהוה. (א. ג. „אין געראַנגל פאַר פרייהייט" ז. 248).

סיי טאָלסטויס און סיי גאָרדינס וועלט־באַנעם, זיינען זיכער אַ טעמע פאַר פילאָזאָפישע חקירות, אָבער אין גרונט גענומען זיינען זיי ניט אין סתירה מיט די גרונט אידייען פון דער אַנאַרכיסטישער פילאָסאָפיע.

דער ענד־פונקט איז דער זעלבער, די אַנאַרכיע.

טאָלסטוי, און ווי פאַר אים דער פרינץ סידדהאַרטהאַ, (בודדהאַ), אַזוי אויך אבא גאָרדין האָט געשעפּט זיין גייסטיקע יניקה פון דער נביאישער אינטויציע.

דער פרינץ, גויטאַמאַ בודדהאַ האָט פאַרלאָזן זיין טאַטנס קייזערלעכן פּאַלאַץ, און זיין דינאַסטישע קרוין, און איז געגאַנגען צום פאָלק, פּרעדיקן דעם סוד פון לעבן, פון יושר און גלייכהייט צווישן מענטשן.

גראַף לעאָן טאָלסטוי האָט זיך אָפּגעטרייסלט פון זיינע פּריצישע פּרי־ווילעגיעס און מאַיאָנטקעס און איז געגאַנגען צום פאָלק, אָנזאָגן די בשורה, פון דעם קריסטנטום, ווי די דערלייזונג פון דער זינדיקער און פאַר־שקלאַפטער מענטשהייט.

אבא גאָרדין, האָט זיך אָפּגעזאָגט פון דעם יחוס צו זיין אַ זון פון אַ גרויסן רב, אַ גאון, און האָט זיך אָפּגעזאָגט, אויב ניט פון אַ מיליאָנערישער היים, איז פון דער באַקוועמלעכקייט וואָס באַלעבאַטישע עלטערן קענען פאַר־לייגן, און איז אויך געקומען צום פאָלק מיט זיין פילאָסאָפישן „יהוה", וואָס איז אין סינטעז, לויט זיין אויפפאַסונג, דער אייגנטימלעכער ואהבת לרעך כמוך פון זיינע פאָרלויפער.

ווייל „יהוה" איז די פאַרקערפערונג פון דעם איך און מיט־מענטש, וואָס בילדן דעם אומצושיידבאַרן איך, דעם גאַנצן איך.

דער אונטערשייד צווישן אים, א. ג. און זיינע פריער דערמאָנטע פאַר־לויפערס באַשטייט אין דעם, וואָס אבא גאָרדין גלויבט אַז צו ערשט דאַרף פאַרווירקלעכט ווערן די קללה פון גאָט, עס דאַרף צו ערשט קומען די פאַר־

ניכטוגג, אָרער ווי באַקונין האָט געזאָגט די צעשטערונג, די רעוואָלוציע, און דאַן די נייע וועלט, די נייע טוגנטהאַפטע וועלט, בעת די פּאַרלויפּערס, בודדהאַ און טאָלסטוי, האָבן געגלויבט אַז דאָס דאַרף און קען געשען אָן דער פאַרניכטונג, דער זינדיקער קען ווערן שוין היינט אַ בעל־תשובה.

אָבער די יידישע עטישקייט איז דאָך אויך געגעבן געוואָרן דורך שטראָשונקעס, דורך דונערן און בליצן, דורך שטראָף און באַשטראָף. און אבא גאָרדין איז דאָך אַ תלמיד פון דעם תלמוד, אין די אויגן פון זיין פרומען טאַטן איז ער אַן אפיקורס, ווי ער איז עס אויך אין די אויגן פון אַ גרויסער צאָל אַנאַרכיסטישע נאָכפאָלגער, דאָס שליסט אָבער ניט אויס דעם אמת פון זיין שיטה.

ווי שוין פריער געזאָגט, עס איז ניט וויכטיק דער אויסגאַנגס־פונקט, נאָר וויכטיק איז דער ענדפונקט, צו וועלכן מען צילט, כדי מען זאָל קענען שטרעבן צוזאַמען.

עטלעכע ביאגראפישע און ביבליאגראפישע דאטן

אבא, אָדער ווי מען האָט אים אין דער היים גערופן, אבקע, איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1887, אין דעם קליין פּוילישן שטעטעלע מיכאַלישעק, ביי זייער פרומע עלטערן, דער טאַטע אַ רב, יהודה לייב גאָרדין, אַ באַוווסטער גאון אין תורה, איז אין דעם זעלבן יאָר געוואָרן דער רב פון דעם שטעטעלע, און ניט ווייט פון דאָרט האָט זיך געפונען דאָס דערפל בישטאַנישעק, דאָרט האָט געוווינט דער זיידע פון דער מאַמעס צד, רב סענדער, אַ באַלעבאַטישער ייד, ער האָט געשמט, פאַר אַ ייד אַן עושר, ער האָט געהאַט אַן אייגענעם הויף.

אַט צווישן די צוויי געאָגראַפישע ספערעס און אונטער דעם דאַך פון טאַטע־מאַמע און זיידענס הויז האָט זיך אויסגעהאָדעוועט און אויסגעוואַקסן אבא גאָרדין וועמען אונדזער אָפּהאַנדלונג איז געשאָנקען.

פון געבוירן־טאָג אַ לא עליכבדיק קינד, ווען ער איז אונטערגעוואַקסן, ראוי צו גיין אין חדר, לויט די השגות פון יענער צייט, האָט די מאַמע מורא געהאַט אים צו שיקן אין חדר אַריין, ער איז געווען צו שוואַך, האָט מען געוואַרט ביז ער איז געוואָרן זיבן יאָר אַלט. ווען ער איז געוואָרן אַ יאָר צען איז ער געגאַנגען אין דער ישיבה, אין אַסטראָוו־מאַזאָוויעצק. אַך און ווי איז געווען צו דעם אָרעמען קליין־שטעטלדיקן משגיח, ער האָט אים מיט זיינע קשיות פאַרפינצטערט דאָס פנים אין דער קעגנוואָרט פון די אַנדערע ישיבה־בחורים, וועמען ער האָט כסדר געבונטעוועט קעגן אויפזעער, ניט קעגן רביין, פון וועמען ער האָט געהאַלטן.

פון דער נאַטור אַ בן־חורין, מיט אַן אומבאַגרענעצטן ווילן צו וויסן, צו לערנען, איז ער אַ מוסטער פון אַן אויטאָדידאַקט.

די מאַמע האָט אים געלערנט שטעלן די ערשטע פוס־טריט, דער דרדקי־מלמד האָט געלערנט דאָס עלעמענטאַרסטע, דאָס קליינע שטעטעלע אָדער די שטעטעלעך, יאַגוסטאָוו, אָסטראָוו, מיכאַלישעק, זיינען געווען די וועלט פּאַנאָראַמע, אין זיין טאַטנס הויז פול מיט תורה און השכלה האָט זיך אויסקריסטאַליזירט דער טרוימער, מיט זיין טרוים פון אַ נייער וועלט.

ער ווערט אַ קעגנער פון דעם קיסר, צו ניין יאָר. אַ קעגנער פון גאָט צו פערצן, אַ קעגנער פון היראַט, צו פופצן — צום סוף ווערט ער אַן אַנאַרכיסט, ער באַטייליקט זיך אין דעמאָנסטראַציעס קעגן דער רעגירונג, ער אינסטיגירט דעם עולם אַנצופאַלן אויף דער שטאָט־תפיסה אין ווילקאָמיר, און ער באַפרייט די פּאָליטישע אַרעסטירטע. ער ווערט שפּעטער אַרעסטירט, באַפרייט צוליב זיין מינדעריאָריקייט. ער צוזאַמען מיטן עלטערן ברודער וואָלפקע, וואָס איז מיט 3 יאָר עלטער פאַר אים, אָרגאַניזירן מיטינגען, און אבקע טרעט אַרויס ווי דער אָראַטאָר. די ברידער גרינדן אין 1908 אין סמארגאָן, וואָס איז ניט ווייט פון זייער געבורט־שטעטעלע, אַ פריייע שולע, שאַפן אַן אייגענע לערן־מעטאָדע, מאַכן פּעדאַגאָגישע אויפטועריש עקספּערימענטן. זיי שליסן די שולע אין אָנהויב פון 1914.

ווען עס ברעכט אויס די רוסישע רעוואָלוציע, קומען די ברידער אין די קרוין־שטעט פּעטערבורג און מאָסקווע. אָבער ביז דעמאָלט, איז ער, אונדזער אָבקע, ניט אַרויס פון די ד׳ אמות פון די קליינע פּוילישע און ליטווישע שטעטעלעך, און האָט ניט באַלאַנגט צו קיין שום פּאַרטיי אָדער גרופּע.

קיין סמיכות אויף רבנות האָט ער ניט, קיין אַטעסטאַט פון אַן אוני־ווערסיטעט האָט ער ניט, אָבער זיינע ווערק זאָגן עדות, אַז מען קען זיין אַ דענקער, און אַ מחבר פון פילאָזאָפישע ווערק, ניט האָבנדיק קיין סמיכות, און ניט האָבנדיק קיין אַקאַדעמישע דיפּלאָמען.

ביבליאגראפיע:

פּאַרוואָס? (רוסיש) — 1917, מאָסקווע.

אַנאַרכיע פון גייסט (רוסיש) (פּאָעמעס) — 1919, מאָסקווע.

אַנאַרכיע אין פאַרשטעלונג (רוסיש, אַן אוטאָפּיע) — מאָסקווע 1919.

פרייהייט (רוסיש) — 1920, מאָסקווע.

אַנאַרכיזם־אוניווערסאַליזם (רוסיש, פּרינציפּן־דערקלערונג) — 1920 מאָסקווע.

אינטער־אינדיווידואַליזם (צוויי בענד, רוסיש) 1922, מאָסקווע.

עגאטיק (**רוסיש,לידער**) — 1922, **מאָסקווע.**
פּרינציפּן און צוועקן־דערקלערונג פון דער ייד. טעריטאָריאַליסטישער געזעלשאַפט — **ניו־יאָרק**, 1936.
יידישע עטיק — **ניו־יאָרק**, 1937.
גרונט־פּרינציפּן פון יידישקייט — **ניו־יאָרק** 1938.
די פרוי און די ביבל — **ניו־יאָרק**, 1939.
יידישער וועלט־באַנעם — **ניו־יאָרק** 1939.
מאָראַל אין יידישן לעבן — **ניו־יאָרק**, 1940.
די סאָציאַלע פראַגע — **מעקסיקע**, 1940.
קאָמוניזם דעמאָסקירט (**ענגליש**) — **ניו־יאָרק**, 1940.
סאָציאַלע אַבערגלויבעריי און קריטיציזם — **ניו־יאָרק**, 1941.
די יסודות פון דער געזעלשאַפט — **ניו־יאָרק**, 1941.
אונדזער באַנעם — **ניו־יאָרק**, 1946.
דענקער און דיכטער — 1949.
עסייען — 1950.
יידיש לעבן אין אַמעריקע, — **בוענאָס־איירעס**, 1954.
זכרונות און חשבונות — **בוענאָס־איירעס**, 1955, 2 **בענד.**
אין געראַנגל פאַר פרייהייט — 1956.
דרייסיק יאָר לעבן — (**אויטאָביאָגראַפיע**), 1957.
ש. יאַנאָווסקי (**ביאָגראַפיע**), — **מעקסיקע**, 1957.
בעיות החברה, — 1958.
שלמה המלך (**היסטאָרישער ראָמאַן**) — 1960.
רש״י, **הוצאת מסדה**, — **תל־אביב**, 1960.
מהר״ל מפראג, — **הוצאת מסדה**, **תל־אביב**, 1960.
האר״י הקדוש, — **הוצאת מסדה**, **תל־אביב** 1960.
משה, מיין לעבן און לערע, — **תל־אביב** 1962.

רעדאקטירט פון אבא גארדין

„אַנאַרכיע״ — **טעגלעכע צייטונג**, **רוסיש**, **מאָסקווע.**
וועגן אינטעראינדיווידואַליזם (**רוסיש**) v—ו —**מאָסקווע**, 1921.
„קלאַריאָן״, **מאָנאַטשריפט** (**ענגליש**) — **ניו־יאָרק**, 34—1932.
„יידישע שריפטן״, **פערטליאָריקע שריפט** — **ניו־יאָרק**, 46—1941.
„פּראָבלעמס״ (**ענגליש**) **פערטליאָריקע שריפט** — **ניו־יאָרק**, 50—1948.
פרובלימות—פּראָבלעמען, **רמת־גן**, 1960. **אַ צייטשריפט אין עברית און יידיש.**

צוזאמען מיטן ברודער וו. גארדין

סיסטעם פון מאַטעריעלער און הֶעלאַטיווער נאַטורמעסיקייט (**רוסיש**) — **ווילנע, 1909.**

אימיטאַטיוו־ראַציאָנאַלער מעטאָד (**רוסיש**) — **ווילנע, 1909.**

מכתב גלוי אל מקורי החנוך הלאומי — **ווילנע 1909.**

גן־תיאטרוני (**ספר התלמיד והמורה**) — **ווילנע, 1909.**

אַ מגילה צו די יידן אין גלות — **ווילנע 1909.**

מסדרת הילדים — **וואַרשע, 1910.**

ספרות הילדות, חמשה קובצים — **1910—14.**

אלפון משחק — **וואַרשע, הוצאת „ספרות", 1912.**

אונדזערע חבורים — **ווילנע, 1912.**

די פאַנעטישע אויסלייגעכץ — **ווילנע, 1913.**

דער יונג־מענטש אָדער דער פינף־בונד (**אַ דראַמאַטישער שיר אין 5 אַקטן**), **ווילנע, 1913.**

די טריומפעדיע — **ווילנע, 1914.**

יונג־פעדאַגאָגיק (**רוסיש**) — **מאָסקווע, 1918.**

רעדעס פון אַן אַנאַרכיסט (**רוסיש**) — **מאָסקווע, 1919.**



פ. גדליה

פון אמאָל

אין דעם לויף פון אַלע מײַנע אָפּגעלעבטע, ריכטיקער, אָפּגעטומלטע יאָרן, ווו, און אונטער וועלכע אומשטענדן, איך זאָל זיך ניט האָבן געפונען, און וואָס פאַראַ עפּיזאָדן איך זאָל ניט האָבן דורכגעמאַכט, און אין וואָס פאַראַ געשעענישן איך זאָל זיך ניט האָבן באַטייליקט אין משך פון מײַן וואָגלען איבער גאָטס גרויסער וועלט, איז מיר קיינמאָל אויף דעם זינען ניט גע־קומען אַזאַ געדאַנק, ווי צו פירן אַ טאָג־בוך.

דאַטעס, שטעט, פּערזאָנען, עפּיזאָדן זײַנען דורכגעלאָפן, ווי אימאַזשן אויף דעם לייוונט פון סינאָ־מאַטאָגראַף, און אין דעם ליכט פון די יאָרן שײַנט דאָס שוין, ווי די פאַנטאַסטישע מעשות פון „טויזנט און איין נאַכט...“ דאַרף איך איצט, שוין באַלד, באַלד ביי דעם ראַנד פון דער דעמאַרקאַציע־ליניע פון דעם לאַנג־דאָרנדיקן וועג, ווען איך האַלט שוין ביי דעם עפּילאָג

פון דעם גאַנצן טומל, ווען דער פּרוכת פון דער פּאַטאַלער אייביקייט האַלט זיך שוין ביים אַרונטערלאָזן, דאַרף איך איצט זיך אומקערן צו דעם פּראַ־לאָג, און אָנהייבן מישן אויף צוריק די אָפּגעלעבטע, די שוין ווייט פאַר־וועלקטע בלעטלעך, אָדער אָנהויבן אויף דאָס ניי צו גריבלען זיך אין די טיפענישן פון דער זכרונות־שאַכטע, און אפשר וועל איך פון אונטער דעם גרויסן כסדר וואַקסנדיקן באַרג פון די טאָג־טעגלעכע איינדרוקן און איבער־לעבונגען אַרויסגראָבן עטלעכע שפּורן פון דעם ווייט־פאַרלאָפענעם אַמאָל, פון דאָס יוגנטלעכע, וואָס אין דעם לעצטן סך־הכל וועט דאָס, אין תוך, גאָר זיין ענלעך צו דאָס פאַרלאָפענע אין מיין דור און עפּאָכע, פון און וועגן וואָס עס איז שוין אַזויפיל געשריבן און באַשריבן געוואָרן אין די געשיכטלעכע אַנאַלן פון דער פרייהייט באַוועגונג. וואָס איך זאָל איצט ניט דערציילן פון אַמאָל, פון יענער מערקווירדיקער עפּאָכע, פון יענעם פרילינג, סיי פון אונדזער אייגענעם, און סיי פון דער פרייהייט באַווע־גונג אין דער אַלטער היים אין וועמענס שויס אונדזער דור איז אויסגעוואַרעמט געוואָרן, וועט עס נאָר זיין אַ דובליקאַט, אַן איבערחזרונג פון דאָס שוין דערציילטע און באַשריבענע פון אַנדערע פּערזאָנען, וואָס האָבן באַלאַנגט אָדער באַלאַנגען צו דעם זעלבן דור, צו דער זעלבער עפּאָכע, און וואָס זיינען ווי איך בדרך נס ניצול געוואָרן און געבליבן לעבן און וואַגלען נאָך אויף גאָטס זינדיקער ערד.

מיר אַלע געהערן צו אַן עפּאָכע, וואָס האָט באַגייסטערט יונגע מיידלעך און בחורימלעך צו פאַרלאָזן שולן, בתי־מדרשים, אָרעמע און רייכע היימען, כדי זיך צו ווידמען אַן אידעאַל, פאַר וועלכן מען האָט באַדאַרפט קעמפן און גרייט זיין צו שטאַרבן.

מען האָט געליטן הונגער, קעלט, און פּאָליציייאישע פאַרפאָלגונגען, ווו מען האָט געטאָגט האָט מען ניט גענעכטיקט, מען האָט אַריינגעכאַפּט קלעפּ פון פּאָליציי און קאָזאַקן, געזעסן אין די תפיסות, געגאַנגען פאַרשיקטע אין די ווייטע מקומות פון דעם קאַלטן סיביר, תמיד זינגענדיק מיט התלהבות דאָס גוט אייגעחזרטע ליד:

„אויב אונדז וועט באַשערט זיין אומצוקומען אין די פייכטע קאַרצערס, אָדער אין די טיפע מינען־גרובן וועלן די קומענדיקע דורות פאַרזעצן אונדזער קאַמף“ אָט־דאָס ליד איז געווען אונדזער הימן, אונדזער תפילה, וואָס האָט געשפּייזט אונדזערע כוחות און אונדזער מוט.

אין די תפיסות זיינען מיר פיזיש אויסגעוואַקסן, און גייסטיק אויס־געפורעמט געוואָרן. די קאַרצערס זיינען געוואָרן אונדזער שול און די קוזניע ווו עס איז אויסגעשמידט געוואָרן אונדזער טעמפּעראַמענט און כאַראַקטער, און ווו עס איז פאַרחתמעט געוואָרן אונדזער ווייטערדיקער גורל, צו זיין

די פאַרזעצער פון דעם אָנגעהויבענעם פרייהייט־קאַמף, קעמפער פאַר אַן אידעאַל, וואָס האָט געגעבן חשיבות און אינהאַלט אונדזער יוגנט און סובלימירט אונדזער עלטער.

דער בראשית פון מיין גורלהאפטער יוגנט

איך בין געבוירן געוואָרן דעם 15טן פעברואַר אין יאָר 1889 אין וואַרשע, פוילן, ביי מתנגדישע עלטערן, פון אַ דעקלאַסירטן שטאַנד, דאָס הייסט, געוועזענע נגידים, אָדער ווי מען רופט ביי יידן דעם סאָרט מענטשן, פאַרבאַרגענע קבצנים. אונדזער פאַמיליע, איז באַשטאַנען פון ניין נפשות, דער פאָטער, די מוטער, 5 בנים און צוויי טעכטער.

הגם אין הויז האָט חלילה ניט געפעלט דאָס נויטיקסטע, דאָס הייסט מען האָט ניט געהונגערט, מען איז געגאַנגען באַקליידט בעל־ביתיש, די קבצנעשאַפט האָט ניט געריסן די אויגן פון די שכנים. דאָס איז זיכער געווען צו פאַרדאַנקען אונדזער מוטער, וואָס איז געווען אַ בריהטע אויף דעם געביט. זי האָט געפירט די הויזווירטשאַפט זייער עקאָנאָמיש, אָבער ניט קמצניש, שבתים און יום־טובים האָט מען געפראַוועט, געבעקס און איינגעמאַכטס איז תמיד געווען אין שטוב. די מאַמע האָט אַליין געבאַקן, אַליין איינגעשטעלט די גרויסע גאַנשערס (סלאָיעס) מיט יאַגדעס, קאַרשן און ווייַנטרויבן, אַליין איינגעשטעלט די פעסעלעך מיט אוגערקעס, זויער קרויט, און וואָס ניט? די קינדער, האָט זי תמיד געזאָגט, זאָלן ניט זיין זשאַדנע, זיי זאָלן ניט מקנא זיין די אַנדערע קינדער. דאָס איז געווען איר גרעסטע זאָרג.

אונדזער מוטער איז געווען פון סוואַלק, געשטאַמט פון אַ זייער יחסנותשער משפחה, זיי האָבן געשמט מיט זייער פרומקייט. עס איז אַ סברה, דאָס מיין באָמען זאָל זיין נאָך דער מוטערס אַ פעטער, דער סוואַלקער גאון, גדליה לאַזאַרסקי. אָבער זייער יונג איז זי געבליבן אַ קיילעכדיקע יתומה, און האָט זיך דערצויגן ביי אירס אַ מומע, עס קאָן גאַנץ מעגלעך זיין אַז אַט־דעם אומשטאַנד האָט זי צו פאַרדאַנקען, וואָס זי איז געווען אַזאַ גלענצנדיקע קעכן און בעקערן, און דאָס איז מסתמא אויך די סיבה פאַרוואָס זי האָט חתונה געהאַט פאַר אַ בחור וואָס איז עלטער געווען פון איר מיט אַ קאַרגע 15 יאָר, הגם זי איז געווען אַ וווּנדערבאַרע שיינהייט און ניט קיין אַנאַלפאַבעטן, אָבער זי האָט זיך קיינמאָל ניט באַקלאָגט אויף איר גורל.

אונדזער פאָטער איז געווען אַ ליטוואַק, אַ קאָוונער, אָדער פון קאָוונער גובערניע, איך בין ניט זיכער. אין אַלגעמיין ווייס איך זייער ווינציק וועגן מיינע עלטערן, ווייל איך האָב זייער פרי פאַרלאָזן די היים, און וואָס איך

ווייס יאָ, וועגן זייער לעבן, האָב איך צו פאַרדאַנקען מיינע עלטערע ברידער און שוועסטער, וואָס האָבן מיר אין די שפּעטערע יאָרן דערציילט. פון זייערע דערציילונגען ווייס איך, אַז מיין פאָטער האָט געשטאַמט פון אַ זייער רייכער פאַמיליע, די פּופּקאָס, געוועזענע פּאַדריאַטשיקעס, זיי האָבן צוגע־שטעלט האָלץ, קוילן און אייזן־וואַרג צו די רעגירונגס־אַנשטאַלטן און פעסטונגען. אָבער ווען די עלטערן זיינען געקומען קיין וואַרשע זיך צו באַזעצן, און דאָ זיינען די מערהייט פון זייערע קינדער געבוירן געוואָרן, זיינען זיי שוין געווען לאַ־עליכם, פון די געוועזענע נגידים, זיי האָבן זיך געהאַלטן מיט ווירדע אָבער אָן גאווה. זיי האָבן מיט דאָס געוועזענע ניט שטאָלצירט, דער טאַטע פלעגט תמיד זאָגן: יחסנות איז גילטיק אויף יענער וועלט, אויף דער וועלט קען מען דערמיט קיין לעבל ברויט ניט קויפן.

די עלטערן זיינען געווען רעליגיעזע מענטשן, אָבער ניט קיין פאַנאַ־טישע, פאַר קיין רבנים האָבן זיי זייערע בנים ניט געוואָלט מאַכן, אָבער זיי האָבן זייער געוואָלט דאָס זייערע קינדער זאָלן לערנען. אַ ייד דאַרף קענען זיין יידישקייט, אפילו ווען ניט געברויכן, פלעגט דער טאַטע אָפט זאָגן. דער טאַטע אַליין איז געווען זייער באַהאַוונט אין די שוואַרצע פּינטע־לעך. ער האָט באַהערשט די דייטשישע שפּראַך; געקאָנט פּויליש און רוסיש, ער איז אויך געווען אַ תלמודיסט. נאָר בלויז אין די ימים־נוראים פלעגט ער גערן דאַווענען פאַר דעם עמוד, אין שול פלעגט ער גיין נאָר שבת און יום־טוב. אַ גאַנצע וואָך פלעגט ער דאַווענען אין שטוב.

יעדן שבת, נאָך דעם נאָכמיטאָג דרימל, פלעגט ער די ייִנגלעך פאַרהערן, אָבער דאָס נאָר ביז בר־מצוה. נאָך דער בר־מצוה האָט ער אונדז געלאָזט אויף גאָטס געגנאָד. ער האָט דאָס געטאָן, ווייל ער האָט באמת געגלויבט אַז דער רבונו של עולם וועט זיך מיט אונדז בעסער אַן עצה געבן. ער פלעגט אונדז זאָגן, איך האָב אייך געפירט אין דעם ריכטיקן וועג, איך האָב מיט אייך געלערנט, ווי לאַנג איר זייט געווען אין מיין רשות, איז דאָס געווען מיין חוב, און פון היינט אָן און וויטער, דאָס הייסט נאָך דער בר־מצוה גייט איר אַריבער אין דעם רשות פון דעם רבונו של עולם. דערפאַר, האָט ער געזאָגט, האָב איך געמאַכט די ברכה: „ברוך־שפּטרני" זיך צו באַפרייען פון מיין פאַראַנטוואָרטלעכקייט. און גאָט דאַרף ניט קיין ארויסהעלפער, ער קען זיך זיין שטעטל אליין באשטיין.

דער טאַטע איז אין דער היגזיכט געווען זייער אויסגעהאַלטן, ער האָט זיינע דערוואַקסענע זין מער ניט געצוווּנגען גיין מיט אים שבת אָדער יום־טוב אין שול, הגם אין הויז זיינען די שבתים און יום־טובים פרום אָפּגעהיטן געוואָרן, און די קינדער, גרויס און קליין, זיינען געווען זייער פאַרזיכטיק ניט צו טאָן עפּעס, וואָס עס זאָל די עלטערן ערגערן. עס האָט געהערשט

צווישן די עלטערן און די קינדער אַ גיט געשריבענער אָפּמאַך פון קעגנ־זייטיקע טאָלעראַנץ און רעספּעקט.

אין די דעבאַטן פון די עלטערע זין, האָט זיך דער טאַטע קיינמאָל נישט אריינגעמישט, ער האָט זיי געלאָזט גיין זייערע וועגן, און זיי זיינען טאַקע געגאַנגען יעדער זיין אייגענעם וועג.

דער עלטסטער זון, משה חיים, אַ האַלץ שניצער פון פאַך, איז געווען אַ הייסער פּ.פּ.ס.ניק (פּוילישע סאָציאַליסטיש פּאַרטיי) ער האָט עמיגרירט נאָך אין די 90קער יאָרן נאָך פּאַריז. דער צווייטער ברודער נאָך אים, ער איז עלטער געווען פון מיר מיט אַ קאַרגע 7 יאָר, פון פאַך אויך אַ האָלץ־שניצער, איז געווען א בונדיסט, מען האָט אים גערופען ישראָלקע דער שניצער. דער דריטער ברודער וואָס איז געווען עלטער פון מיר מיט קאַרגע 3 יאָר איז געווען אַ פּרומער ציוניסט, דער „עוד לא אבדה תקותנו" איז קיינמאָל ניט אַרויס פון זיין מויל, טאַטע־מאַמע האָבן טאַקע געקוואָלן פון אים מער ווי פון די אַנדערע בנים. ער פלעגט נאָך אַמאָל דאַווענען בקול רם, און דער מאַמען איז צעגאַנגען דאָס האַרץ פון נחת, די עלטערן זיינען געווען זיכער, אַז זייער זון, דער ציוניסט, וועט ברענגען די גאולה פאַר דעם יידישן פאָלק. הגם דער טאַטע איז ניט געווען קיין אויסגעשפּראָכענער ציו־ניסט, איז ער, אָבער, געווען זייער סימפּאַטיש געניגט צו דער באַוועגונג, און האָט געדאַוונט אין שול פון די חובבי־ציון. און די פּושקע פון דעם קרן־קימת האָט די מאַמע אָפּגעהיט מיט גרויס פּיעטעט, פון אַלץ מעג מען שפּאָרן, אָבער ניט פון אונדזער הייליקער ערד.

טאַטע, מאַמע און קינדער, יעדער האָט געהאַט זיין גלויבן, זיין אמונה, יעדער איינער איז געגאַנגען זיין וועג, אָבער אין הויז האָט געהערשט אַ שלום־בית. בדרך כלל, איז דאָס פאַמיליע־לעבן געפלאָסן בשלום און בשלוה, די מיינונג פאַרשיידנהייטן צווישן די עלטערן און די קינדער, ווי דער אָרעמער מצב, האָבן ניט אָפּגעשוואַכט די צוגעבונדקייט פון די קינדער צו די עלטערן און ניט די צוגעבונדקייט צווישן די קינדער אליין.

דאָס איז זיכער צו פאַרדאַנקען, קודם כל, דער ליבער מוטער, וואָס האָט געוווסט צו פירן די באַלעבאַטשקייט אין הויז, זי פלעגט תמיד זאָגן, עס איז פאַראַן נאָך גרעסערע קבצנים פאַר אונדז, מיר דאַרפן דאַנקען גאָט דערפאַר; און, שנית, דעם טאַטן וואָס האָט אונדז פון קינדוויז אָן געלערנט דרך־ארץ האָבן פאַר אַנדערש דענקנדיקע און פאַר אַנדערש גלויבנדיקע, געבנדיק אליין דעם ביישפּיל. אמת ביז דרייצן יאָר האָט ער אונדז געהאַלטן אין שפּאַן, אָבער ווייטער איז גאָט דער בעל־הבית, ער האָט אפילו ניט געהאַלטן פאַר אַ זינד אַראָפּצונעמען דעם קאַפּעליוש פאַר אַ גוישער לוויה

אויס רעספּעקט צו די מענטשן. און אַ קריסט איז אויך אַ מענטש, האָט ער אונדז געלערנט.

ווען מיין עלטערער ברודער דער בונדאָוועץ איז אין יאָר 1901 אַרעסטירט געוואָרן צוזאַמען מיט אַ גרויסער צאָל חברות און חברים, ביי אַ לוויה פון אַ פּוילישן סאָציאַל־דעמאָקראַט, האָבן דאָס די עלטערן זייער שטאַרק געפילט, דאָס האָט אויף זיי, הויפּטזעכלעך אויף דעם טאַטן, זייער ביטערלעך געווירקט. אָבער ער האָט זיך ניט פאַרלוירן, דעם קומענדיקן שבת נאָך דעם אַרעסט, האָט מען באַדאַרפט טראָגן וועש און עסן דעם אַרעסטאַנט, האָט ער מיך מיטגענומען, איך זאָל טראָגן דעם קאָשיק. די אַלע אַרעסטירטע מענער און פרויען, אפשר א הונדערט אין צאָל, האָט מען געהאַלטן אין אָפּענע קאַזעמאַטן פון דער וואַרשעווער ציטאַדעל (פעסטונג.) (דער מאַסן אַרעסט איז באַשריבן אין דער געשיכטע פון דעם „בונד" אין קאַפּיטל „דער יאַקוטסקער אויפשטאַנד") מען האָט זיי דאָ אין דער פעסטונג געהאַלטן אַ לאַנגע צייט, שפּעטער צו ביסלעכווייז איבערגעשיקט אין פּאַוויאַק (אַ שטאָט תּפיסה), וווּ מען האָט זיי געהאַלטן ביז דעם משפּט. אַלע זיינען פאַרשיקט געוואָרן אויף 4 יאָר נאָך סיביר, אין דער יאַקוטסקער געגנט, ווו זיי האָבן שפּעטער דערקלערט אַ סטרייק קעגן דער דאָרטיקער פאַרוואַלטונג, זיך פאַרבאַראַקאַדירט אין אַ הויז. דאָס האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ פּאָר פאַרווונדעטע, אָבער דאָס איז אַ קאַפּיטל פאַר זיך. איבער דער צייט פון זייער אויפהאַלט אין וואַרשע, סיי פריער אין דעם ציטאַדעל און שפּעטער אין פּאַוויאַק, פלעג איך צוויי מאָל א וואָך טראָגן צו מיין ברודער עפּעס עסן און וועש, און פלעג אויך באַקומען אַ דערלויבעניש אים צו באַזוכן. איך פלעג שוין ממילא דאָרט זיין אַן אָפטער גאַסט. אפילו אין די טעג וואָס מען האָט צו זיי ניט צוגעלאָזן, האָב איך זיך אַרומגעדרייט אין דרויסן. קוקנדיק ווי זיי שפּאַצירן, פון צייט צו צייט אויך אויפכאַפּן אַ פּאָר ווערטער, אָדער אַ צעטעלע אין אַ ראָזאָוואַנע שטיקל ברויט, געמאַכט ווי אַ קייקל. אין דער פעסטונג זיינען זיי געווען פריי צו שפּאַצירן, די קאַזעמאַטן זיינען ניט געווען קיין אָפּגעשלאָסענע, זיי האָבן אייגנטלעך אויסגעזען ווי פערד שטאַלן, אויסגעבעט מיט שטרוי, טאַקע ווי פאַר פערד. דאָס איז געווען זייער געלעגער, די וואָס האָבן ניט געהאַט אימעצן אויף דער פריי, וואָס זאָל זיי באַזאָרגן מיט עסן און בעט־געצייג, זיינען טאַקע געווען אויף גרויסע צרות, אמת, זיי פלעגן זיך טיילן מיט דעם עסן, און ביינאַכט זיך טוליען איינער צום צווייטן כדי ניט צו פילן צו שטאַרק די קילע נעכט, אָבער די לייז האָבן זיך דאָרט געפּלאָדזשעט, אַז עס איז געווען אַ שרעק.

צווישן זיי זיינען אויך געווען אַ צאָל אינטעלעגענטן־סטודענטן, זיינען

די קאַזעמאַטן אין די נעכט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אוניווערסיטעטן, אין די שלאָפלאָזע נעכט האָט מען געהאַלטן לעקציעס, מען האָט היציק דעבאַטירט — וועגן דער צוקונפט געזעלשאַפט.

ביי די אָפטע באַזוכן מיינע האָב איך זיך באַקאַנט מיט אַנדערע ברידער־לעך פון די אַרעסטירטע, און צווישן זיי איז געווען אַ בחורל פון מיין עלטער, און אפשר מיט אַ יאָר עלטער פון מיר, מיר זיינען געוואָרן זייער באַפריינדעט, ער האָט אַ סך זאַכן געוווסט, וואָס פאַר מיר האָט עס געשיינט אויסערגעוויינלעך און צויבערנדיק, ער האָט מיט מיר געקנעלט וועגן דער טעטיקייט פון אונדזערע ברידער, וואָס מ׳האָט זיי אַרעסטירט. ער האָט געשריבן פּאָעזיע, ער האָט מיט מיר איינגעחזרט דאָס געדיכט פון דוד עדעלשטאַט, „די מוזע״ וואָס האָט זייער שטאַרק אָפּעלירט צו מיר. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, דאָס ער איז געווען, דער ברודער פון דעם שפּעטער באַוווסט געוואָרענעם דיכטער, ב. לאַפּין. איבער דער צייט בין איך געוואָרן אַ בר־מצוה, דאָס הייסט איך בין שוין געוואָרן אַ זעלבסט־שטענדיקער מענטש, הגם פאַר מיינע פריינט בין איך שוין לאַנג געווען אַ דערוואַקסענער בחור, מיין וווקס און אויסזען האָט מיר זייער גוט צוגעשפּילט. מיין פריינט האָט מיך באַקאַנט מיט אַנדערע פריינט, און איך האָב אָנגעהויבן גיין אויף דער נאַוואַליפּקע גאַס, ווו עס איז געווען די בירזשע פון דער יידישער סעקציע פון די פּ.פּ.ס. (פּוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי) ווו איך בין שוין פאַרבליבן. דאָרט האָב איך געפונען אַ חברישן קרייז, און אויך אַ רוזשקעלע... איך, ריכטיקער מיר, האָבן זיך אין דער טיפקייט פון אונדזערע יונגע הערצער געשוווירן אייביקע ליבע... אַרויס־ברענגען דאָס אויף די ליפּן האָט מען ניט געוואַגט, ריכטיקער, זיך געשעמט, די רעוואָלוציע און ניט די ליבע איז דאָך אונדזער ציל אין לעבן... אָבער מען איז שוין איינער פון דעם צווייטן ניט אָפּגעטראָטן, גיין און קומען צו און פון דער אַרבעט, גיין צו אַ מיטינג אָדער אַ סכאָדקע, איז תמיד אויס־געקומען ווי על פּי צופאַל צוזאַמען... אַז מען האָט זיך געזוכט, און דעריבער זיך געפונען, אין דעם האָט מען ניט געוואַגט זיך מודה צו זיין.

עס האָט אָבער לאַנג ניט גענומען דאָס אונדזער שטילע און פאַרבאָר־גענע אידיליע זאָל קריגן דעם ערשטן און ביטערן קלאַפּ, און פון דעמאָלט אָן האָט זיך אָנגעהויבן מיין לאַנגער יסורים־וועג.

דאָס איז געווען אין אַ ווינטערדיקן פרייטיק צונאַכט אין אָנהייב יאָר 1903, מען האָט מיך אַרעסטירט מיט אַ פּעקל בראָשורן אונטער דעם אָרעם, וואָס איך האָב באַדאַרפט דעם אָוונט איבערגעבן צו אַ חבר, מען האָט מיך געבראַכט אין דעם אוטשאַסטאָק (פּאָליציי־סטאַנציע) דעמאָלט האָב איך צום ערשטן מאָל דערפילט די שמיץ פון אַ קאַזאַצקער נאַגייקע אויף

מיין לייב. אַ סאָלדאַט אַ ריז, אַ וואָלינעץ (אַ וואַרשעווער פון יענער צייט ווייסט וואָס עס שטעלט מיך זיך פאַר אַ וואָלינסקער סאָלדאַט) האָט מיך ביי די הענט ארויפגעצויגן אויף זיינע פּלייצעס, און אַ צווייטער מחבל פון זיינס גלייכן האָט מיט דער נאַגייקע מיר דערלאַנגט איבער מיינע פּלייצעס, איבערן קאָפּ, אַוו דער פאַרפלאָכטענער רימען האָט נאָר דער־גרייכט, דערביי שרייענדיק ווילד: „סקאַזשי!״ (זאָג), זון פון אָזעלכן און אַזעלכן, ווער האָט דיר דאָס פּעקל געגעבן? איך האָב עס געפונען, איז געווען מיין ענטפער, מען האָט געקאַטעוועט אַז עס איז געווען אַ שרעק, מיינע קולות זיינען זיכער דערגאַנגען צום זיבעטן הימל, און ווען עס איז ניט שבת, ווען דער הימל איז געשלאָסן, וואָלטן געוויס מיינע קולות דערהערט געוואָרן, דער סאָלדאַט האָט מיך מערדערלעך געשלאָגן, אָבער מער ווי דאָס וואָרט „נאַשאָל״ (געפונען) האָב איך ניט געזאָגט, ריכטיקער ארויסגעוויינט, עס האָט טאַקע אויך ווי געטאָן, אַז נאָך היינט פיל איך יענע דעביוטיש־עשמיץ אויף מיין לייב, וואָס נאָר די מערדערישע אייניקלעך פון אַן איוואַן גראָזני האָבן געקאָנט דערלאַנגען, און אַ פרומער מסירת־נפשדיקער נאָוואַט האָט זיי געקאָנט איבערטראָגן.

נאָך עטלעכע שעה פון קלעפּ און אויפרעגעניש, האָט מען מיך אַראָפּ־געפירט אין א קעלער, וואָס מען רופט אין וואַרשע, „די קאָזע״. דאָרט בין איך אַ צעוויטיקטער אויף אַ גאָלער נאַרע אָפּגעלעגן אַ גאַנצע נאַכט.

צומאָרגנס אין דער פרי, האָט מען מיך ארויפגעפירט אין דער קאַנצע־לאַריע, ווו אַ פּריסטאַוו,— שוין אַן עלטערער מענטש, מיט אַן אַנשטעל פון א בעל־רחמים, האָט מיך זייער העפלעך געפרעגט, פאַרוואָס זאָג איך ניט ווער עס האָט מיר דאָס פּעקל בראָשורן געגעבן. — איך ענטפער: דאָס פּעקל האָב איך געפונען, ווען איך האָב זיך גענומען עפנען עס, זען וואָס אין דעם פּעקל געפינט זיך, האָט מיך דער פּאָליציאַנט געכאַפּט. — דו האָסט ניט געוווסט וואָס אין דעם פּעקל געפינט זיך, פרעגט ער ווידער. — ווען איך וואָלט געוווסט, וואָלט איך דאָך זיך ניט געשטעלט דאָס פּאַנאַנדער־צונעמען, האָב איך אים מיט טרערן אין די אויגן געענטפערט, ער האָט מיר געגלויבט, און געהייסן גיין אַ היים.

פאַרשטייט זיך, דאָס אויף דער נאַוואָליפּקע גאַס האָב איך זיך שוין, צוליב דער קאָנספּיראַטיווער טאַקטיק, פאַר אַ געוויסער צייט ניט באַדאַרפט ווייזן, מיין בירזשע איז שוין געווען די גזשיבאָווסקע גאַס, אָבער מיט רוזשקעלען האָב איך זיך, ווי דער שטייגער, תמיד געטראָפן. יעדן פרייען מאָמענט זיינען מיר געווען צוזאַמען, אָבער עס האָט ווידער ניט געדויערט לאַנג, אַ 6 אָדער 7 חדשים דאָס אונדזער אידיליע זאָל ליידן אַ צווייטן קלאַפּ.

איך קום פון אַ פאַרזאַמלונג אין פראגע (דאָס איז פון דער אַנדערער זייט

טייך (ווייסל) און עס באַלאַנגט צו וואַרשע, געגנוער צו דעם 12טן פּאָליציי־באַצירק. דאָס מאָל איז עס אויך געווען אַ פּריטיק צו נאַכט, איך גיי צוזאַמען מיט נאָך אַ חבר, אויב מיין זכרון פאַרפירט מיך ניט, האָט מען אים גערופן נת דער בלעכער, ער איז עלטער פאַר מיר געווען מיט אַ 4 אָדער 5 יאָר, און ווידער האָט מען אונדז געבראַכן די ביינער, הגם, עס איז געווען אַן אַנדער פּאָליציי באַצירק, אָבער די ווילד ברוטאַלע קלעפּ זיינען געווען די זעלבע, ווידער האָט מען געקאַטעוועט אויף וואָס די וועלט שטייט, און ווידער האָט מען געפרעגט, און דערמאָנט דערביי די אומשולדיקע די הייליקע מאַמע... וואָס האָסטו געטאָן אין פּראַגע? ווער איז דער צווייטער? איך קען דעם מענטשן ניט, ער איז צופעליק געגאַנגען לעבן מיר, און איך קום פון דעם לונאַ־פּאַרק (דאָרט איז געווען אַ צירקוס, קאַרוזעלעס, און אַנדערע פאַרוויילונגען) איך האָב טאַקע געשריגן פון די קלעפּ, אָבער די יללות פון מיין חבר, האָבן מיך געמאַכט פאַרגעסן אין מיינע ווייטיקן. מען האָט אונדז דאָרט אָפּגעהאַלטן אַ גאַנצע נאַכט, צומאָרגנס האָט מען אונדז איבערגעפירט אין אַ פאַרמאַכטער קאַרעטע אין ראַט־הויז, ווו מען האָט אונדז איינגעזעצט אין באַזונדערע צעלן.

15 טעג שפּעטער האָט מען מיך גענומען אויף אַ פאַרהער אין דעם זשאַנדאַרמערסקן אָפּטייל, דאָס איז געווען די טרויעריק באַרימטע „אָכראַנגאַיע אָדיעלעניע" פאַר פּאָליטישע אַנגעלעגנהייטן, דאָרט האָט מען זיך באַנומען צו מיר זייער איידל, דער אויספאָרשער, אַן אָפיצער, האָט פאָרגעלייענט אַ גאַנצע מגילה, דאָס איינציקע וואָס עס איז מיר פאַרבליבן אין מיין זכרון, איז דאָס, אַז עס דראָעט מיך פון 4 ביז 8 יאָר קאַטאָרגע, נאָר אויב איך וועל זאָגן אַוו עס איז געווען די סאָבראַניע (דער מיטינג) און ווער איז דער צווייטער חבר, וועל איך גלייך באַפרייט ווערן. איך האָב אין אויטשאַסטאַק געזאָגט דעם אמת, איך קען דעם מענטשן ניט, און איך בין געגאַנגען פון דעם לונאַ־פּאַרק און ניט פון קיין סאָבראַניע, די אויספאָרשונג האָט געדויערט אַ פּאָר שעה, דער אָפיצער האָט געפרעגט און איבער־געפרעגט דאָס זעלבע, ער האָט פיל מאָל געביטן דעם טאָן, און ווילנדיק אָדער ניט ווילנדיק האָט ער מיר געמוזט גלויבן, ווייל נאָך אַלעם, א יינגל פון 14 יאָר קען מען דאָך ניט פאַרשיקן אויף קאַטאָרגע. ער האָט מיך געהייסן גיין אהיים, אָבער מיט דער וואָרנונג, אז אויב איך וועל נאָך אַמאָל אַריינפאַלן אין זיינע הענט, וועל איך שוין אזוי גיך ניט באַפרייט ווערן, אָבער וואָס עס איז געוואָרן מיט מיין צווייטן חבר, האָב איך זיך קיינמאָל ניט געקאָנט דערוויסן.

ביי די חברים, און איבערהויפּט ביי רוזשקעלען, בין איך אויסגעוואַקסן, אַ גרויסער העלד, אָבער ניט אַזוי האָבן טאַטע מאַמע געדענקט, זייער

האַרץ האָט געקלאַפּט, זייער זונדעלע גייט אויף אַ גליטשיקן וועג ווי זיין עלטערער ברודער, וואָס איז צו יענער צייט שוין געווען פאַרשיקט אין סיביר, זיי האָבן טאַקע באַלד נאָך מיין באַפרייונג מיך און מיין צווייטן ברודער, דעם ציוניסט, אָפּגעשיקט נאָך פּאַריז, וואו עס האָט זיך שוין געפונען מיין עלטערער ברודער און די שוועסטער מיט זייערע פאַמיליעס.

צום סוף יאָר 1903 זיינען מיר, איך מיט מיין ברודער אָנגעקומען אין פּאַריז. דאָס איז אַ נייע וועלט, אַ וועלט אַ פרעמדע, אַ פרעמדע שפּראַך און אַ פרעמדע סביבה, אָבער אַ רעפּובליק. דאָ איז מען פרייע מענטשן, האָט מיך מיין שוועסטער געטרייסט, און עס האָט טאַקע לאַנג ניט גענומען דאָס איך זאָל זיך פילן אַזוי היימיש ווי אין וואַרשע, צווישן אייגענע חברה, מיט דעם זעלבן דראַנג נאָך קאַמף, די זעלבע חלומות און די זעלבע האָפענונגען, עס האָט לאַנג ניט גענומען, דאָס איך זאָל זיך באַקאָנען מיט דער אימיגראַנטן וועלט, וואָס האָט דעמאָלט געשוויבלט אויף דעם „פּלעצל״. אַזוי האָט מען גערופן דעם קוואַרטאַל וו עס האָבן זיך געפונען די מערהייט יידישע אימיגראַנטן, דאָ איז געווען דער צענטער פון אַלע אַקטיוויטעטן, יעדע פּאַרטיי אָדער גרופּע, האָט דאָרט אין דעם קוואַרטל געהאַט איר לאָקאַל אָדער פאַרזאַמל-אָרט אין אַ ספּעציעלן רעסטאָראַן. מיטינגען, רעפעראַטן פון כל-המינים זיינען פאָרגעקומען יעדן אָוונט, דאָרט האָט מען אויך געפונען אַ יידישע צייטונג און אַ בוך, פאַר וועלכן מען האָט אין וואַרשע ריזיקירט מיט תפיסה פאַר לייענען אים, מיט איין וואָרט, עס איז דאָ דער געחלומטער גן-עדן התחתון... נאָר רוזשקעלע האָט געפעלט...

די טעג לויפן, מען דאַרף אָנהייבן טראַכטן פון אַ תכלית, דער ברודער, די שוועסטער טאַקע זייער האַרציקע מענטשן, ווילן צו העלפן, אָבער איך בין דאָך שוין א זעלבסטשטענדיקער מענטש, און א סאָציאַליסט דערצו, ווי קען איך לעבן פון קצבה, איך בין דאָך ניט געקומען אין פּאַריז צו זיין אַ קעסט-קינד. בין איך טאַקע באַלד אַוועק זוכן און האָב אויך געפונען אַרבעט, ביי אַ יידישן בעל-רחמים אין אַ וואַרשטאַט פון טאַפּעצירעריי, 99% פון די אַרבעטער זיינען געווען יידישע אימיגראַנטן, די מערהייט פון זיי, לאַנדס-לייט פון דעם בעל-הבית, א רומענישער ייד. אמת, אַ יידישער פאַבריקאַנט אין וואַרשע איז אויך ניט געווען קיין צאַצקע, ער האָט אויך פון דעם אַרבעטער פאַרלאַנגט זיין פונט פלייש, אָבער אין פאַרגלייך מיט דעם רומענישן בעל-רחמים, וואָס האָט אויס רחמנות נאָר געהאַלטן יידישע אימיגראַנטן, איז דער וואַרשעווער עקספּלואַטאַטאָר געווען א מלאך, און די מורא פאַר דעם בעל-הבית האָט זיין גלייכן ניט געהאַט, אַ יידישער פאַבריקאַנט אין וואַרשע האָט פשוט מורא געהאַט פאַר די אַרבעטער, הויפּטזעכלעך אין יענער צייט, ווען אַ פּאָר פון זיי האָבן געק־

ראַגן געשפּאָלטענע קעפּ פון די בונטאָווטשיקעס. זיי האָבן געהאַט דרך־ארץ פאַר דעם ארבעטער, דאָ אין דער פרייער רעפּובליק, האָט די שקלאַפישע געפאַלנקייט פון די ארבעטער געבראַכן דאָס האַרץ, און דאָס איז געווען די ערשטע פּגימה וועלכע איך האָב אויסגעפונען אויף דער גרויסער רעפובליק אין דעם לאַנד פון דער קאָמונע.

הגם דער געזעצלעכער ארבעטס־טאָג איז דעמאָלט געווען אין פראַנקרייך 10 שעה, האָט מען דאָ געאַרבעט, ביז די כוחות האָבן געגעבן, אין וואַרשע ביי די קליינע מייסטערלעך, פלעגט מען דאַרנערשטיק ארבעטן ביז שפּעטלעך אין אָוונט, ווייל פרייטיק האָט מען געוואָרפן די ארבעט אַ פּאָר שעה פאַר ליכט בענטשן. דאָ אָבער האָט מען געאַרבעט אַלע טעג פון אַ גאַנץ יאָר אפילו שבת און זונטיק (דער געזעץ פון זונטיק רו איז אין פראַנקרייך ערשט אָנגענומען געוואָרן אין יאָר 1908 אָדער אין 1910). מען האָט געארבעט אויף שטיק, געצאָלט האָט מען אַ קרענק, אום צו קענען אויסקומען האָט מען געמוזט פּראַצעווען ווי די יידן ביי פּרעהן אין מצרים, אמתדיקע עבודת־פּרך.

איך האָב באַקומען אַלס אַ לערן יונגל 50 סענטים א טאָג, דאָס הייסט אַ האַלבן פראַנק, פאַר דעם האַלבן פראַנק, האָב איך געקאָנט קויפן אַ פונט ברויט, און אַ פונט וויינטרויבן, אָדער אַ פּאָר באַנאַנעס, דאָס איז געווען מיין מיטאָג. וועטשערע האָב איך געגעסן ביי מיין ברודער און געשלאָפן ביי מיין שוועסטער. און פאַר דעם לוין האָב איך באַדאַרפט זיך איינשפּאַנען אין א וואָגן מיט צוויי רעדער אָנגעלאָדן מיט פּאָטעלן און סאָפעס און זיי שלעפּן צו די קונים, וואָס האָבן זיך געפונען אין דעם אנדערן טייל פון דער שטאָט און פיל מאָל אַרויפשלעפן די משא אַזש אויף דעם באַרג מאָנטמאַרק. שבת איז געווען אַ טראָל, דאָס איז אַ מאַרק אונטער דעם פרייען הימל, ספּעציעל פאַר די קליינע מעבל פאַבריקאַנטן, דער מאַרק איז געווען אין דעם זעלבן קווארטאַל ווו עס האָט זיך געפונען אונדזער פאַבריק די לעדרי ראָלאַנד, ביי פאָבורג סענט אנטואן. האָט מען שוין קיין וואָגן ניט געקענט געברויכן, האָט מען באַדאַרפט שבת באַלד פאַרטאָג אויף די פּלייצעס אָדער אויפן קאָפּ די סאָפעס מיט די פּאָטעלן ארויסטראָגן און זיי אויסשטעלן, און אין אָוונט די ניט פאַרקויפטע צוריק טראָגן. פון זיך אויסלערנען דאָס פאַך האָט קיין רייך ניט געקאָנט זיין, ווייל דעם גאַנצן טאָג בין איך געווען פאַרנומען מיט טראָגן און ברענגען פּעק סחורות, דערפאַר אָבער האָב איך שנעל געלערנט די שפּראַך, און איך בין פון דאָרט אַוועק, און געפונען אַרבעט ביי מיין פאַך, וואָס איך האָב זיך אָנגעהויבן לערנען נאָך אין וואַרשע, דאָס הייסט לעדער־אַרבעט, איך האָב באַלד באַקומע אַלס אן אָנפאַנגער 12 פראַנק אַ וואָך, צו יענער

צייט, האָט מען שוין געקאָנט אויסקומען דערמיט, דער בעל הבית איז געווען אַ פראַנצויז, און אויך די אַרבעטער פראַנצויזן, דאָרט האָב איך זיך צוגעלערנט דאָס פאַך און דאָרט פאַרבליבן אַרבעטנדיק ביז איך האָב פאַרלאָזן פראַנקרייך אין אַפּריל 1906.

איבער דער צייט בין איך געוואָרן אַ מיטגליד אין דעם פּראָפעסיאָנעלן פאַריין פון מיין פאַך, ווו איך האָב שפּעטער געגרינדעט די יידישע סעקציע ביי דעם פאַריין, איך האָב זיך אויך באַקאַנט מיט מענטשן, וואָס האָבן מיך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט די פּוילישע אימיגראַנטן וועלט, וואָס האָבן געהאַט זייער קלוב אין דעם פּאַסאַזש באַפּרואַ וואָס האָט געטראָגן דעם סימפּאַטישן נאָמען: „קלוב פּאָלסקי לודאָווי‟, (דער קלוב פון פאָלקס־פּוילן) פּויליש ריידנדיקע, בראש דעם קלוב זיינען געשטאַנען די באַוווסטע אַנאַרכיסטן, דר. זשעלינסקי און זיין פרוי מאַרי. דער קלוב איז געווען אַן אומפּאַרטייאישער, דאָס איז געווען דער פאַרזאַמל־פּונקט פון אַלע פּאָליטישע אימיגראַנטן פון פּוילן, דאָרט האָב איך געפונען מיינע פּאַרטיי גענאָסן, די פּ.פּ.סאָוועצעס. אין דעם קלוב האָט מען געלערנט אַ פּרשה פון קאַרל־מאַרקס „קאַפּיטאַל‟, און אויך אַ קאַפּיטל פון פּרודהאָן, באַקונין און קראָפּאָטקין, די לעצטע, באַקונין און קראָפּאָטקין זיינען דעמאָלט געווען אין דער מאָדע אין דער אימיגראַנטן וועלט, בכלל זיינען דאָרטן אָנגעפירט געוואָרן קורסן אויף פאַרשיידענע טעמעס און אידעאָלאָגיעס, דאָס איז געווען אַן אמתער בית־מדרש, אָבער נאָר אויף דער פּוילישער שפּראַך, און אָנגעפירט פון אינטעלעגענטן, פּראָפעסאָרן און דאָקטוירים פון דער פּוילישער קאָלאָניע. צווישן וועלכע די צוויי פריער דערמאָנטע פּערזענלעכקייטן האָבן אויף מיר געמאַכט אַן אויסערגעוויינלעכן איינדרוק, זייער באַנעמונג ווי זייערע אידייען האָבן צו מיר זייער שטאַרק אַפּעלירט, און עס האָט טאַקע ניט גענומען לאַנג, דאָס איך זאָל ווערן באַפריינדעט מיט זיי און אפילו געוואָרן אַן אָפטער באַזוכער אין זייער הויז, זיי האָבן מיך איינפאַך געקאָרמעט מיט אַנאַרכיסטישער ליטעראַטור, זיי האָבן מיט מיר געקנעלט ווי געטרייע טאַטע־מאַמע מיט זייערס אַ בן־יחיד, זיי האָבן מיר אויך געהאָלפן צו פאַרשטיין די פראַנצויזישע ווערק, זיי זיינען געווען גאָר גרויסע פאַרערער פון פּיאָטער קראָפּאָטקין, מיט וואָס זיי האָבן אויך מיך אָנגעשטעקט. צו דער לויה פון דער באַוווסטער קאָמונאַרן לואיס מישעל, 1905 בין איך שוין געווען דער טרעגער פון דעם בלומען־קראַנץ, וואָס עס איז געווען דעם דר. זשעלינסקיס איניציאַטיוו ביי דעם קלוב, אין וועמענס נאָמען דער בלומען קראַנץ איז געגעבן געוואָרן.

שפּעטער בין איך דורך זיי באַקאַנט געוואָרן מיט די ליבע מוטער און טאָכטער גאָלדסמידט, די מוטער אַ געוועזענע קאַטאַרזשאַנקע, די טאָכטער

איז געבוירן געוואָרן אין סיביר. זי, מאַרי, איז גוט באַקאַנט געווען צו די לייענער פון דער „פרייער ארבעטער שטימע״, אין נוי־יאָרק בשעת זי איז אַרויסגעגאַנגען אונטער דער רעדאַקציע פון ש. יאַנאָווסקי, זי פלעגט שרייבן די קאָרעספּאָנדענצן פון פּאַריז, אונטער דעם פסעוודאָנים: מ. קאָרן און דורך זיי האָב איך זיך באַקאַנט און פאַרבונדן מיט דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג אין לאַנד, זייער הויז איז געווען דער פאַרזאַמל־פּונקט פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַנאַרכיסטישער עליטע, דאָרט זיינען זיך צוזאַמענגעקומען ניט נאָר רוסישע, יידישע נאָר אויך פראַנצויזישע עלעמענטן, דאָס הויז איז פאַר מיר אַ יונגער־זוכער פון וויסן געווען אַן אמתער סעמינאַר, און דאָרט, אין דעם הויז, האָב איך געפונען דעם שליסל צו דער אַלגעמיינער אַנאַרכיסטישער וועלט.

דער ערשטער יידישער חבר מיט וועמען איך האָב זיך באַקאַנט, איז געווען אַ רומענישער מיט דעם נאָמען בערקאָוויטצי, א היטל־מאַכער פון פאַך, ער איז געווען אַקטיוו סיי אין דער פראַנצויזישער באַוועגונג און סיי אין דער יידישער, ער האָט זיך הויפּטזעכלעך אָפּגעגעבן מיט פאַרשפּרייטן אַנאַרכיסטישע ליטעראַטור און צייטונגען, וואָס ער פלעגט באַקומען פון לאָנדאָן און ניו־יאָרק, און פאַרשטייט זיך אויך די פראַנצויזישע אויסגאַבן, ווו אַ מיטינג אָדער אַ רעפעראַט, דאָרט איז ער געווען מיט זיין פּעקל. און ער האָט מיך מיטגענומען, און מיט דער צייט בין איך געוואָרן זיין רעכטע האַנט.

איך בין געוואָרן אַ מיטגליד אין דער גרופּע „זעלבסט־בילדונג פאריין״ הגם די אַנאַרכיסטישע באַוועגונג אין פראַנקרייך איז געווען לעגאַל, דאָך איז ניט געווען געזונט פאַר די אויסלענדער צו געברויכן דעם נאָמען, האָט מען געאַרבעט אונטער פאַרשיידענע אומשולדיקע נעמען, אָבער מען האָט געאַרבעט מיט פלייס און איבערגעגעבנקייט, די הויפּט קוואַרטיר פון אונדזער גרופּע איז געווען אין אַ קאַפע־הויז אויף דעם פּלאַץ דע לאַ באַסטיל. אָבער אונדזער ביבליאָטעק איז געווען אויף דעם שוין פריער דערמאָנטן פּלעצל, דאָרט האָט זיך אויך געפונען דער באַרימטער רעסטאָראַן פון דעם חבר פלאַטער ווו מען האָט געקאָנט אָפּעסן אַ מיטאָג פאַר אַ האַלבן פראַנק, און דאָס אויך ניט באַצאָלן.

אין איינע פון די אַרומיקע געסלעך, אויב איך מאַך ניט קיין טעות האָט עס געהייסן רי זשעפּרוא לאַניע, מיט אַ פינצטערן אַריינגאַנג, אויף דעם ערשטן שטאָק, האָט זיך געפונען אונדזער ביבליאָטעק. אין אַ נויט פאַל האָט דאָס אויך געדינט פאַר אַ נאָטשלעזשקע (אַ נאַכט־לעגער־הויז) — ווו אַ חבר וואָס האָט ניט געהאַט ווו איבערצונעכטיקן, האָט דאָרט אויף אַ באַנק, מיט אַ פּעקל צייטונגען צוקאָפּנס, איבערגעשלאָפן אַ נאַכט.

פ. גדליה

בראש פון דער ביבליאָטעק פאַרוואַלטונג זיינען געשטאַנען די זייער טייערע חברים, וועמענס נעמען זיינען מיר פאַרבליבן איינגעקריצט אין מיין זכרון, זייער הויכע אינטעליגענץ, און זייערע האַרציקע באַציונג האָט ממש פאַרכישופט די וואָס זיינען געקומען אין באַרירונג מיט זיי, מיט זיי בין איך טאַקע פאַרבליבן אין פריינטשאַפט אויף תמיד.

דאָס זיינען געווען: א. טווערסקי, פון אוקריינע, אַ הויך געבילדעטער מענטש, ער איז געווען אַ סעקרעטאַר ביי אַ פּראָפעסאָר פון דער סאָרבאָן, ער האָט געשטאַמט פון אַ זייער באַרימטער פאַמיליע אין אוקריינע, — ווען איך בין אין יאָר 1922 געפאָרן אין קיעוו (אוקריינע), האָט ער מיר מיטגעגעבן אַ גרוס צו זיי, האָב איך געהאַט די געלעגנהייט מיט זיי זיך צו באַקאָנען. די אָונטן, ווען ער איז געווען דער ביבליאָטעקאַר, זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ אוניווערסיטעט, אָדער אין אַ בית־מדרש. ער האָט וווּנדערבאַר גוט געקענט די פראַנצויזישע ליטעראַטור, און איז אויך געווען אַ גרויסער תלמודיסט, עס איז געווען אַ פאַרגעניגן אים צו הערן ריידן איבער אַ ווערק, אָדער וועגן אַ בלעטל תלמוד, עס איז אַ סברה דאָס ער איז געוועזן דער גייסטיקער אינספּיראַטאָר פון שלום שוואַרצבאַרד, אין זיין אַטענטאַט קעגן פּעטלורען אין פּאַריז, ער איז יעדנפאַלס געווען דער איינציקער וואָס האָט געוווסט ש. שוואַרצבאַרדס באַשלוס. ער איז קיינ־מאָל ניט מיד געוואָרן צו ריידן אָדער צו דערציילן אנעקדאָטן, און תמיד מיט זיין האַרציקן שמייכל.

דער חבר ראַדינסאָן, פון ווילנע (פוילן) אַ געענדיקטער פון דעם אוניווערסיטעט, ער איז געווען אַ שטילער מענטש, געריעדט זייער געלאַסן, ביי אים אין הויז האָט מען זיך יעדן זונטיק אין דער פרי פאַרזאַמלט, צו הערן לייענען און אַנאַליזירן עליזע רעקלוס ווערק: „לע האָם עט לאַ טער" (דער מענטש און די ערד) ,וואָס איז דאַן דערשינען אין וועכנטלעכע העפטן.

ביי דעם אַלטן פאַר פאַלק, די זילבערמאַנס, — ער אַ שניידער פון פאַך, זיי האָבן געהאַט אַ קליין געשעפט פון שניידעריי, — אויף דעם בולוואַר מענילמאָנטאַן, דאָס איז אַן אַרבעטער געגנט, פלעגט מען זיך צוזאַמען קומען זונטיק נאָך מיטאָג, צו כאַפּן אַ שמועס און אויך צו טרינקען אַ גלעזעלע טיי, עס איז אינטערעסאַנט, ווי אַזוי דאָס האַרציקע פּאָרל זיינען געקומען צו די אַנאַרכיסטישע אידייען. דערציילט פון זיי אליין: זיי זיינען געווען אין עגיפּטן, איינמאָל האָט זי געקויפט הערינג אין אַ יידיש קרעמל דאָרטן, האָט מען דעם הערינג איינגעוויקלט אין אַ יידישער צייטונג, ווען זי איז אַהיים געקומען און פאַרנאַנדערגענומען דאָס פּעקל, האָט ער דערזען די גרויסע בוכשטאַבן: „אַרבעטער־פריינד" האָט ער שוין די צייטונג

גוט דורכגעלייענט, און גלייך זיך אויף איר אבאָנירט און פון דעמאָלט אָן האָט ער אָנגעהויבן לייענען אַלץ וואָס מיט דער אידייע פון דעם א. פּ. גייט געפּאָרט, און אַזוי זיינען זיי פאַרבליבן ביז זייער לעצטן אָטעם צוג געט־רייע אנהענגערס פון דעם אַנאַרכיסטישן געדאַנק.

צערונענע אילוזיעס

אין די ערשטע חדשים פון יאָר 1906, האָט מיר דר. זשעליענסקי פאָרגעשלאָגן איבערצופירן נאָך וואַרשע אַ טראַנספּאָרט בראָשורן וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן — פאַרשטייט זיך אין דער פּוילישער שפּראַך — איך האָב זיך אין דעם אָנגעכאַפּט ווי אַ גוטער ייד כאַפּט זיך אָן אין אַ הייליקער שליחות. און דערצו האָט אויך צוגעשפּילט דער פּסיכאָלאָגישער מאָמענט, רוזשקעלע... נאָך ווען דאָס יינגלישע האַרץ האָט אין דער שטיל געבענקט... די חברה מאַריאַ סידעראָוונע גאָלדסמידט. — מ. קאָרן — האָט מיר באַזאָרגט דעם רייזע בילעט, אין חודש אַפּריל פון דעם זעלבן יאָר, בין איך שוין געווען אין קראָקע, (עסטרייך, פּוילן) דאָרט האָב איך שוין געפונען קאַרלען, דער העלד פון דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג אין וואַרשע, וועגן וועמען מען האָט אין פּאַריז זייער פיל גערעדט, מכּוח זיין טרויעריקן אויפפיר אין וואַרשע, עס איז מיר אפילו רעקאָמענדירט געוואָרן אים אויסצומיידן, אויף אים איז געוואָרפן געוואָרן די שולד פאַר א סך מיאוסע האַנדלונגען, מען האָט אים אויך באַשולדיקט פאַר דעם אומקום פון די 16 יוגנטלעכע, וועלכע זיינען געכאַפּט געוואָרן ביי דורכפירן אַן עקספּראָפּריאַציע, און זיינען פאַראורטיילט געוואָרן צום טויט, און זיי זיינען טאַקע באַלד נאָך דעם אורטייל הינגעריכטעט געוואָרן, ניט געקוקט דאַרויף וואָס צווישן זיי האָבן זיך געפונען 16 יאָריקע יינגלעך. ווי מען האָט אונדז איבערגעגעבן זיינען זיי געגאַנגען צום טויט מיט דעם אויסרוף: „לעבן זאָל די אַנאַרכיע!" אויך ביי דעם פּראָצעס האָבן זיי זיך זייער בראַוו געהאַלטן, מיט דעם טיפן גלויבן דאָס זיי גייען אויף קדוש־השם... מיט זיי איז אַוועק אַ וווּנדערבאַרע יוגנט, וואָס ביי אַנדערע אומשטענדן און אין אַן אַנדער סביבה וואָלטן זיי פיל אויפגעטאָן פאַר זייער אידעאַל, זיי זיינען געווען אונטער דעם טרויעריקן איינפלוס פון אַ דעמאַגאָג וועלכער האָט, אפשר, אַליין אויך געגלויבט אַז די ענטגילטיקע גאולה קאָן געבראַכט ווערן דורך פּריוואַטע קליינלעכע עקספּראָפּריאַציעס. דאָס איז אין אַלגעמיין דעמאָלט געווען די טאַקטיק אויך פון די אַנדערע פּאָליטישע פּאַרטייען, די פּ. פּ. ס. האָט געהאַט אַ „באָיאָווי־קאָלאָ", (אַ קאַמפּס גרופּע) וואָס האָט אָנגעפירט מיט די עקספּראָפּריאַציעס אויף די מאָנאָפּאָל־קראָמען פון דער

רעגירונג (בראָנפן קראָמען). די מאַקסימאַליסטן, לינקע סאָציאַליסטן רעוואָ־לוציאָנערן, און די „איסקראָווצעס”, די היינטיקע באָלשעוויקעס, האָבן עקס־פּראָפּרירט בענק און באַנען קאַסעס, זיי זיינען געווען גוט אָרגאַניזירט, און אונטער אַ שטרענגן פּאַרטיי קאָנטראָל.

אָבער ניט געקוקט אויף דער וואָרנונג, מיט אים זיך ניט צו טרעפן, האָב איך זיך דאָך מיט אים באַגעגנט, און געהאַט מיט אים אַ געשפּרעך, מיר האָבן זיך איינפאַרשטאַנען דאָס ער דאַרף, יעדנפאַלס פאַר אַ געוויסער צייט, זיך ניט אומקערן נאָך וואַרשע, ער האָט אין קראָקע געשריבן די געשיכטע פון דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג אין וואַרשע, איך האָב אים טאַקע געראַטן דאָס ער זאָל בעסער דאָ בלייבן שרייבן די געשיכטע, און ער האָט דאָס מיר צוגעזאָגט, ער האָט מיך באַזאָרגט מיט דעם אַגענט, וואָס האָט מיך, מיט אַ טייל פון מיין טראַנספּאָרט בראָשורן בשלום איבערגעפירט די גרענעץ.

אין וואַרשע האָב איך געהאַט נאָך אַ ביטערע דערפאַרונג: ווען איך בין געקומען צו די פּוילישע־קריסטלעכע חברים זיי איבערצוגעבן די בראָ־שורן, האָבן זיי מיט טרערן אין די אויגן מיר געזאָגט, אַז איך בין דער איינציקער חבר, וואָס קומט צו זיי מיט ליטעראַטור, און ניט מיט אינסט־רוקציעס, ווי דורכצופירן אַן עקספּראָפּריאַציע, ביי וועלכע זיי האָבן פאַר־לוירן די מערהייט פון זייערע יוגנטלעכע חברים. איך האָב זיי דעמאָלט געראַטן זיך אָפּצוטרייסלען פון דער טאַקטיק, בעסער זיך אָפּגעבן מיט לערנען און שטודירן דעם אַנאַרכיסטישן וועלט באַנעם, כדי זיי זאָלן וויסן פאַרוואָס זיי קעמפן און ליידן, און זיי האָבן טאַקע באַשלאָסן אָנצונעמען מיין פאָרשלאָג, און האָבן איינגעשטעלט אַ קולטורעלע „סכאָדקע” (אַ צוזאַ־מענקונפט) איך האָב זיי פאַרבונדן מיט אַ חבר, אַ גימנאַזיסט, וועלכער, פלעגט גאַנץ אָפט זיי באַזוכן, און מיט זיי, מיט די פּוילישע חברים, בין איך געווען פאַרבונדן די גאַנצע צייט פון מיין אויפהאַלט אין וואַרשע.

אין וואַרשע בין איך אָנגעקומען דעם 31־טן אַפּריל אין אָוונט. איך האָב זיך געאיילט אריינצוקומען אין וואַרשע ערב דעם 1טן מיי, ווייל אין קראָקע האָט מען גערעדט, אַז עס וועט דערקלערט ווערן אַן אַלגעמיינער סטרייק, די אייזנבאַנען וועלן בלייבן שטיין, האָב איך מורא געהאַט צו פאַרלירן די געלעגנהייט בייצוווינען אַ גענעראַל־סטרייק אין וואַרשע, אָבער אויסגעלאָזט האָט זיך, אַז קיין גענעראַל סטרייק איז ניט צושטאַנד געקומען, דאָס לעבן אין וואַרשע איז אָנגעגאַנגען נאָרמאַל, נאָר שטאַרקע מיליטערישע פּאַטרולן האָבן אַרוממאַרשירט איבער די גאַסן, נאָר אין דעם רייכן קוואַר־טאַל פון וואַרשע, אויף דער נאָווי־שוויאַט (די נייע וועלט־גאַס) און אין מאַ־קאָטאָווסקע אַלעען, זיינען יאָ פאָרגעקומען דעמאָנסטראַציעס, וואָס די פּ.פּ.ס.

האָט אָרגאַניזירט, דאָרט זיינען די קאָזאַקן געווען מערדעריש טעטיק, אַ פּאָר צעשפּאָלטענע קעפּ און אַ פּאָר אַרעסטן זיינען דאָך פאָרגעקומען, דער־מיט האָט זיך דער ערשטער מאַי פאַרענדיקט. איך בין צומאָרגנס אַוועק אין די רעדאַקציע פון „טאָג״ מיט אַ באַשרייבונג פון די אומגערעכטע קלעפּ וואָס איך האָב אַלס אַן אומשולדיקער פאַרבייגייער אַריינגעכאַפּט. קלינגט נאָך איצט אין מיינע אויערן דער סאַרקאַסטיש׳ער געלעכטער פון דעם רע־דאַקטאָר: וואָס האָט אייך געהייסן גיין זען אַ דעמאָנסטראַציע? איך האָב שפּעטער, ווען איך בין אַביסל עלטער געוואָרן פאַרשטאַנען זיין געלעכטער.

קאַרל, ניט געקוקט אויף זיין פאַרמעלן צוזאָג ניט צו קומען פאַר אַ געוויסער צייט נאָך וואַרשע, האָט זיין וואָרט ניט געהאַלטן, אַ 15 טעג שפּעטער איז ער פאָרט געקומען, אָבער די חברים האָבן זיך פון אים אָפּגעקערט, און זיי האָבן אים אפילו געוואָרנט... האָט ער שוין קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט ווי אויסצודרייען דעם דישל, און צוריק פאָרן נאָך קראָקע צו שרייבן זיינע זכרונות.

דער טרויעריקער גייסטיקער צושטאַנד האָט זיך ניט געביטן, אָט די עקספּראָפּריאַציע קראַנקהייט האָט געשלאָגן טיפע וואָרצלען. דאָס איז געווען דער פּסיכאָז פון דער צייט און אומשטענדן. אין וואַרשע ביי יענער צייט האָבן זיך אויפגעהאַלטן דריי מיידלעך פון ביאַליסטאָק, איינע פון זיי, שוין ניט קיין יונגע פרוי, מיט דעם נאָמען רבקה האָט „געפירט די גראַנדע״. זי האָט געהאַט גאָר אַ שטאַרקן איינפלוס אויף די אַנדערע צוויי מיידלעך יינגערע פאַר איר, איינע מיט דעם נאָמען קאָזאַק, זי איז טאַקע געווען הויך און שטאַרק, אָבער מיט זייער אַ שוואַכן כאַראַקטער, די צווייטע מיט דעם קינד אין זיך איז טאַקע אויך געווען נאָך אַ קינד, אין דעם פולן זינען פון וואָרט, די מוטער מילך איז נאָך געווען פריש אויף אירע ליפּן. רבקה האָט באַאיינ־פלוסט אויך אַנדערע חברים וואָס האָבן זיך אַרום זיי געטוליעט, צווישן וועלכע עס האָבן זיך אויך געפונען אַ פּאָר צוריקגעקומענע פון אַמעריקע, צווישן זיי חבר מ״ה טאָקער. איך האָב אים געקאָנט נאָך פון פּאַריז, ער פלעגט באַזוכן אונדזערע פאַרזאַמלונגען, אַלס זייער אַן אויפמערקזאַמער צוהערער, ער האָט זיך קיינמאָל ניט געמאָלדן צום וואָרט, ער האָט זיך באַ־נומען זייער באַשיידן, ווי אַ שטילער שעמעוודיקער, אָבער אין וואַרשע האָט ער געשמט פאַר אַ גרויסן העלד, און דער אמת איז, אַז ער איז געווען זייער אַ געוואַגטער, ער איז געווען אַ גרויסער פאַרערער פון יאהאַן מאָסטן, איך גלויב, אַז יאָהאַן מאָסט איז געווען דער איינציקער אַנאַרכיסטישער פּראָפּאַ־גאַנדיסט וועמען ער האָט געקאָנט, יעדנפאַלס וועמען ער האָט אַם־שטאַרקסטן פאַרערט, וועמענס נאָמען ער האָט ניט אַרויסגלאָזט פון מויל, ער פלעגט מערסטנס אַרבעטן צווישן די בעקער אַרבעטער, הגם פון פאַך איז ער געווען

אַ האַלץ טאָקער, אָבער צווישן די בעקער אַרבעטער, ווייזט אויס, האָט ער געפונען זיינע עלעמענטן, זיינע פאַרזאַמלונגען פלעגט ער תמיד דורכ־פירן אַ שבת אין דער פרי אויף דעם יידישן בית־עולם (גענשע גאַס). ער האָט מיך אַמאָל איינגעלאַדן צו אַזאַ מיטינג, אין אָנדענק פון יאָהאַן מאָסטן, וואָס איז טאַקע צו יענער צייט, אין 1906 געשטאָרבן אין ניו־יאָרק. אוודאי וואָלט איך היינט קיין געדולד ניט געהאַט זיך צוצוהערן צו זיין רעדע, הגם שוין צו יענער צייט האָט עס מיר געגרילצט אין די אויערן, אָבער פאַר יענעם עולם פון אַ 12 אָדער 15 פּערזאָן, די מערסטע פון זיי האָבן זיכער אים ניט פאַרשטאַנען, איז זיין רעדע געווען אַ רעוואָלוציאָנערע.

ווען ער איז אַרעסטירט געוואָרן, איז ער אַריבערגעשפּרונגען דעם פּאַרקן פון דעם וואַרשעווער ציטאַדעל, ווו ער איז געהאַלטן געוואָרן ביז דעם פּראָצעס, און אים האָט זיכער געדראָט פאַרשיקט צו ווערן אויף קאַטאָרגע, ער האָט זיך ביים שפּרינגען פון דעם הויכן פּאַרקן שטאַרק צו־שעדיקט אַ פוס. אָבער ער האָט באַוויזן צו אַנטלויפן, ניט געקוקט אויף דעם וואָס די וואַכליט האָבן אויף אים געשאָסן. דאָס האָט אים פאַרשטייט זיך געמאַכט פאַר אַ גרויסן העלד ביי די וואַרשעווער יאַטן. ער איז טאַקע געווען אַ גרויסער ריזיקאַנט, דאָס האָט מען פון אים ניט געקאָנט צונעמען, ער איז שפּעטער אויך געפאָרן נאָך קראָקע צו ברענגען דעם אַנדערן טייל בראַשורן, וואָס איך האָב געלאָזן ביי קאַרלען.

אָבער אָנצופירן אַ פּלאַנמעסיקע קולטורעלע טעטיקייט, צו וועלכער איך בין געווען געוווינט אין פּאַריז, איז ער ניט פעאיק געווען, און עס איז אויך אוממעגלעך געווען אָנצופירן אַזאַ טעטיקייט, ווייל דער קרייז איז געווען אַזעלכער וואָס האָט דאָס, ניט נאָר ניט באַדאַרפט, נאָר געווען אויסגעשפּראָכן קעגן קולטורעלער אַרבעט. מיט קולטור מאַכט מען ניט קיין רעוואָלוציע איז געווען זייער מאָטאָ. מיך האָבן זיי גערופן „דער קאָנ־בינעטנער אַנאַרכיסט”, צו מאַכן פּראָפּאַגאַנדע מוז מען האָבן געלט, ביי די אָרעמע אַרבעטער קען מען דאָס ניט פאַרלאַנגען, דאָס קען מען נאָר נעמען ביי די רייכע גנבים. לוינט זיך צוליב אַ פּאָר רובל מקריב זיין דאָס לעבן? עס איז ניט דאָס געלט, נאָר דער צוועק! דאָס זאָגן דאָך אויך די פּאָליטיקער, דאָס דער צוועק הייליקט דעם מיטל, טאָ אין וואָס באַשטייט דער אונטערשייד פון אונדז און זיי? די פראַגע וועט געלייזט ווערן נאָך דער רעוואָלוציע, איז געווען זייער ענטפער.

עס איז מיר פּאַרט איין מאָל געלונגען צו פועלן ביי זיי, צו באַווייזן, אַז מען קען קריגן אַביסל געלט און שריפט פאַר אונדזער קליינער דרוקעריי, אויף ניט קיין ריזיקאַלישן אופן, זיי האָבן מיר צוליב געטאָן, און דאָס כדי איך זאָל זיך איבערציגן אין מיין נאַרישקייט. איך בין צוזאַמען מיט נאָך

א חבר, אַ גימנאַזיסט, אַוועק קודם־כל זוכן אַ ביסל שריפט, מיר האָבן געפּלאַנט ארויסצוגעבן אַ פּראָקלעמאַציע (אַ פלוג־בלעטל) אין אָנדענק פון די 16 אומגעקומענע חברים, זיינען מיר אַוועק אין דער רעדאַקציע פון דעם „היינט״, אויב מיין זכרון נאַרט מיך ניט, האָט עס באַדאַרפט זיין אויף דער נאַלעווקע גאַס לעבן מאַראַנאַוו. מיר האָבן דערקלערט דעם רעדאַקטאָר דעם צוועק פון אונדזער באַזוך, און אים אפילו פאַרזיכערט אַז מיר זיינען ניט באוואפנט, און ער איז ניט געצוווּנגען נאָכצוקומען אונדזער פאַרלאַנג, אָבער דער רעדאַקטאָר אַ קלוגער מענטש, האָט מיט גרויס העפלעכקייט זיך צוגעהערט, און האָט גלייך אויפן אָרט אונדז געגעבן אַ היפּש ביסל שריפט, ער האָט אונדז נאָר געבעטן אַז מיר זאָלן די שריפט פאַרמישן מיט אנדערע שריפטן, דאָס בכדי אין פאַל פון אַן אויספאָרשונג זאָל ער קענען זאָגן, אַז די שריפט האָבן מיר געקליבן פון דעם מיסט וואָס זיי וואַרפן אַרויס, און מיר האָבן, פאַרשטייט זיך, אים דאָס צוגעזאָגט.

און וואָס שייך וועגן געלט, זיינען מיר אַוועק צו דעם דירעקטאָר פון דעם יידישן טעאַטער, וועמענס נאָמען איך געדענק שוין ניט, און מיט אים געהאַט זייער אַ פריינדלעכן געשפּרעך, ער האָט אונדז אויך זייער פריינדלעך אויפגענומען, ער האָט נאָך געזאָגט, דאָס ער קען זייער גוט רודאָלף ראָקערן, דעם רעדאַקטאָר פון דעם „אַרבעטער־פריינד״ אין לאָנדאָן ער קאָן אויך ש. לינדערן, וועלכער שרייבט גאַנץ אָפט רעצענזיעס וועגן יידישע פּיעסן, ער האָט גאַנץ אָפט גאַסטראָלירט אין לאָנדאָן, בקצור, ער האָט מיט פאַרגעניגן זיך געשטעלט אין אונדזער דינסט, ער האָט אונדז גלייך געגעבן אַ צאָל בילעטן צו פאַרקויפן, פון וועלכע מיר וועלן באַקומען 50%, און ער וועט אויפפירן אַ פּיעסע מיט אַ סאָציאַלן אינהאַלט, וואָס זאָל פאַראינטערעסירן דעם אַרבעטער עולם. די פּיעסע האָט געהייסן „קאַפּיטאַל און אַרבעט״. און אזוי האָט פּאַסירט, מיר האָבן פאַרקויפט אַ היפּשע צאָל בילעטן און מיר האָבן אריינבאַקומען אַ שיינע פּאָר רובל, אָבער דער סוף איז געווען, דאָס די וואַרשעווער חברים האָבן דעם אופן פון שאַפן געלט, געהאַלטן פאַר אַ קליין־בירגערלעכן. און די אונטערשטע שורה איז געווען, דאָס איך האָב זיך פון זיי אָפּגעטרייסלט און בין פון זיי אַוועק, און זיי זיינען, מיט אַ גאַנץ קורצער צייט שפּעטער אַלע אַרעסטירט און צעשאָסן געוואָרן.

קיין וואַרשע איז געקומען אַ דייטשישער גענאָסע מיט דעם נאָמען סינאהוי, אַ הויך געבילדעטער מענטש, אַ דיכטער, אַרויסגעבער פון אַ צייט־שריפט: „די נייע גענעראַציאָן״ (דער נייער דור). וואָס איז דערשינען אין בערלין, מיט אים האָב איך זיך באַקאָנט נאָך אין פּאַריז, ער האָט זיך באַטייליקט אין אונדזער גרופּע דאָרטן, ער האָט געהאַלטן זייער אינטערע־

סאַנטע רעפּעראַטן וואָס האָבן תמיד געצויגן אַ גרויסן עולם. ער איז געקומען קיין וואַרשע גלויבנדיק אז מען קאָן דאָ זייער לייכט מאַכן אַביסל געלט פאַר זיין זשורנאַל. ער, רבקה און אַ צאָל אַנדערע חברים זיינען אַוועק נאָך לאָדזש צו מאַכן אַן עקס, מע האָט זיי אַלע דאָרט געכאַפּט און גוט צעממיתטע געבראַכט נאָך וואַרשע אין ראַטהויז, זיי זיינען אַלע פאַרשיקט געוואָרן אויף פאַרשיידענע טערמינען נאָך סיביר, ווו זיי זיינען אַלע אומגעקומען, דער איינציקער פון דער גאַנצער גרופּע, וואָס האָט זיך פון דעם ערעסט געראַטעוועט, איז דער שוין דערמאָנטער חבר משה טאָקער, וועלכער איז שפּעטער באַגאַנגען זעלבסט־מאָרד, אויף אַ זייער דראַמאַטישן אופן אין דער תפיסה אין ווילנע, אַרומוויקלנדיק אַרום זיין האַלדז אַ נאָזטיכל, וואָס ער האָט איינגעטונקט אין דעם קליין נאַכט־לעמפּל פון זיין צעל, האָט ער עס אונטערגעצונדן און איז אין די פלאַמען אומגעקומען. דאָס האָט פּאַסירט אין דער נאַכט פאַר זיין היגריכט, ער איז פאַראורטיילט געוואָרן פאַר מאַכן אַ ניט געלונגענעם אַטענטאַט אויף דעם גובערנאַטאָר פון ווילנע, דעם טיראַן העשלמאַן. (זע, מיין אָפּהאַנדלונג „טיפן פון אַמאָליקער באַוועגונג אין פּוילן „פרייע אַרבעטער שטימע" פון דעם 21טן דעצעמבער 1951.) אויף די חברה קאַזאַק, און איר חבר ז. האָבן זיך געראַטעוועט. זיי לעבן זיך אויס ווי זייער אַנשטענדיקע בירגער אין אמעריקע, דאָס איז געווען דער סוף פון אַ ברוויזנדיקער יוגנט פון אויסערגעוויינלעכע טיפּן, וועלכע וואָלטן אונטער אַנדערע אומשטענדן, אָן שום ספק געקאָנט זיין געזונטע זיילן פון אַ באַוועגונג.

אָבער דערמיט האָט זיך ניט פאַרענדיקט מיין אַנטוישונג אין וואַרשע, אַ ניט ווינציקער פיינלעכע אַנטוישונג האָב איך געליטן פון מיין געטרוימטער רוזשקעלע.

איבער דער צייט פון מיין אויפהאַלט אין וואַרשע, האָב איך זי אויף קיין איין מאָמענט ניט פאַרזען, ווי נאָר אַ פרייער מאָמענט האָב איך אים איר געווידמעט, האָב אָבער באַדאַרפט קומען דער טרויעריק באַרימטער: „בלוטיקער מיטוואָך" די „בויאַווע קאָלאָ" (דער קאַמפּס-קרייז) פון די פ.פ.ס. האָט דעם טאָג באַשטימט דורכצופירן אַ סעריע טעראָריסטישע אַטענטאַטן, וואָס האָט, פאַרשטייט זיך, אַריינגעוואָרפן די פּאָליציי און מיליטער אין אַ ווילדער פּאַניק, און זיי האָבן געענטפערט מיט אַ ווילדן טעראָר, שיסנדיק אין די גאַסן, אויף רעכטס און אויף לינקס, אַז דאָס אַרויסגיין אין גאַס איז געווען אַ געפאַר, מענטשן זיינען געבליבן נעכטיקן אין די הייזער אָדער טויערן, וועלכע זיי האָבן נאָר דערגרייכט, זיך צו ראַטעווען פון די קוילן. דעם אָוונט בין איך שוין פאַרבליבן מיט מיין רוזשקעלען אַליין אין צימער, די אַנדערע חברטע, שותפטע פון דעם צימער האָט גענעכטיקט

ערגעץ אַנדערש ווו, זיינען מיר די צוויי יונגע טייבעלעך פאַרבליבן אַליין אַ גאַנצע נאַכט... דער סוף איז געווען, אַז פון דער אויסערגעוועגלעכער איבערלעבונג, האָט זיך מיין רוזשקעלע געפילט באַליידיקט אין דער טיפ־קייט פון איר מיידלשער נשמה... עס האָט ניט געהאָלפן מיין פאַרטיידיקן זיך, אַז גאָט האָט פאַרבאָטן אַז מענטשן פון אונדזער סאָרט, וואָס געפינען זיך אין אַזעלכע אומנאַרמאַלע אומשטענדן זאָלן זינדיקן, זיי מוזן זיך רעכענען מיט די קאָנסעקווענצן. אָבער עס האָט ניט געהאָלפן, אונדזער ליבע איז פאַרשאַטנט געוואָרן.

איך בין טאַקע אַ 15 טעג שפּעטער אַרעסטירט געוואָרן, און אָפּגעשיקט געוואָרן אין דער מאָדלינער פעסטונג, האָט זי מיר דאָך אַריינגעשיקט אַ קאָשעקל שפּייז, אָבער דאָס איז געווען דאָס ערשטע און דאָס לעצטע מאָל וואָס איך האָב פון איר עפּעס דערהאַלטן, אָדער אַפילו פון איר געהערט. ווען איך בין מיט אַ יאָר שפּעטער צוריק געקומען פון זשיטאָמיר, אויף מיין רייזע נאָך פּאַריז, האָב איך זיך אָפּגעשטעלט אין וואַרשע, און האָב דאָרט אויסגעפונען דאָס זי מיט די אַנדערע חברות אירע זיינען אַוועקגעפאָרן נאָך די פאַראייניקטע שטאַטן פון אמעריקע.

ווי אַזוי בין איך אַריינגעפאַלן אין מאָדלינער פעסטונג? דאָס איז עס: מיין אַרעסט איז פאָרגעקומען אין פרילינג פון 1907, צוזאַמען מיט מיינס אַ חבר, מיר האָבן דעמאָלט געוווינט ביי זיינס אַ שוועסטער, נאָך דער ראַגאַטקע, אין קוינסקעוואָלע, אייגנטלעך האָט מען אים און ניט מיך געזוכט. דער פאַקט איז, אַז ווען די פאָליציי האָט אַ שבת אין דערפרי אָנגעקלאַפּט, האָב איך זיי געעפנט די טיר, דאָס ערשטע וואָס דער געהיים־אַגענט, וואָס איז געקומען באַגלייט מיט פאָליציי און סאָלדאַטן, האָט מיך גע־פרעגט איז געווען וואו איך אַרבעט, אַז איך האָב אים געזאָגט אַז איך אַרבעט אויף די נאַלעווקעס האָט ער גלייך געזאָגט אַז ניט מיך זוכט ער, אָבער דער צווייטער חבר האָט געזאָגט דאָס ער אַרבעט אויף דער טוואַרדע גאַס, האָט ער גלייך אַריינגעכאַפּט אַ פּליאַסק פון דעם געהיים אַגענט און די אַנדערע האָבן צוגעלייגט. זיי האָבן אים שרעקלעך צעשלאָגן, ווי עס האָט זיך שפּעטער ארויסגעוויזן, האָט ער געצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון אַ שפּיצל (אַ געהיים אַגענט), אין יענער געגנט ווו ער האָט געאַרבעט, ער האָט אים געזען שפּאַצירן מיט דעם פריער דערמאָנטן דייטשישן חבר סינאַהוי. דאָס וואָס עס האָט געמוזט ציען די אויפמערקזאַמקייט איז דער קאָנטראַסט פון די ביידע טיפּן, דער דייטש, איז געווען אַ הויכער פערזאָן, נעט געקליידעט, אַ סאַמעטענע מאַרנאַרקע, מיט אַ פּאַנאַמאַ הוט און אַ בערדל אַלאַ רעמבראַנד, און דער חבר לייזער, אַ קליין געוויקסיקער, אַ טיפּיש יידעלע, מיט פּראָסטע אַרבעטס קליידער פון אַ האַלץ־טאָקער. אונדזער אַדרעס האָט זיין בעל־

הבית, ווו ער האָט געאַרבעט, זיי געגעבן, אָבער מערקווירדיק, ווען איך האָב דעם חבר סינאָהוי געזען צום ערשטן מאָל, ווען ער איז געקומען אין וואַרשע איז ער געקומען אויף אונדזער קוואַרטיר, האָב איך אים קאַטעגאָריש געזאָגט, דאָס ער זאָל מער ניט קומען. אין אַלגעמיין האָב איך געזאָגט, אז זיין פּלאַץ איז ניט וואַרשע, ער קאָן ניט קיין פּויליש און ניט קיין יידיש, וואָס קען ער דאָ אויפטאָן? און צווייטנס, זיינען זיינע קליידער מיט דעם שפּיציקן בערדעלע אַ לאַ רעמבראַנד גוט פאַר דייטשלאַנד, אָבער ניט דאָ און נאָך ווינציקער צווישן די פאַרסמאַלעטע אַרבעטער. אָבער לייזער האָט אַנדערש געדענקט, פאַר אים איז געווען אַ כבוד זיך צו חברן, גיין שפּאַצירן מיט אים. נו, האָט ער באַצאָלט דערפאַר, און איך האָב געמוזט טיילן זיין גורל. אַז מען האָט אים אַרעסטירט, האָט מען מיך מיטגענומען, כלומרשט נאָר אונטערצושרייבן דעם פּראָטאָקאָל און באַלד וועט מען מיך פריי לאָזן. ארויסגעוויזן האָט זיך, אז מען האָט אונדז געהאַלטן איבער 6 חדשים אין דער מאָדלינער פעסטונג, און שפּעטער מיט דעם עטאַפּ איבערגעפירט אין דער זשיטאָמירער תפיסה, ווו מען האָט אונדז ווידער אָפּגעהאַלטן אַ פּאָר וואָכן, און אונדז באַפרייט מיט דעם באַדינג, דאָרט צו בלייבן אונטער פּאָליציייִשער אויפזיכט, ביז מען וועט אַראָפּנעמען אין וואַרשע די סילנע־אָכראַנע — אַ האַלבער קריג־צושטאַנד, אָדער באַלאַגערונגס צושטאַנד.

מיין חבר איז אין אַ פּאָר טעג ארום אָפּגעפאָרן נאָך וואַרשע,ביידע האָבן מיר ניט געהאַט גענוג געלט אויף רייזע הוצאות, ער האָט געזאָגט דאָס ער קאָן גיכער ווי איך קריגן דאָרט אַביסל געלט, האָב איך אָפּגעגעבן די לעצטע פאָר רובל וואָס איך האָב נאָך געהאַט און געבליבן אין דעם גאַסט־הויז אויף דער טשורנאָווסקער גאַס וואַרטן... עס איז פאַראיבער וואָכן און איך האָב פון אים ניט געהערט, און דערווייל האָב איך געהונגערט שרעקלעך, איך האָב זיך טעג גענערט מיט די ציבעלעס, וואָס איך האָב ביינאַכט געגנבעט אין דער קיך, ביז איך בין אין אַ שיינעם אויפדערנאַכט געפאַלן אין חלשות, און ווען איך בין צו זיך געקומען, האָב איך זיך מודה ומתודה געווען פאַר אַ פריינט, אַ ס.ר. (סאָציאַליסט רעוואָלוציאָנער). דער האָט פאַר מיר באַלד געפונען אַ וווינונג ביי אַ צווייטן חבר, ווו איך האָב שוין אויך געגעסן אויף באָרג, ביז עס וועט אָנקומען דאָס געלט פאַר מיר, די עלטערן פון דעם פריינט, זייער איידעלע מענטשן, דער פאָטער איז געווען אַ שוסטער, זיי האָבן מיר גערעכנט 15 קאָפּיקעס אַ טאָג, פאַרשטייט זיך אז דאָס איז געווען כדי מיך ניט מביש צו זיין, איך האָב זיך געזען געצוווּנגען צו שרייבן צו מיין משפחה אין פּאַריז, און עס איז טאַקע באַלד אָנגעקומען גענוג געלט, זיך פאַרנאַנדערצוצאָלן מיינע חובות און

צו קענען מאַכן מיין רייזע צוריק נאָך פּאַריז, אָבער, איבער דער צייט פון מיין אויפהאַלטן זיך אין זשיטאָמיר, בין איך געוואָרן באַפריינדעט מיט דער גרופּע סאָציאַליסטן רעוואָלוציאָנערן, וואָס זענען דאָרט געווען זייער טעטיק, איך האָב זיך באַטייליקט אין זייערע פאַרזאַמלונגען, און אפילו אַרויסגעטראָטן מיט אַ געשריבענער רעדע, ביי אַ מיטינג אין אָנדענק פון די דעקאַבריסטן, וואָס זיי האָבן דורכגעפירט אַ פּרייטיק צו נאַכט אין אַ שול, איך האָב אויך בייגעוווינט אַ זיצונג אין הויז פון אַן אָפּיצער. הגם זיי האָבן גאַנץ גוט געוווּסט מיינע אַנזיכטן, ווייל ניט איינמאָל האָבן מיר דיסקוטירט, דאָך האָבן זיי געהאַט צו מיר אַ גרויסן צוטרוי און זיך געהאַלטן זייער חבריש מיט מיר אָבער צום סוף בין איך זייער שטאַרק געשטרויכלט געוואָרן. דאָס האָט אַ סוף געמאַכט צו אונדזערע באַציונגען. דאָס האָט אַזוי פּאַסירט: אין אַ געוויסן טאָג האָבן זיי מיך דעלעגירט אויפצומאָנען ביי אַ בעל־הבית, אַ שילדן־מאָלער אַ געלט שטראָף. איך געדענק ניט גענוי די סומע, 5 אָדער 10 רובל. פאַרוואָס די שטראָף איז געווען, געדענק איך שוין אויך ניט, און פאַר דעם פאַל איז עס אויך ניט וויכטיק, וויכטיק איז דער פאַקט, וואָס איז געבליבן איינגעקריצט אין מיין זכרון. ווען איך האָב פאַר זיך דערזען, דעם „רייכן" בעל־הבית מיט די בעלהביתטע, די ברעקלעך קינדערלעך האַלב נאַקעט און באָרוועס, איז מיר פינסטער געוואָרן פאַר די אויגן. ווען איך האָב ביי מיר אַ פּאָר רובל וואָלט איך זיכער געטאָן אַ גרויסע מצוה זיי צו געבן, זיי זאָלן קענען מאַכן שבת. ווען איך בין צוריקגעקומען צו דער גרופּע, מיט מיין טרויעריקן באַריכט, בין איך ביטערלעך קריטיקירט געוואָרן, אַזעלכע ווייך־האַרציקע קענען קיין רעוואָלוציאָנערן ניט זיין און זיי האָבן מיט מיר איבערגעריסן, דאָס הייסט אַז איך האָב פאַר זיי ווי פאַר די אַנאַרכיסטן ניט געטויגט. די אַנאַרכיסטן אין זשיטאָמיר, נאָכדעם ווי זיי האָבן געגומען אינפאָרמאַציע וועגן מיר אַזש אין פּאַריז, האָבן מיך אויסבראַקירט פאַר זיין אַ קעגנער פון טעראָר און פון עקספּראָפּריאַציעס, האָב איך שוין ניט געהאַט קיין אַנדער ברירה ווי צו נעמען מיין קלימיקל און זיך לאָזן אין וועג אַריין צוריק נאָך פּאַריז, לאָזנדיק נאָך זיך אַ צעבראָכן האַרץ פון אַ מיידל, איינע פון די צוויי שוועסטער מיט וועמען איך בין דורך די ס.ר.ער פריינט באַקאַנט געוואָרן, און געוואָרן אַן אָפטער אַריינגייער צו זיי, די צוויי שוועסטער שניידערקעס פון פאַך האָבן געאַרבעט ביי זיך אין הויז, איינע איז לא עליכם שוין געווען אַ פאַרזעסן מיידל, די צווייטע הגם אַ סך יינגער דאָך עלטער פון מיר, אָבער דאָך יונג גענוג, און זי האָט זיך אין מיר שטאַרק פאַרליבט, ניט געקוקט דאַרויף וואָס איך האָב איר דערקלערט מיין טרייקייט צו מיין רוזשקעלען, און דאָס איך בין אַ וואַגאַבונד, אויסגעשטעלט יעדן מאָמענט צו ווערן אַרעסטירט און פאַרשיקט, אָבער דאָס האָט ניט געהאָלפן. דאָס

האט געווירקט אויף מיר דאס איך זאל צואיילן מיין יאזדע אויף צוריק. און אין אנהייב 1908 בין איך מיט 10 סענטים אין קעשענע א פילפאכער דערשיטערטער פון מיין ביטערער דערפארונג פון די אנארכיסטן אין ווארשע און אין זשיטאמיר, און פון מיין חבר, וואס האט אין מיר פארגעסן, מיך געלאזט אויף הפקר, און וואס איך האב פארלוירן מיין רוזשקעלען. אבער דאך ניט קיין אנטוישטער, ווייל דא אין פאריז האב איך גלייך צוריק געפונען מיין סביבה, מיין ארבעט, און ס'האט לאנג ניט גענומען איך זאל צוריק געפינען מיין גייסטיקן גלייך־געוויכט, די ווונדן פון די צוויי ביטערע יאר וואס איך האב איבערגעלעבט אין ווארשע און אין זשיטאמיר זיינען שנעל פארהיילט געווארן, אבער ווי א דערפארונג זיינען די דאזיקע יארן פארבליבן אויף מיין גאנצן לעבן.

מיין טעטיקייט אין פאריז פון 1908 ביז 1914

מיין פריינט נומער איינס איז געווען, ביי יענער צייט, דער חבר בענסאן, פון ריגע (א פוטער־ארבעטער פון פאך) ער האט באהערשט די דייטשישע און די פראנצויזישע שפראך, ער פלעגט איבערזעצן דערציילונגען, פון דייטש פאר דעם „זשערמינאל״, וואס רודאלף ראקער האט ארויסגעגעבן אין לאנדאן. ער איז אין יאר 1913 געווען דער טעכנישער רעדאקטאר פון דעם נעא־מאלטוזיאניסטישן ארגאן „דער וואכמאן״, וואס איך האב אנגעהויבן ארויסצוגעבן אין פאריז, דער ערשטער נומער האט זיך געדרוקט אין דער דרוקעריי פון דעם „ארבעטער־פריינד״ אין לאנדאן, אונטער דער אויפזיכט פון ש. לינדער, וואס האט סימפאטיזירט מיט דער ארבעט.

נאך א חבר פון דער זעלבער גרופע צו וועמען איך בין געבליבן צוגעבונדן, איז געווען א רומענישער ייד, א סטאליער פון פאך, זיין נאמען איז געווען שפיגלער, ער האט דורכויס געוואלט מיך פאר אן אידעם, ער האט נעבעך ניט געוווסט מיין פארבארגענע ליבע צו רוזשקעלען אין ווארשע. אונדזער גרופע איז שפעטער רייכער געווארן מיט צוויי ליבע פריינט, סארא און אברהם פרומקין, מיט וועמען איך האב זיך זייער באפריינדעט. ער האט אפילו אין יאר 1913 איבערגעזעצט א בראשורע פון דעם פראנצויזישן שרייבער וויקטאר מעריק, „לא שער א קאניאן״ (דאס קאנאנען פלייש). דאס איז געווען פון א נעא־מאלטוזיאניסטישן אינהאלט. און אים האב איך געהאט צו פארדאנקען, וואס א פאר יידישע אנארכיסטישע רעוואלוציאנערן האבן מיר ניט אנגעבראכן די ביינער פאר פרובירן האלטן א רעפעראט איבער דער טעמע: „די געפאר פון אן איבערבאפעלקערונג״. זיי האבן געליארמט, דאס איך בין אן אנטי־רעוואלוציאנער, א בורזשוא, הגם

א. פרומקין איז ניט געווען קיין נעאָ־מאַלטוזיאַניסט, אָבער זיין באַציונג איז געווען פון אַן אינטעלעגענטן מענטשן. די ווילדע פאַנאַטיקער רעוואָלוציאָנערן האָבן געהאַלטן, אַז וואָס מער נויט, אַלץ גיכער וועט די געוווּנטשטע סאָציאַלע רעוואָלוציע קומען. ער האָט זיי איינגעשטילט, איך בין אַוועק מיט גאַנצע ביינער. מיין אַרבעט האָב איך ווייטער אָנגעפירט און אַרויסגעגעבן אַ צווייטן נומער פון דעם „וואַכמאַן״, שוין געדרוקט אין פּאַריז, איך האָב שוין אויך געהאַט אַ היפּשע צאָל סימפּאַטיקער אַרום מיר. דורך די טעטיקייטן פון אונדזער גרופּע „זעלבסט־בילדונגס פאַריין״, וועמענס סעקרעטאַר איך בין שפּעטער געוואָרן, האָב איך זיך פּערזענלעך באַקאַנט מיט דעם שוין היינט פאַרשטאָרבענעם חבר רודאָלף ראָקער. ראָקערן פלעגט אונדזער גרופּע אַראָפּברענגען צוויי מאָל אין יאָר צו האַלטן אַ סעריע רעפעראַטן, און הויפּטזעכלעך צו די יום־כפור בעלער, וואָס איז געווען אַ טראַדיציע ביי די יידישע אַנאַרכיסטן אין פּאַריז. ביי דער געלעגנהייט האָט ראָקער געהאַלטן אַ רעפעראַט איבער אַן אַנטי־רעליגיעזער טעמע, אַזוי אַרום זיינען מיר פאַרבליבן באַפריינדעט ביז דעם לעצטן מאָמענט פון זיין לעבן. יעדעס בוך, אָדער בראָשורע, יעדעס בלעטל, וואָס ער זאָל ניט האָבן אַרויסגעגעבן, האָט ער ניט פאַרגעסן מיר צוצושיקן פון זיי אַן עקזעמפּלאַר. זיין לעצטן אַרטיקל אין דעם „אַרבעטער־פריינד״ וואָס ער האָט געשריבן אין די ערשטע וואָכן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה אין 1914 אונטער דעם קעפּל: „דער זיגער וועט ניט זיין זיכער מיט זיין זיג״, נאָך וועלכן ער איז באַלד געוואָרן איינגעשפּאַרט אין דעם קאָנצענטראַציע לאַגער פאַר פיינטלעכע בירגער, אין לאָנדאָן, האָב איך איבערגעזעצט פאַר דעם פראַנצויזישן אַנאַרכאָ־סינדיקאַליסטישן אָרגאַן, „לאַ באַטיי — סינדיקאַליסט״ (דער סינדיקאַליסטישער קאַמף) און דאָס איז געווען מיין לעצט שטיקל אַרבעט אין פראַנקרייך.

הגם איך האָב ניט איבערגעריסן מיט דער אימיגראַנטן וועלט, וואָס האָט דעמאָלט, מער ווי ווען פריער געווירבלט אין פּאַריז. דאָס איז געווען צו פאַרדאַנקען די געשעענישן אין רוסלאַנד, די מלחמה מיט יאַפּאַן, און די רעוואָלוציע פון 1905 און 1906 — אָבער מיינע בליקן האָב איך מער ניט געווענדעט אויף צוריק, די צוויי יאָר אין פּוילן און אין רוסלאַנד, האָבן מיך אויסגעטשוכעט פון מיין יוגנטלעכן טרוים, איך האָב אָנגעהויבן זען דיווירקלעכקייט אין אירע געהעריקע פּערספּעקטיוון, דאָס הייסט אין דער געהעריקער ליכט. די היים פון אַ רעוואָלוציאָנער איז דאָרט ווו ער געפינט זיך, דאָרט ווו ער קען זיין נוצלעך. אויך דאָ אין דער פרייער רעפּובליק, איז נאָך פאַראַן אַ גרויס פעלד וואָס נייטיקט זיך באַאַרבעט צו ווערן, אויך דאָ קען איך אויסנוצן מיין דינאַמיזם לטובת מיין אידעאַל און באַוועגונג, און איך האָב זיך טאַקע גלייך אָנגעשלאָסן אין דער פראַנצויזישער פעדע־

ראַציע, ווו איך האָב אין דער אמתן מער געגומען, דאָס הייסט מער גע־לערנט, ווי איך האָב געקאָנט גייסטיק געבן, דאָרט צווישן די פראַנצויזן האָב איך געפונען מענער ווי אַ זשאַן גראוו, דער רעדאַקטאָר פון דער („טאָן נוואָ״) „נייע צייט״, סעבאַסטיאַן פאָר, דער אומדערמידלעכער קאָנפערענ־ציסט, און גרינדער פון דער פרייער שולע פאַר קינדער: „לא רוש״ (דער בינשטאָק), שאַרל מאלאטאַ און אַ צאָל אַנדערע, וועמענס רעפּעראַטן איך האָב פרום נאָכגעפאָלגט. איך בין געוואָרן אַ מיטגליד פון דער גרופּע: „לא זשענעס אַנאַרשיסט״ (די אַנאַרכיסטישע יוגנט) ווו איך בין געוואָרן זייער טעטיק און אין דער גרופּע האָב איך זיך באַקאַנט מיט דעם חבר פּיער מאַרטאַן, דער רעדאַקטאָר פון דעם אָרגאַן „לע ליבערטער״ (דער פרייהייטס־קעמפער). ער האָט אויף מיר געמאַכט אַן אויסערגעוויינלעכן איינדרוק, איך בין זייער שטאַרק צוגעבונדן געוואָרן צו אים, און מיט דער צייט בין איך אויך געוואָרן אַ מיטגליד אין דער רעדאַקציע פון דער צייט־טונג. מיין הויפּטאַרבעט איז פון אָנפאַנג באַשטאַנען אין דעם אַדמיניסטראַ־טיוון טייל פון דער צייטונג און פון דעם פאַרלאַג, און שפּעטער צו, בין איך געוואָרן דער איבערזעצער, פון יידיש, פּויליש און רוסיש. עס רעדט זיך אַזוי דער איבערזעצער. אַ סך האָט מיר געהאָלפן דער רעדאַקטאָר, די פאַטערלעכע באַציונג פון דעם אַלטן וועטעראַן, פּיער מאַרטאַן. ער אַליין איז אַ געוועזענער אַרבעטער, אַ פאָטאָגראַף פון פאַך. ער האָט זיך אין די תּפיסות אויסגעשטאַלטיקט, ער איז געווען איינער פון דעם טרויעריק באַ־רימטן „פּראָצעס פון די 30״, אין וועלכן אויך פּיאָטער קראָפּאָטקין איז אַריינגעצויגן געוואָרן און איז אויך צוזאַמען מיט אים געזעסן אין דער זעל־בער תּפיסה — קלערוואָ. ער פלעגט תּמיד דערציילן ווי פּ. ק. האָט זיך צו אים, דעם האַראַפּאַשניק, באַצויגן, ווי ער, פּ. ק. האָט מיט אים געקנעלט.

און איצט זיין, פּיער מאַרטאַנס, באַגעגענונג צו אונדז, יונג־וואַרג, איז אָן שום ספק געווען דער רעזולטאַט פון פּ. קראָפּאָטקינס איינפלוס. מיינע איבער־זעצונגען, האָט ער פאַרשטייט זיך ניט נאָר קאָרעגירט, נאָר כּמעט אַליין זיי געמאַכט מיט מיין צוהילף, אָבער דאָס האָט געהייסן, אַז טאָלסטוי האָט די איבערזעצונגען געמאַכט. (יעדנפאַלס די ערשטע צייטן פון מיין נאָוואַ־מיזם אויף דעם געביט), דעם נאָמען טאָלסטוי האָבן מיר די פראַנצויזישע חברים געגעבן צוליב מיין רוסישן אָפּשטאַם.

איך בין אין דער רעדאַקציע פאַרבליבן ביז דעם 4טן אויגוסט 1914, דאָס הייסט ביז דעם אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. די צייטונג איז אָפּגעשטעלט געוואָרן, און איך אַלס אויסלענדער און אַנאַרכיסט בין אין דעם זעלבן טאָג אַרעסטירט געוואָרן, ריכטיקער צומאַרגנס, הגם מען איז געקומען מיך זוכן אין דער זעלבער נאַכט, אָבער אַזוי ווי מיר האָבן זיך

דערויף געריכט, בין איך די נאַכט ניט געקומען שלאָפן אין דער רעדאַקציע. אָבער מערקווירדיק, בלויז מיין נאָמען טאָלסטוי איז געווען באַקאַנט די פּראַנצויזישע חברים, קיינער פון זיי האָט ניט געוווסט מיין ריכטיקן נאָמען, און אויף דער יידישער גאַס האָט מען מיך געקאַנט אונטער דעם נאָמען גוסטאַוו. ווען איך בין אַרעסטירט געוואָרן, האָט צומאָרגנס דער אַנאַרכאָ־סינדיקאַליסטישער אָרגאַן, „לאַ באַטיי — סינדיקאַליסט״ פאַרעפנטלעכט אַ נאָטיץ, אַז מען איז די נאַכט באַפאַלן די רעדאַקציע פון דעם „ליבערטער״ און מען האָט אַרעסטירט דעם חבר טאָלסטוי. מיין ברודער, דער בונדאָווער, האָט די נאָטיץ געליינט, אָבער ער האָט ניט געוווסט, אַז דאָס איז זיין ברודער, אָבער ווען די פּאָליציי איז געקומען מיך זוכן, האָט זי אויסגעשריבן אַלע נעמען, פון מיין טאַטן, מאַמען און מיין ריכטיקן נאָמען גדליה פּופּקאָוויטש, און טאָלסטוי, דאָס באַווייזט אַז די קאָנספּיראַציע מיינע — הגם ניט קיין אַבזיכטלעכע — האָט נאָר געגילט פאַר די חברים, פאַר מיין משפחה, אָבער ווייט ניט פאַר דער פּאָליציי. די פּאָליציי פירט גוט איר פּערזאָנען־קאַרטע. אין דעם ספר זיינען פאַרשריבן אַלע אַנאַרכיסטן, דאָס איז אַ ספּעציעל בוך. אין דער קאָנפערזשרי — די הויפּט־פּאָליציי קוואַרטיר — האָב איך שוין געטראָפן די חברים, בענסאָן און ארגעאניק. מען האָט אונדז געהאַלטן אין אַן אַלגעמיינעם קאַמער ווי די גענדז, צוזאַמען מיט אַ סך אַנדערע בירגער פון די פיינטלעכע לענדער, אויסגעמישט מיט איינפאַכע אַרעסטאַנטן, שכורים, קעשענע גנבים און אַנדערע. דאָס איז געווען אַ פּראָוויזאָרישע תפיסה, אַ סאָרט רוסישע פּערעסילנע, פון וואַנען מען שיקט פאַנאַנדער די אַרעסטירטע לויט זייער פאַראורטיילונג, דאָ האָט מען אונדז געהאַלטן אַ 15 טעג און מען האָט אונדז באַפרייט. פאַרשטייט זיך ניט פריער ווי מען האָט אונדז פאָטאָגראַפירט פון אַלע זייטן און גענומען אונדזער פינגער־אָפּדרוק און אַזוי ווייטער.

פּאַריז האָט זיך ווי דורך אַ כישוף איבער נאַכט פאַרוואַנדלט אין אַ ווילדע אָרגיע, פּאַטריאָטישע מאַניפעסטאַציעס כמעט אין יעדער גאַס, אין יעדע שעה פון טאָג, גרויס און קליין, מענער און פרויען האָבן געליאַרעמט „נאָך בערלין!״ „נאָך בערלין:״ די אַרבעטער באַוועגונג מיט דעם באַוווסטן אַנאַרכאָ־סינדיקאַליסט לעאָן זשואָ, דער גענעראַל סעקרעטאַר פון דער סע. זשע. טע. (די אַלגעמיינע אַרבעטער קאָנפעדעראַציע), האָט פאַרגעסן זייער רעזאָלוציע פון 9טן קאָנגרעס אין אַמיען (פראַנקרייך) וואָס זיי האָבן פּייערלעך אָנגענומען אין יאָר 1909, און וואָס זאָגט : „די אַרבעטער האָבן ניט קיין פאָטערלאַנד״ און זיי האָבן גערופן די אַרבעטער צום קאַמף קעגן די באַרבאַרן. לעאָן זשואָ, האָט גלייך זיך אַריינגעצויגן, אין דעם קריגס מיני־סטעריום, גוסטאַוו הערווע, דער רעדאַקטאָר פון דעם אַנטי נאַציאָנאַלן

אָרגאַן: „לאַ גער סאָציאַל" (דער סאָציאַלער קריג) וועלכער איז געווען פּאַראורטיילט צו 4 יאָר תּפיסה פאַר אַריינשטעקן אין דער אַנווענזנהייט פון זיינע שילער, ווען ער איז געווען אַ לערער אין אַ שול, די נאַציאָנאַלע פאָן אין אַ הויפן דרעק, איז איבער נאַכט געוואָרן אַ ווילדער פּאַטריאָט. זיך פאַראייניקט מיט די גרעסטע רעאַקציאָנערן, ער, וואָס האָט נאָך יעדן מאָל־צייט פאַרביסן אַ גלח, האָט זיך איצט געקושט מיט דעם קאַרדינאַל פון פּאַריז, ער האָט אפילו געפאָדערט די קעפּ פון די ענגלישע קוילן־גרעבער, פאַר דערקלערן אַ סטרייק פאַר אַ העכערן אַרבעטס־לוין, בשעת די קוילן־מאַגנאַטן האָבן געהעכערט דעם פּרייז אויף דעם פּראָדוקט. ער האָט די אַרבעטער און ניט די אייגנטימער פון די קוילן מינען, אָנגערופן פאַר־רעטער פון דעם פאָטערלאַנד, (די ענגלענדער זיינען דאָך בשעת דער מלחמה געווען די אַלירטע פון פראַנקרייך).

אויך אין דעם אַנאַרכיסטישן לאַגער האָט די לאַגע ניט אויסגעזען אַ סך בעסער. די „טאָן־נוואָ" מיט איר רעדאַקטאָר, זשאַן גראַוו בראָש, האָט גע־רופן צום קאַמף קעגן דעם דייטשישן מיליטאַריזם, דער אָרטאָדאָקסישער פּיער מארטאַן, האָט אָנגענומען אַ פּאַסיווע שטעלונג, גלייך אָפּגעשטעלט די דערשיינונג פון דעם „ליבערטער". דער „פרייהייטס־קעמפער" שאַרל מאַלאַטאַ, איז באַלד צומאַרגנס נאָך דער קריגס־דערקלערונג אַרויס מיט דער פייערלעכער דעקלאַראַציע אויף די שפּאַלטן פון דעם אַנאַרכאָ־סינדיקאַליס־טישן אָרגאַן: „לאַ באַטיי סינדיקאַליסט" (דער סינדיקאַלער קאַמף) וואָס האָט זיך געלייענט: „אויב דאָס פאָלק וויל מלחמה, טאָ, זאָל עס זי האָבן!" אָבער דעם דעצידירנדיקן איינפלוס האָט געמאַכט די דעקלאַראַציע פון דעם איינפלוסרייכסטן טעאָרעטיקער פון דער אַנאַרכאָ־קאָמוניסטישער שיטה, פּיאָטער קראָפּאָטקין, הגם דאָס איז געווען אַן איבערחזרונג פון זיין דעקלע־ראַציע וואָס ער האָט געמאַכט אויף זיין דורכרייזע איבער פּאַריז, אין יאָר 1906, וואָס זאָגט „אַז אין פאַל פון אַ מלחמה צווישן פראַנקרייך און דייטש־לאַנד, וועט זיין אָרט זיין אין די רייען פון דעם פראַנצויזישן חייל", און איצט האָט ער צוגעגעבן, דאָס ער באַדויערט וואָס זיינע אַלטע יאָרן דערלויבן אים ניט צו נעמען די ביקס אויף די אַקסלען צו פאַרטיידיקן די פראַנצויזישע ציוויליזאַציע. די דעקלעראַציע האָט ניט נאָר געהאַט אַ קאָלאָסאַלן איינפלוס אויף די פראַנצויזישע אַנאַרכיסטן, נאָר אויך אפילו אויף דער פּאָליציי, דאָס האָט געווירקט אויף דער פּאָליציי, דאָס זי זאָל זיך באַציען צו די אַנאַרכיסטן מיט מער איינזעעניש, און עס איז מער ווי זיכער, אַז אונדזער באַפרייאונג איז געווען דער רעזולטאַט פון אָט דער שטעלונג.

דער איינציקער וואָס איז פאַרבליבן געטריי די אַנטי־מלחמה פּרינציפּן איז געווען סעבאַסטיאַן פאָר, ער איז געבליבן אויסגעהאַלטן ביז דעם לעצטן

מאָמענט, ער האָט אַרויסגעגעבן אַ צייטונג: „סע קע אין פּאָ דיר״ (דאָס וואָס מען דאַרף זאָגן) אָבער ער האָט לאַנג ניט געקאָנט אָנגיין מיט דער טעטיקייט, ער איז פון דעם קריגס־מיניסטער געוואָרנט געוואָרן, אַז די רעקרוטן אָדער סאָלדאַטן ביי וועלכע מען וועט געפינען אַן עקזעמפּלאַר פון דער צייטונג, וועלן אַן אַ פּראָצעס, גלייך אויפן אָרט דערשאָסן ווערן, און דער זעלבער גורל דערוואַרט אים.

דער סעקרעטאַר פון די טיפּאָגראַפן, דער אַנאַרכאָ־סינדיקאַליסט יוטאָ, און דער סעקרעטאַר פון דער אַנאַרכיסטישער פעדעראַציע, לואיס לעקואן, וועלכע האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו גיין אין מיליטער־דינסט, זיינען איינגעשפּאַרט געוואָרן אין דער באַוווסטער תפיסה אין פּאַריז „לאַ סאַנטע״, ווו זיי זיינען געהאַלטן געוואָרן די גאַנצע צייט פון דעם קריג. — דער לעצטער איז היינט דער רעדאַקטאָר פון דער פּאַציפיסטישער צייטונג „ליבערטע״ (פרייהייט), וואָס האָט היינט צו טאָג אונטער דער ממשלה פון דעם גענעראַל דע גאָל אַ גרויסע צירקולאַציע. —

צווישן די רוסישע אימיגראַנטן אין פּאַריז, אונטער דעם איינפלוס פון דעם באַוווסטן אַנאַרכיסט, וו. וואָלין, און פון דעם סאָציאַל־דעמאָקראַט ל. טראָצקי האָט זיך זייער שטאַרק געטומלט, אָבער דער טומל איז ניט אַריבער די ד׳ אמות פון די ווענט פון זייער קלוב, און די פּאָליציי האָט געהאַלטן אַ וואַכזאַם אויג אויף זיי, ווי אויף אַלע פּאָליטישע אימיגראַנטן, און איבערהויפּט אויף די וואָס זיינען שוין געווען פאַרצייכנט אין דעם באַרימטן פּאָליציייאישן בוך ב. באַזונדערס האָט מען גאַנץ אָפּט אָפּגעשטעלט יונגע מענטשן אין גאַס, און זיי געפרעגט זייער אידענטיפיקאַציע קאַרטל, דאָס איז געווען פון איין זייט, און פון דער אַנדערער זייט, האָבן די מענטשן איבערהויפּט די פרויען, מיט פאַרדאַכט געקוקט אויף יונגע מענער אין גאַס, און גאַנץ אָפט אפילו זיך ניט געשעמט אַ פרעג צו טאָן, היתכן, ווי קומט עס, וואָס איר זייט ניט ווי אַלע אונדזערע מענער און זין מאָביליזירט? איך האָב טאַקע צוליב דעם באַשלאָסן, פאַר דער צייט פון דעם קריג זיך אָפּ־צוטראָגן, אָבער כדי צו באַקומען אַ פּאַס, האָב איך געמוזט האָבן דאָס ווייסע צעטעלע פון דער פּאָליציי. בין איך אַוועק צו דער פּערפעקטור דע פּאָליס (די הויפּט קוואַרטיר פון דער פּאָליציי). האָבן זיי מיך גענומען אויף אַ פאַרהער: וועלכער איז מיין מאָטיוו צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד, קיינער טשעפּעט איך ניט, דאָס איז טאַקע אמת, דירעקט באַאומרויקט מען מיך נישט אָבער דער אומדירעקטער דרוק מאַכט מיך פילן זייער שלעכט, און אַזוי ווי איך קען ניט גיין מיט דעם שטראָם, און נאָך וויניקער קען איך זיך אַנטקעגנ־שטעלן דעם שטראָם, האַלט איך פאַר ראַטזאַמער, מאָמענטאַל אָפּצופאָרן, און איך האָב זיי געזאָגט דאָס איך וויל איצט פאָרן נאָך שפּאַניע, מיין אָפּנ־

האַרציק מודה־זיין זיך, איז זיי געפעלן, יעדנפאַלס אַזוי האָבן זיי מיר געזאָגט, און מיר געגעבן דאָס ווייסע צעטעלע, און איך האָב דערמיט באַקומען דעם פּאַספּאָרט ,צו קענען אויך צוריקקומען אין לאַנד. פּאָר אַן אויסלענדער און מיט דעם שטעמפּל אַלס אַן אַנאַרכיסט, איז דאָס צו יענער צייט געווען אַן אויסערגעוויינלעכער פאַל, אמת אַן אויסלענדער לויט דעם געזעץ איז ניט געווען געצוווּנגען צו קיין מיליטער־דינסט, אפילו ניט אין דער צייט פון אַ מלחמה, אָבער מאָראַליש, אויב אַזוי קען מען דאָס באַצייכענען, איז עס ניט באַטראַכט געוואָרן ווי אַ פיינע שטעלונג מצד אַן אויסלענדער. אָבער יעדנפאַלס, אויגוסט 1915 בין איך אָנגעקומען אין דער שטאָט באַרצעלאָנע (קאַטאַלאָניע, שפּאַניע).

מיין טראגישער גורל אין שפּאניע

דער חבר צו וועמען איך בין לויט אונדזער פּרעלימינערן אָפּמאַך פאַרפאָרן — זיין נאָמען געדענק איך ניט — האָט פּונקט אַ טאָג פריער געמוזט אָפּפאָרן נאָך מאַדריד, האָט מיך זיין פרוי, אויך אַ חברה, אויפ־גענומען, און מיך אָפּגעפירט צו דער גרופּע: „טיער אי ליבערטאַד" (ברויט און פרייהייט). זיי האָבן אויך אַרויסגעגעבן אַ צייטונג מיט דעם זעלבן נאָמען. אין דער רעדאַקציע האָב איך אויך געטראָפן אַ פּאָר חברים, וואָס איך האָב געקענט אין פּאַריז ווען זיי פלעגן באַזוכן דעם „ליבערטער", ווו איך האָב געאַרבעט, מען האָט מיך זייער פיין אויפגענומען, מיך גלייך באַ־זאָרגט מיט אַ דירה, און צומאָרגנס האָבן זיי מיך אָוועקגעפירט צו דעם לאָקאַל פון די עלעקטראָציסטן סינדיקאַט (פּראָפעסיאָנעלן פאַריין) וואָס האָט באַלאַנגט צו דער סע ען טע (די אַנאַרכאָ־סינדיקאַליסטן). זיי האָבן מיר געגעבן אַ ווינקעלע ווו איך זאָל קענען בייטאָג אַרבעטן. מען האָט מיך באַקאַנט מיט אַ פראַנצויזישן חבר, וועלכער איז געווען אַ דאָרטיקער תושב, ער האָט זייער גוט געקאָנט די שטאָט, ער איז אַרויס מיט מיר זוכן אַרבעט, און אויך גלייך געפונען אַרבעט ביי מיין פאַך, די אַרבעט צו מאַכן ביי זיך אין דער היים. עס האָט געשיינט דאָס איך בין אַריין מיט דעם רעכטן פוס. אין דעם סינדיקאַט האָב איך באַגעגנט אַ צאָל פראַנצויזישע חברים פּליטים (דעזערטירן פון מיליטער דינסט) זיי האָבן מיך מקנא געווען: נאָר וואָס געקומען, און האָב שוין אַרבעט, ווען זיי פלאָגן זיך שוין חדשים לאַנג. אָבער דאָס גליק מיינס האָט לאַנג ניט געדויערט, איך האָב אפילו קיין צייט ניט געהאַט צו ענדיקן די אַרבעט אַלס פּראָבע וואָס איך האָב באַקומען (אַ טוץ בריוו־טאַשן) צו מאַכן. ווען איך בין אין אַן אָוונט — גייענדיק מיט אַ חבר, אַ קאַטאַלאַן, פון דעם רעסטאָראַן, ווו מיר האָבן געגעסן וועטשערע, — גלייך

אָפּגעשטעלט געוואָרן פון אַ געהיים־אַגענט. ער ווענדעט זיך צו מיין באַגלייטער און דער זאָגט אים, אַז דאָס בין איך, דאָס הייסט, אַז דאָס בין איך, וועמען ער זוכט. איך האָב דאָך דעמאָלט קיין שפּאַניש ניט געקאָנט רעדן. דער געהיים־אַגענט האָט צו אים גערעדט און דער חבר האָט אין פראַנצויזיש פאַר מיר איבערגעזעצט, דאָס איך זאָל זיך ניט זאָרגן, ער וויל נאָר דאָס איך זאָל מיט אים גיין אין דער הויפּטסטאַנציע פון דער פּאָליציי, אַלס אויסלענדער זיך צו רעגיסטרירן. איך האָב געבעטן דעם חבר ער זאָל מיט מיר מיטגיין, און דאָרט אויך זיין מיין טאָלמעטשער, אָבער ער האָט זיך אָפּגעזאָגט, איז אַוועק, לאָזנדיק מיך אין רשות פון דעם געהיים־אַגענט.

אַריינקומענדיק אין דעם פּאָליציי באַצירק, האָב איך באַלד דערפילט, אַז די זאַך איז שוין ניט אַזוי איינפאַך, קיין טאָלמעטשער האָב איך טאַקע שוין ניט באַדאַרפט, זיי האָבן גערעדט אַ גוטן פראַנצויזיש, און מען האָט אויך גאָרניט גערעדט, אפילו מיך ניט פיל געפרעגט, עס איז באַלד ביי מיין אַריינקומען דאָרט געוואָרן אַ גאַנצע בהלה, מען האָט געכאַפּט דעם העכט! קודם־כל, האָט מען דעם אַגענט גלייך אויפן אָרט באַצאָלט פאַר זיין טירחה, דאָס אַליין האָט מיר געגעבן אַ טיאַכקע אין האַרץ, אַז עפּעס איז דאָ ניט גלאַט כשר, אָבער איך בין ביי זיך געווען זיכער, אַז דאָ האָט פּאַסירט אַ טעות, וועלכער וועט ביי דער אויספאָרשונג אויפגעקלערט ווערן, איך האָב דאָך מיט זיך געהאַט אַלע אידענטיפיקאַציע דאָקומענטן, אַלע אין אָרדענונג. איך בין דאָך אַריינגעקומען אין לאַנד פולקום לעגאַל, טאָ פאַרוואָס דאַרף איך זיך שרעקן, האָב איך זיך זעלבסט געטרייסט, אָפּזיצנדיק אין דער קאַנצעלאַריע אַ שטיקל צייט, קיינער האָט צו מיר ניט גערעדט, האָט מען מיך שפּעטער זיך געהייסן אויסטאָן, ווי די מאַמע האָט מיך געבוירן. מען האָט געטרייבערט די קעשענעס, געשאָקלט די קליידער מיינע, זיי האָבן געפונען מיין טאָטנס אַ פאָטאָגראַפיע, ווער איז דער? דאָס איז מיין פאָטער, האָבן זיי זיך צעלאַכט, טאָלסטוי איז זיין פאָטער. — דער אמת איז, אַז מיין פאָטער, אַ דאַנק זיין ברייטער יידישער באָרד האָט דערמיט אַליין אַרויסגעוויזן אַן ענלעכקייט צו טאָלסטויען, אָבער דאָס איז פאָרט געווען מיין פאָטער. מיין דערקלערונג האָט אָבער ניט געהאָלפן, דאָס בילד איז ביי זיי פאַרבליבן צוזאַמען מיט אַלע מיינע דאָקומענטן. מער האָט מען מיך ניט אויסגעפרעגט, ווי זיי וואָלטן שוין אַלץ געוווסט פון און וועגן מיר. מען האָט מיך געהייסן צוריק אָנטאָן זיך, און מען האָט מיך אַראָפּגעפירט אין אַ קעלער, וואָס האָט מיך דערמאָנט אין די וואַרשעווער קאָזע, פון 1903, אין וועלכער איך האָב מיט צעבראָכענע ביינער, אויף אַ הילצערנער נאַרע זיך אָפּגעוואַלגערט אַ נאַכט. דאָ איז אפילו קיין נאַרע אויך ניט געווען, בלויז אַ הילצערנע באַנק אויף וועלכער איך האָב באַדאַרפט אָפּזיצן אַ גאַנצע נאַכט.

צומאָרגנס גאַנץ פרי, האָט מען מיך איבערגעפירט אין דעם קאַרצער־מאָדעלאָ (מוסטערהאַפטע תפיסה), מיך דאָרט איבערגעגעבן מיט דעם שטרענגען אָנזאָג מיך צו האַלטן פולקום איזאָלירט, — מיט מיר האָט מען גאָרניט גערעדט, און גאָרניט געפרעגט. נאָר איידער מען האָט מיך אַרייַנגעפירט אין מיין צעל, האָט מען מיך ווייטער געהייסן זיך אויסטאָן נאַקעט. דעם מאָל האָב איך געדענקט, אַז מען גייט מיר געבן אַ באָד, איידער מען פירט מיך אַריין אין דער קאַמער, ווייל אין דעם זעלבן צימער איז געשטאַנען אַ וואַנע, אָבער אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז מען האָט מיך געוואָלט אונטערזוכן ביז אין רעקטום, — אין דער אַרויסגאַנג־קישקע, — וואָס עס איז מיר ניט איינגעפאַלן צו פאַרשטיין פאַרוואָס, איך האָב זיך דאָך ניט באַקלאָגט, אַז איך לייד אויף מערידן... אָבער גאַנץ שפּעטער, ווען איך האָב געהאַט די זכיה צו קומען אין קאָנטאַקט מיט אַנדערע אַרעסטאַנטן, האָבן זיי דאָס מיר אויפגעקלערט, אַז די גרויסע פּראָפעסיאָנעלע פאַרברעכער, טראָגן דאָרטן אין דעם רעקטום באַהאַלטן קליינע גאָלדענע טובן, אַ קיילעכדיק שעכטעלע, אין וועלכער זיי האַלטן קליינע זעגלעך, איבערצוזעגן די קראַטעס פון זייער צעל, און פיל מאָל גיט זיך זיי איין צו אַנטלויפן...

אין דער קאַרצער מאָדעלאָ האָט מען מיך 15 טעג געהאַלטן לויט דער וואָרנונג פון דער פּאָליציי, אַבסאָלוט אָפּגעשלאָסן, אַפילו דער וועכטער פון דער טיר האָט ניט געענטפערט אויף מיינע רופן, ביז אין אַ שיינעם טאָג, איז אַרייַנגעקומען אין מיין צעלע, דער דירעקטאָר פון דער תפיסה, און מיר געזאָגט, אין אַ זייער פערפעקטן פראַנצויזיש, בדרך כלל באַקום איך מיט יעדן אַרעסטאַנט די געהעריקע אַקטן וועגן דעם אַרעסטירטן, אַמאָל קומט דער דאָקומענט אָן אַ טאָג צוויי שפּעטער, אָבער אין דיין פאַל, איז שוין אַריבער 15 טעג און מיר האָבן נאָך גאָרניט באַקומען, מיר האָבן זיך זייער גוט פאַרנאַנדערגערעדט, איך האָב אים דערציילט, די אבזיכט פון מיין קומען נאָך שפּאַניע, און וויאַזוי און ווען איך בין אַרעסטירט געוואָרן. ער איז אַוועק, אָבער די טיר האָט זיך שוין הינטער אים ניט פאַרמאַכט, בלויז אין אָוונט צום שלאָפן גיין. און דער וועכטער האָט שוין ניט קיין מורא געהאַט מיט מיר צו ריידן, מיינע שפּאַצירן אויפן הויף זיינען שוין ניט געווען קיין באַגרעניצטע, פון 15 אָדער 20 מינוטן, ווי דער שטייגער איז געווען. איך האָב שוין באַקומען ביכער פון דער תפיסה־ביבליאָטעק צו לייענען. דער וועכטער איז געווען גאָר אַ פיינער מענטש, ער האָט מיר געגעבן כדי צו פאַרטרייבן די צייט, צו שטאָפן טאַבאַק אין די גילזן פאַר אים. ער אַליין איז געווען אַ סטודענט אין דעם באַרצעלאָנער אוניווערסיטעט. ער האָט שטודירט אַדוואָקאַטור. איך האָב מער ניט געפילט די ביטערקייט פון מיין לאַגע, מען האָט שוין צוגעלאָזן מיך באַזוכן, עס איז געקומען די בעל־הביתטע פון מיין

דירה, און מיר געברענגט אַביסל וועש, וואָס איך האָב ניט געהאַט געביטן די גאַנצע צייט פון מיין אַרעסט. אָבער ליידער האָב איך מיט איר ניט געקאָנט ריידן, ווייל זי האָט קיין פראַנצויזיש ניט געקאָנט און איך — קיין שפּאַניש.

איין מאָל גייענדיק אויף מיין טעגלעכן תפיסה שפּאַציר, הער איך ווי מען שרייט, טאָלסטוי! אַ פאַרוואונדערטער האָב איך זיך אַרומגעקוקט ערשט איך דערזע צוויי איטאַליעניש חברים, וועלכע פלעגן גאַנץ אָפט קומען אין דער רעדאַקציע פון דעם ליבערטער, זיי האָט מען אויף אַן ענלעכן אופן ווי מיך אַרעסטירט, און מען שיקט זיי אַרויס נאָך איטאַליע, זיי האָבן שוין יאָ געקאָנט די שפּאַנישע שפּראַך, און זיי האָבן אויך געהאַט די געהעריקע פאַרבינדונגען אין באַרצעלאָנאַ, זיי האָבן גלייך אַרויסגעשיקט אַ בריוועלע צו די חברים און אַזוי אַרום האָבן זיך די חברים דערוווּסט פון און וועגן מיר, און עס האָט זיך גלייך אָנגעהויבן אַ סדרה פון גיין אין דעלעגאַציעס צו דעם גובערנאַטאָר פון דער שטאָט באַרצעלאָנאַ. דער האָט זיי תמיד געזאָגט דאָס זעלבע: אַז מען וואַרט אויף אויסקונפטן פון דער פראַנצויזישער פּאָ־ליציי. סטייטש? איך האָב דאָך אַ פראַנצויזישן פּאַספּאָרט, די פראַנצויזישע פּאָליציי, ווען זי וואָלט עפּעס געהאַט צו מיר, האָט זי דאָך געקאָנט מיך אַרעסטירן ווען איך בין געקומען נאָך מיין פּאַספּאָרט און פאַרוואָס שיקט מען מיך ניט צוריק קיין פראַנקרייך, יעדנפאַלס איז דאָך ניטאָ קיין מאָטיוו מיך צו האַלטן אַרעסטירט ווען איך בין דאָ קיין פאַרברעכן ניט באַגאַנ־גען, דער פאַקט איז, אַז קיין אָנקלאָגע ווערט ניט אָנגעגעבן, און דערצו האָט דער פראַנצויזישער קאָנסול, קאַטעגאָריש דערקלערט, אַז ער ווייס קיין זאַך וועגן דעם. אָבער די חברים האָבן געוואַרט, און דערווייל געהאַלטן אין איין שרייבן אין זייער פּרעסע וועגן דעם פאַרברעכן. אָבער ווייטער איז דאָס ניט געגאַנגען, די טעג און מיט זיי די וואָכן און חדשים זיינען גע־לאָפן, ביז אין איין שיינעם טאָג האָט דער אָרגאַן פון דעם לינקן פליגל פון דער רעפּובליקאַנישער פּאַרטיי: „זשערמינאַל" זיך פאַראינטערעסירט מיט מיין לאַגע. דער רעדאַקטאָר איז געווען זייער אַ ליבעראַלער מענטש, מיט דעם נאָמען איגלעזיאַס, דעם צווייטן נאָמען האָב איך ליידער שוין פאַרגעסן, ער האָט זיך דערוווּסט פון מיין פאַל, און ער האָט אָנגעהויבן אַ קאַמפּיין, און ער האָט טאַקע לויט מיין פאַרלאַנג, ניט געבעטן מיין באַ־פרייאונג, נאָר מען זאָל מיך שטעלן פאַרן געריכט. ער האָט געפאָדערט אַ פּראָצעס, ער איז אויך געווען אַ באַוווּסטער אַדוואָקאַט. עס איז דאָך קעגן געזעץ צו האַלטן אימעצן אַלס פאַרדעכטיקן מער ווי 72 שעה, טאָ ווי קומט עס, אַז מען האַלט דעם יונגן פאָליאַק שוין מער ווי 2 חדשים, אָן אים צו זאָגן אין וואָס ער ווערט באַשולדיקט, און דער קאַמפּיין פון דער צייטונג האָט אָנגעהויבן ווירקן אויף דער באַפעלקערונג, און אויך אויף די חברים,

אַז זיי האָבן אָנגעהויבן אָרגאַניזירן פּראָטעסט־מיטינגען, איז די פּאָליציי גאָר געפאַלן אויף אַן המצאה, און מיך טראַנספּערירט אין אַ צווייטער תפיסה, אין דעם צפון־טייל פון לאַנד, אין דער שטאָט וויגאָ, אַ האַפן־שטאָט פון גאַליציע (שפּאַניע), זאָגנדיק צו דער דעלעגאַציע, אַז מען האָט מיך אַרויסגעשיקט. פאַרשטייט זיך, אַז דער קאַמפּיין האָט זיך דערמיט געענדיקט.

מיין עטאַפּ נאָך וויגאָ.

שוין גאַנץ שפּעט אין דער נאַכט, איך בין שוין געלעגן אויף מיין געלעגער און געשלאָפן, האָט מען מיך אויפגעוועקט, און געהייסן איינפּאַקן מיינע זאַכן, און מען זאָגט מיר, אַז איך בין פריי, מען וועט מיך צופירן צו דער פּראַנצויזישער גרענעץ. וואָס איך האָב אין יענעם מאָמענט געפילט, איז שווער צו באַשרייבן, די זאַך איז אַזוי שנעל געגאַנגען, אַז איידער איך האָב ריכטיק צייט געהאַט אַ טראַכט צו טאָן, בין איך שוין געווען פון דער אַנדערער זייט טויער פון דער תפיסה, אַ פּאָליציאַנט, האָט מיך גלייך אָנגעכאַפּט ביי דעם גראָבן פינגער, און מיך צוגעפירט צו אַן אויטאָמאָביל, וואָס האָט געוואַרט אויף מיר, אין דעם אויטאָמאָביל זיינען שוין געזעסן נאָך אַ פּאָר אַגענטן, און מען האָט מיך טאַקע געפירט צו דער באַן־סטאַציע, און דאָרטן האָבן שוין געוואַרט אויף מיר, אַנדערע 2 ציווילע געהיים־אַגענטן, און צוויי קאַראַבינעראָס (שטאָט־פּאָליציי) מיט ביקסן, און מען זעצט מיך אַריין אין אַ וואַגאָן פון ערשטן קלאַס, און מיר פאָרן, אויפן וועג האָבן זיך די מחבלים זייער פריינדלעך צו מיר באַצויגן, אָבער אויף יעדער גרעסערער סטאַנציע, איז אַרויסגעקומען אַן אַגענט, און זיי געפרעגט, ווי עס גייט. איך האָב געגלויבט, אַז מען פירט מיך טאַקע צו דער גרענעץ, אָבער זעענדיק, אַז עס איז אַ מעשה אָן אַ סוף, עס איז שוין מער ווי 24 שעה ווי מיר פאָרן, און פון באַרצעלאָנאַ ביז דער פּראַנצויזישער גרענעץ נעמט ניט מער ווי אַ 10 אָדער 12 שעה, בין איך געוואָרן אומרואיק: אָבער מיט די שומרים האָב איך ניט געקאָנט ריידן, ווייל זיי האָבן ניט גערעדט קיין פּראַנצויזיש, אָבער איך האָב דאָך גערעדט, מיט די פינגער, מיט אַ פּאָר פּראַנצויזישע ווערטער. זיי האָבן מיך פאַרשטאַנען, דאָס הייסט, זיי האָבן פאַרשטאַנען דעם מאָטיוו פון מיין אומרואיקייט, זיי האָבן געהאַלטן אין איין זאָגן: וויגאָ, וויגאָ. האָב איך פאַרשטאַנען, אַז די גרענעץ הייסט וויגאָ. האָב איך געהאַלטן אין איין זוכן מיט די אויגן דעם שילד פון דער סטאַציע, וויגאָ.

אויף אַ געווויסער סטאַנציע, דער נאָמען איז מיר שוין אַרויס פון דעם זכרון, האָבן מיר באַדאַרפט בייטן די באַן, איז אויסגעקומען צו וואַרטן

אַ שיינע פּאָר שעה אויף דעם וואָקזאַל, האָבן זיי מיך געלאָזט פריי מאַרשירן, פאַרשטייט זיך מיט דער באַגלייטונג פון איין אַגענט, אָבער ער האָט ניט געצויגן די אויפמערקזאַמקייט אַלס אַזעלכער. איך בין צוגעגאַנגען צו דעם בופעט אין וואָקזאַל, גענומען קאַפע און עפּעס צוגעביסן, ער האָט מיך ניט געלאָזט באַצאָלן, און אויף דעם וואָקזאַל האָב איך שוין אויך גע־האַט אָנגעשריבן אַ בריוועלע צו מיין משפחה און חברה אין פּאַריז. דאָס איז געווען דאָס ערשטע בריוועלע וואָס איך האָב זיי איבער דער גאַנצער צייט געשריבן, און אין דעם בריוועלע זאָג איך זיי נאָר, דאָס איך פאָר נאָך דעם צפון־טייל פון שפּאַניע, פון דאָרט וועל איך זיי מער שרייבן.

איך האָב די גאַנצע צייט ניט געשריבן צו קיינעם, ווייל איך האָב ניט געוואָלט קיינעם באַאומרואיקן, און אויך דערפאַר וואָס איך האָב די גאַנצע זאַך ניט געהאַלטן פאַר וויכטיק. אָבער מיין חברה האָט זיך דאָך דערוווּסט, דורך די חברים אין דער ליבערטער, זיי האָבן עס געוווּסט פון דער שפּאַני־שער פּרעסע. זיי האָבן גענומען אַן אַדוואָקאַט, לאַנגע, אַן איינִיקל פון קאַרל מאַרקסן, ער האָט זיך גלייך געווענדעט צו דער פראַנצויזישער פּאָליציי, און די האָט קאַטעגאָריש דערקלערט, אַז זי האָט גאָרניט צו טאָן מיט דעם, אַז דאָס איז אַ זאַך פון דער שפּאַנישער פּאָליציי. ער האָט זיך אויך געווענדעט צו דער שפּאַנישער פּאָליציי, אָבער די האָבן אַפילו ניט גע־ענטפערט. און איך בין דערווייל געזעסן. און וואָס פאַר אַ ווערט האָט עס צו פאַרלירן עטלעכע חדשים, ווען די עלטער דריקט נאָך ניט. האָב איך ניט געשריבן.

מיין אנקום אין דער תפיסה פון וויגא.

די רייזע האָט געדויערט דוכט זיך מיר דריי נעכט און צוויי טעג, אַז מיר זיינען אָנגעקומען אין וויגאָ, האָב איך דורכמאַרשירט די גאַסן פון דער שטאָט, — עס איז געווען אַ היפּשע שטרעקע פון דעם וואָקזאַל ביז דער תפיסה, — אין דער באַגלייטונג פון די 4 מחבלים, אָבער די הענט ניט געבונדן, די פאַרבייגייער האָבן מיט פאַרוווּנדערונג אונדז נאָכגע־קוקט. מיט אַ סאַרקאַסטישן שמייכל האָט אונדז אויפגענומען דער דירעק־טאָר פון דער תפיסה, 4 פּערזאָן, צוויי ציווילע אַגענטן, 2 קאַראַבינעראָס מיט די ביקסן, פירן איין יונג־מענטשעלע, כמעט אַ דאַרן, אָנגעטאָן אין אַ לאַנגן אַריסטאָקראַטישן זשאַקעט, מיט אַ האַרטן קאַפּעלוש אויפן קאָפּ, עס האָט אים נאָר געפעלט די שוואַרצע האַנטשן און דער שטעקן, דאָס ער זאָל טאַקע אויסזען ווי אַן אַריסטאָקראַט. איך, באַגלייט פון אַזאַ שטאַרקער שמירה האָב געמוזט אַרויסרופן אַ געלעכטער און אַ פאַרדאַכט, אַז עפּעס איז דאָ ניט

גלאַט. דער דירעקטאָר האָט עס מיר צומאָרגנס געזאָגט, און דערצו נאָך, האָט מען אים אויך ניט איבערגעגעבן קיינע דאָקומענטן, קיינע אַקטן. מען האָט אים נאָר געזאָגט, אַז איך בין אונטער דער אויפזיכט פון דעם מי־ניסטער פון די אינערלעכע אָנגעלעגנהייטן. דאָס אַליין האָט ביי אים אַרויס־גערופן אַ פאַרדאַכט, ווייל אַזאַ פאַל האָט ער נאָך קיינמאָל ניט געהאַט, ער האָט געהייסן אַריינזעצן מיך אין אַ קאַרצער, ווו איך בין איבערגעשלאָפן די נאַכט, דאָס הייסט איבערגעלעגן די נאַכט, ווייל טראָץ מיין מידקייט פון דער רייזע, האָב איך ניט געקאָנט שלאָפן צוליב די מייז וואָס האָבן אַרומ־געטאַנצט, געזוכט צו כאַפּן אַ נאַש, פון דאָס ביסעלע פּראָדוקטן וואָס איך האָב זיך אויפן וועג איינגעקויפט, און אויך מחמת דער אַנטוישונג וואָס איך האָב געהאַט, מען האָט דאָך מיר געזאָגט אַז מען פירט מיך צו דער גרענעץ, צום סוף גאָר אין אַ צווייטער תפיסה.

אָבער אין דער פרי האָט מען מיך אַריינגעפירט אין דער קאַנצעלאַריע צו דעם דירעקטאָר, און ער, שוין אַן עלטערער מענטש, האָט מיך גענומען אויף אַ פאַרהער, דאָס איז גיכער געווען אַ שמועס פון אַ מענטש מיט אַ מענטש, ווען איך שעם זיך ניט, וואָלט איך געזאָגט אַז עס איז געווען אַ שמועס פון אַ טאַטן מיט אַ זון, אַזוי מענטשלעך איז געווען זיין באַנעמונג צו מיר, מען האָט געקאָנט לייכט זען אין זיינע אויגן דעם ביטערן איינדרוק, וואָס די געשיכטע האָט אויף אים געמאַכט, ער האָט באַלד געהייסן מיך אַריבערפירן אין אַ צווייטער צעל מיט אַ פענצטער, און גוטע בעטגעוואַנט.

דאָס ערשטע מאָל אין די דריי חדשים בין איך געשלאָפן אין אַ ריין בעט מיט אַ ווייסן ליילעך, און די טיר פון מיין צעלע איז דעם גאַנצן טאָג שוין געווען אָפן, מען האָט צוגעלאָזט צייטונגען, איך האָב געקאָנט ריידן מיט די איבעריקע אַרעסטאַנטן, איין אַרעסטאַנט האָט גערעדט אַביסל פראַנ־צויזיש, ער האָט מיך געראַטן שרייבן אַ בריוו צו דעם סאָציאַליסטישן דע־פוטאַט אין מאַדריד, פּאַבלו איגלעזיאַס, און ער האָט דעם בריוו אַרויסגע־שמוגלט דורך זיין פרוי בעת אַ וויזיט, און אין אַ פּאָר טעג אַרום, איז צו מיר געקומען דער רעדאַקטאָר פון דער לאָקאַלער סאָציאַליסטישער צייטונג: „לא סאָלידאַרידאַד״ — (די סאָלידאַריטעט) — פריינט באַטאַנאַ, ער איז אויך געווען אַן אָפּגעאָרדנטער פון דער שטאָט פאַרוואַלטונג־מוניציפּאַליטעט. און באַלד נאָך זיין וויזיט, האָט זיך אָנגעהויבן אַ קאַמפּיין, אָבער דאָס מאָל שוין איבער גאַנצן לאַנד, און מיט אַן אינטערפּעלאַציע, פון דעם סאָציאַליס־טישן דעפּוטאַט אין פּאַרלאַמענט. אַ דעלעגאַציע פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי מיט דעם סאָציאַליסטישן דעפּוטאַט זיינען אַוועק צו דעם מיניס־טער פון אינערן, און דער האָט זיי פאַרשפּראָכן, די זאַך אונטערצוזוכן, אָבער דערווייל האָט די פּרעסע וועגן דעם געשריבן. די חברים אין באַרצעלאָנאַ

האָבן זיך דערוווּסט, אַז מען האָט זיי אָפּגענאַרט, מען האָט זיי געמאַכט גלויבן, אַז מען האָט מיך אַרויסגעשיקט פון לאַנד, און צום סוף, האָט מען מיך טראַנספּערירט אין אַ צווייטער תפיסה, האָבן זיי אויף דאָס ניי, און מיט מער ענערגיע אָנגעהויבן צו קאַמפּיינעווען, אַזוי דאָס עס איז געוואָרן אַ נאַ־ציאָנאַלע אַקציע, אָבער די לאַגע מיינע האָט זיך ניט גערירט פון אָרט.

מערקווירדיק איז דער פאַקט, דאָס אויף די מאַסן־פאַרזאַמלונגען, וואָס די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי אין וויגאָ, האָט אָרגאַניזירט, זיינען אויך גע־קומען אַ פּאָר אַדוואָקאַטן, וואָס האָבן מיך באַזוכט אין דער תפיסה מיט דער אַבזיכט פאַרשטייט זיך מיך צו האָבן פּאָר אַ קליענט. אָבער באַקאָ־נענדיק זיך מיט דער אָנגעלעגנהייט, האָבן זיי זיך אַריינגעוואָרפן אין דער פּראָטעסט־באַוועגונג, אויף אַלע מיטינגען זיינען זיי אַרויסגעטראָטן אָנ־קלאָגנדיק די רעגירונג פאַר דעם פאַרברעכן וואָס עס ווערט באַגאַנגען קעגן אַ מענטשן, אויך זיי האָבן אונטערשטיצט מיין פאַרלאַנג, און געפאָ־דערט ניט מיין באַפרייאונג נאָר אַ פּראָצעס, זיי האָבן אויפגעפאָדערט די פּאָליציי, זי זאָל צושטעלן אַן אָנקלאַגע, אַ באַשולדיקונג. פאַרשטייט זיך, אַז דערמיט האָבן זיי געצילט אַוועקצוזעצן אויף דער באַשולדיקונגס־באַנק די פּאָליציי, מיט דער רעגירונג פאַר דעם פאַרברעכן, וואָס עס ווערט באַגאַנגען קעגן מיר.

און אין איינער פון די פאַרזאַמלונגען, וואָס איז פאָרגעקומען אין דעם פאָלקס־הויז, „קאַסע דע פּועבלאָ" אין וויגאָ, איז אָנגענומען געוואָרן אַ רע־זאָלוציע, צו דערקלערן אַ גענעראַל־שטרייק, איב מען וועט מיך ניט אין דעם לויף פון די 48 שעה באַפרייען, און דער אינערן־מיניסטער, דערוויסנ־דיק זיך וועגן דעם, האָט דערקלערט אַז איך ווער דעם 3טן פעברואַר אַרויסגעשיקט פון לאַנד. און דעם דריטן פעברואַר 1916 האָב איך באַדאַרפט אַרויפגעזעצט ווערן אויף דער שיף וואָס זאָל מיך פירן נאָך ענג־לאַנד, און אין דעם פרימאָרגן זיינען טאַקע געקומען דער שעף פון דער שטאָט־פּאָליציי, מיט דעם סעקרעטאַר פון מיניסטער מיט דער פאַראָרדענונג. איך בין שוין געווען גרייט, מיט מיין קלומיקל געזעסן אין קאַנצעלאַריע פון דער תפיסה, און געוואַרט אויף דעם געבענטשטן מאָמענט, זיך נאָר געדאַרפט אונטערשרייבן אויף דעם דאָקומענט וואָס זיי האָבן געבראַכט, און פּלוצים גיט מיך אַ פרעג דער סעקרעטאַר פון דעם אינערן־מיניסטער, פאַרוואָס איך זאָג זיך אָפּ פון מיין רוסישער בירגערשאַפט, ניט טראַכטנ־דיק, ווי דער דיבוק וואָלט פון מיר אַרויסגערעדט, גיב איך אַ זאָג: ווען איך וואָלט געווען אַ שפּאַניער וואָלט איך מיט דער זעלבער עקשנות זיך אָפּגעזאָגט פון איר בירגערשאַפט, ווייל דאָרט אין רוסלאַנד באַגייט מען אַזעלכע פאַרברעכנס, און דאָ אויך. דער רעזולטאַט איז געווען, אַז איך

בין שוין דעם טאָג ניט אַרויס, מען האָט מיך באַלד געהייסן צוריק אַריינ־פירן אין מיין צעלע. אַ פּאָר טעג שפּעטער באַקום איך אַ בריוו פון דעם מיניסטעריום, אין וועלכן מען לאָזט מיר וויסן, אַז די פּאַרהאַנדלונגען מיט מיין רעגירונג... ווערן אָנגעפירט, וועגן די מעגלעכקייטן פון מיינע רייזע נאָך רוסלאַנד, עס האָט מיר מער ניט געפעלט... הגם איך האָב גאַנץ גוט געוווּסט אַז דאָס איז אוממעגלעך, ערשטנס, איז איצט רוסלאַנד אויף גרויסע צרות אין דער מלחמה, צווייטנס, איז וואַרשע מיין געבורט־שטאָט שוין באַזעצט פון די דייטשן, און דריטנס, האָב איך שוין לאַנג פאַרלוירן מיין רוסיש־פּוילישע בירגערשאַפט, ווייל אין רוסלאַנד איז געווען אַ געזעץ, דאָס נאָך 10 יאָר אָפּוועזנהייט פון לאַנד, פאַרלירט מען אויטאָמאַטיש די בירגערשאַפט. דאָס פאַרשטייט זיך האָט אויך די שפּאַנישע רעגירונג גאַנץ גוט געוווּסט, זיי האָבן נאָר געוואָלט מיך באַשטראָפן פאַר מיין חוצפּה. איך האָב דאָך ניט געפאָדערט מיין באַפרייונג, איך האָב דורכויס געוואָלט אַ פּראָצעס. איך האָב געוואָלט וויסן, פאַרוואָס איך ווער געהאַלטן שוין באַלד 6 חדשים אין תפיסה, אָבער די אַמביציע מיינע, ווי דער פּראָטעסט פון דער שפּאַנישער באַפעלקערונג האָט די פּאָליציי ניט באַוויגן, מיך צו שטעלן פאַר אַ געריכט. עס האָט זיך דערווייל געביטן דאָס מיניס־טעריום, עס איז געוואָרן פּרעמיער־מיניסטער דער ליבעראַלער ראָמאַנאָנעס. נאָך דער מעלדונג פון דער אַרבעטער־קאָנפעדעראַציע, אַז זי וועט דער־קלערן אַ גענעראַל־סטרייק דעם 11טן פון חודש פעברואַר האָט ער פאַר־אָרדנט מיין דעפּאָרטאַציע נאָך אַרגענטינע. דערמיט איז ער וואַרשיינלעך אויסן געווען צו כאַפּן צוויי פייגל מיט איין שאָס; צו געבן סאַטיספאַקציע זיין נקמה־דורשטיקער פּאָליציי, און אָפּשטעלן די פּראָטעסט־באַוועגונג אין לאַנד. נאָר אין אַרגענטינע איז געווען אין קראַפט דער אויסנאַם־געזעץ פאַר די אַנאַרכיסטן. דער געזעץ איז אָנגענומען געוואָרן נאָך דעם אַטענ־טאַט פון דעם יונגן יידישן רעבעל, ראַדאָוויצקי, וואָס האָט אין יאָר 1909 מיט אַ באָמבע צעריסן דעם טיראַן פאַלקאָן, פּאָליציי־שעף פון בוענאָס־איירעס — האָט מיך דערוואַרט איינס פון די צוויי, אָדער ניט אַריינגעלאָזט צו ווערן, אָדער ביים אָנקומען גלייך פאַרשיקט צו ווערן אויף דעם ספּע־ציעל פאַר די אַנאַרכיסטן רעזערווירטן אינדזל — מאַרטין גאַרסיא, און אויב מען וועט מיך ניט לאָזן לאַנדן, וועט די זעלבע שיף, פאַרשטייט זיך, מיך צוריקברענגען אַהין פון וואַנען איך קום, וועט די שפּאַנישע פּאָליציי ווידער מיך האָבן אין אירע הענט.

דעם 13טן פעברואַר — 1916 — בין איך אין דער באַגלייטונג פון דעם פּריינט באָטאַנאַ, דער רעדאַקטאָר פון דער סאָציאַליסטישער צייטונג „סאָלידאַריטעט" אין וויגאָ, און אַ געהיים־אַגענט, אָפּגעפירט געוואָרן אין —

דעם פּאַלקס־הויז „קאַסאַ דע פּועבלאָ" אין וויגאָ. דאָרט האָבן שוין געוואַרט אויף מיר אַ צאָל חברים־סינדיקאַליסטן, דעם אמת זאַגנדיק, האָב איך גע־דענקט דאָס דער צווייטער באַגלייטער איז אויך אַ חבר, אַ סאָציאַליסט, זיין באַנעמונג צו מיר איז געווען זייער אַ חברישע, ער האָט מיך געפירט ווייזן די שטאָט, מיר האָבן געגעסן אין אַ רעסטאָראַן, ער האָט מיך ניט געלאָזט צאָלן. אַז עס האָט שוין אָנגעהויבן ווערן טונקל, האָט ער מיך אַרויפגעפירט אויף דער שיף, און פאַרבליבן מיט מיר ביז די שיף איז שפּעטלעך אין אָוונט אָפּגעשווומען, אוןביים שיידן זיך, האָבן מיר זיך אַפילו צעקושט. ערשט שפּעטער אין אַ בריוו האָט מיר חבר באַטאַנאַ גע־שריבן ווער דער צווייטער באַגלייטער מיינער איז געווען. אָבער זיין באַ־נעמונג צו מיר איז געווען אַזעלכע, וואָס מאַכט מיך ניט באַדויערן צו האָבן זיך צעקושט מיט אים, איך גלויב דאָס ער האָט זיכער געפּילט זיין טראַ־גישע ראָלע. דאָס זעלבע דאַרף איך זאָגן בנוגע דעם דירעקטאָר פון דער תפיסה אין וויגאָ.

לויט דעם רעגלאַמענט, און לויט זיינע פליכטן, האָט ער געזיגדיקט, דערמיט וואָס ער האָט מיר דערלויבט אַרויסצוגיין פון דער תפיסה באַלד אין דער פרי, איך זאָל צייט האָבן זען די שטאָט, באַזוכן דאָס פּאָלקס־הויז: כדי איך זאָל כאָטש קענען זאָגן אַ דאַנק צו די, וואָס האָבן זיך אינטערעסירט מיט מיין גורל, דאָס איז זיכער אַ מענטשלעכע האַנדלונג. ער האָט געשיקט אַ באַגלייטער, אַזוי האָט ער זיך נאָר פאַרזיכערט, אַז אויב חלילה עס וועט מיר איינפאַלן אַ געדאַנק צו אַנטלויפן, זאָל ער ניט דאַרפן ליידן דערפאַר.

מיין נסיעה

איך האָב פאַרלאָזן שפּאַניע מיט אַ טיפער פאַרביטערונג אין האַרצן, אָבער די נעפּלהאַפטע פּערספּעקטיוון פון דער צוקונפט האָבן ווייט ניט געלאָקט.

איך האָב נאָר געוווּסט, אַז איך בין אַרויס פון איין בייזן גיהנום, אָבער וואָס עס דערוואַרט מיך ביי דער ענדע פון דער ליניע, איז פאַרבליבן פאַר מיר אַ בייזע רעטעניש, וואָס האָט געעקבערט אין מיין מוח.

דער פאַקט, אַז איך האָב ניט פאַרלאָזן דאָס לאַנד פרייוויליק. איך בין דאָך אַ דעפּאָרטירטער, מען האָט מיך קעגן מיין ווילן אַרויפגעזעצט אויף דער שיף, ווי איך וואָלט געווען עפּעס אַ קעגנשטאַנד און ניט קיין מענטש. ווּהין די שיף וועט מיך פאַרפירן, ריכטיקער, ווו די שיף וועט מיך איבער־געבן דאָרט, אויב מען וועט מיך אָפּנעמען, וועל איך בלייבן, און אויב ניט, אויב די פּאָליציי פון דעם לאַנד ווּהין איך ווער געשיקט, מיט דער

גוטער רעקאָמענדאַציע, אַלס געפערלעכער אַנאַרכיסט, וועט מוחל זיין די מציאה, וועט די זעלבע שיף מיך דאַרפן צוריקפירן פון וואַנען איך בין געשיקט געוואָרן. וואָס וועט דאַן זיין? עס וועט ווידער זיין דאָס זעלבע, ווידער תפיסה, און אפשר ווידער אַן עטאַפּ.

אָט די געדאַנקען, די פאַרצווייפלטע מחשבות וועגן מיין צוקונפט, האָבן ווי אַ בייזער קאָשמאַר מיך שרעקלעך געפייניקט.

די שיף, ריכטיקער דער דנאָ פון דריטן קלאַס פון דער ווייט אַלטמאָדישער שיף, האָט אויסגעזען ווי אַ פינצטערע קעסל־גרוב, דאָס האָט נאָך מער געווירקט אויף מיין שווערן געמיט, די גרויסע עמיגראַנטן־מאַסע, מיט זייערע קלומיקעס, מיט זייערע פרויען און קינדערלעך פון אַלע עלטערס, האָט געהאַט דעם אַספּעקט פון אַ ווילדן יאַריד.

דאָס גשריי פון די גרויסע, דאָס געלעכטער און געוויין פון די קינדערלעך האָבן זיך אויסגעמישט אין אַ מאָדנעם כאָר, וואָס האָט נאָך מער צעשויבערט מיינע נערוון...

דאָ, צווישן אָט דעם ווילד־פרעמדן מענטשן־ים, אויף דעם טומלדיקן יאַריד, בין איך אַליין, אַליין מיט זיך, מיט מיינע טונקעלע מחשבות.

אָבער מערקווירדיק, ווי בליץ־שנעל עס האָט זיך צווישן דעם טומלדיקן המון פאַרשפּרייט די ידיעה וועגן מיין אַנוועזנהייט אויף דער שיף, בין איך באַלד געוואָרן די טעמע פון אַלע מיינע מיטפּאַרערס. דאָס האָט זיך וואַרשיינלעך גענומען דערפון, וואָס די שיף־אַרבעטער און מאַטראָזן האָבן באַקומען אַ באַפעל צו האַלטן אַן אויג אויף מיר, דאָס איך זאָל חלילה ביי דער ערשטער בעסטער געלעגנהייט ניט אַנטרונען ווערן, דאָס איז פאַרשטייט זיך געטאָן געוואָרן בסוד סודות, געגאַנגען פון מויל צו מויל... מען האָט זיך אָנגעהויבן צו שושקען און וואַרפן בליקן אויף מיר, וואָס האָבן ווי פיילן מיך דורכגעשטאָכן.

אויף מייז שפּאַציר אויף דער דעק, האָב איך שוין ניט באַדאַרפט שפּרייזן איבער קלומאַקעס, איך האָב זיך שוין ניט באַדאַרפט רייבן אין אַנדערע כדי זיך דורכשטופּן — ביי מיין דורכגאַנג האָט מען זיך אָפּגערוקט אין אַ זייט, ווי מען וואָלט פון מיר געוווייכט, יעדנפאַלס אַזוי האָב איך עס געפילט. אָבער עס האָט ניט לאַנג גענומען, דאָס איך זאָל, ווי דורך אַ כישוף גאָר ווערן דער „מאַסקאָט" (דער מזל־טלה) אויף דער שיף, און פון דער עמיגראַנטן־מאַסע באַטראַכט און באַהאַנדלט ווערן מיט אויסערגעוויינלעכער סימפּאַטיע. עס וועט זיכער ניט זיין איבערגעטריבן צו זאָגן, אַז איך בין באַהאַנדלט געוואָרן מיט אַן עקסטראַ־אָרדינערער „פּרעדילעקציע", וואָס האָט מיך איבערראַשט, און אין אָנפאַנג האָט עס מיר געשיינט פאַרדעכטיקט, אויף יעדן שריט און טריט האָב איך זיך אָנגעשטויסן אויף אימעצן, אַ מאַן אָדער

אַ פרוי, וואָס האָט מיר עפּעס אָנגעבאָטן, אָדער געוואָלט פאַרפלעכטן אַ שמועס מיט מיר.

די קרוין פון אַ געפּערלעכן, „פּאַליאַקאַ־אַנאַרכיסט" מיט וועלכער די פּאָליציי האָט מיך באַקרויגט אַלס סטראַשידלע אָפּצושרעקן דעם עולם, האָט זיך, דער פּאָליציי אויף צו להכעיס, פאַרוואַנדלט אין אַ שם־המפורש, וואָס האָט אַרויסגערופן אַ טיפן מיטגעפיל און אַכטונג צו מיר, דער נאָמען פּאַליאַק, איז תמיד געגאַנגען באַגלייט מיט וואַרעמען אויסדרוק, על פּאַברע (דער אָרעמער), וואָס עס מיינט אין דער שפּאַנישער פאָלקסטימלעכקייט: דער ליידנדיקער.

הגם איך האָב זייער לשון ניט געקאָנט ריידן, דאָך האָבן מיר זיך וווּנדערבאַר גוט פאַרשטאַנען. די געציילטע ווערטער וואָס איך האָב זיך אין די זעקס חדשים אין דער תפיסה אויסגעלערנט, און אַביסעלע פראַנצויזישע ווערטער וואָס זענען פאַר די שפּאַניאָלן מער־ווייניקער פאַרשטענדלעך, ווייל זיי זיינען פון לאַטייניש שורש, און אַביסל די פינגער, די הענט, די אויגן, און הויפּטזעכלעך דאָס פאָלקס־געפיל האָט צוגעהאָלפן כדי מיר זאָלן זיך קענען פאַרשטיין. דער אמת איז, אַז דאָס וואָרט אַנאַרכיסט איז געווען געווען דאָס זיי, די עמיגראַנטן־מאַסע זאָל פילן צו מיר אַ באַזונדערע סימפּאַטיע, זייער האַס צו דעם מאָנאַרכיסטישן רעזשים מיט דעם מאַקאַקאַ אַלפאָנסאָ דעם 16טן בראש, איז ביי זיי ניט געווען קלענער אָדער ווייניקער ווי ביי מיר. — דאָס וואָרט מאַקאַקאַ, וואָס מיינט מאַלפּע, איז אין שפּאַניע אַן אָנרוף פון פאַראַכטונג און חוזק, זיי האָבן גאַנץ גוט געוווּסט, פאַרוואָס זייער רעגירונג מיט זייערע געדונגענע משרתים, די פּאָליציי, שרעקן זיך אַזוי שטאַרק פאַר די אַנאַרכיסטן, די מערהייט פון זיי האָבן עמיגרירט נאָך דרום־אַמעריקע, ווייל דאָרט איז אַ לאַנד פון פרייהייט, און בכדי זייערע זין זאָלן ניט דאַרפן גיין אין מיליטער־דינסט, וואָס זיי האָבן אינסטינקטיוו געהאַסט ווי דעם טויט. אַ סך פון זיי זיינען אויך געווען סינדיקאַליסטן, דאָס האָט אויך פיל בייגעטראָגן צו אונדזער קעגנזייטיקער פאַרשטענדעניש און סימפּאַטיע. די 28 טעג וואָס עס האָט געדויערט די נסיעה האָבן מיר געמאַכט פאַרגעסן אַלע מיינע ביטערע מאָמענטן אין שפּאַניע און אַפילו אין די, וואָס דערוואַרטן מיך אין דער צוקונפט, ביי דער ענדע פון דער ליניע.

אין יעדן האַפן, וווּ די שיף האָט זיך אָפּגעשטעלט, זיינען אַ סך פון די פּאַסאַזשירן אויסגעשטיגן כדי צו כאַפּן אַ בליק אויף דער שטאָט, און זיך עפּעס איינשאַפן, נייערט מיר איז דאָס ניט דערלויבט געוואָרן, האָבן זיי מיר תמיד עפּעס געבראַכט אַלס אַן אָנדענק פון דער שטאָט. אַן אויסדרוק פון סימפּאַטיע צו דעם פּאָברע־פּאַליאַקאָ. דאָס האָט מיך גערירט ביז

טרערן, דאָס זיינען פאָלקסטימלעכע שטריכן, וואָס לאָזן זיך ניט באַשרייבן מיט ווערטער, יעדנפאַלס פאַר מיר, פאַר מיין אָרעמער פּען. דאָס זעלבע איז דער פאַל פון די אַדוואָקאַטן וועלכע האָבן מיר בשעת מיין פאַרהאַפטונג אָנגעבאָטן זייער דינסט פריייוויליק, אָן וועלכער עס איז באַלוינונג. זיי זיינען אויך אַרויסגעטראָטן אויף די פּראָטעסט־פאַרזאַמלונגען וואָס די אַרבעטער־קאָנפעדעראַציע אין וויגאָ האָט דורכגעפירט.

ווען אונדזער שיף איז אָנגעקומען אין דעם האַפן פון ריאָ דע זשינערא — בראַזיל — האָב איך געמאַכט אַ פּרווו אויסצושטייגן, כדי נאָר צו זען די לעגענדאַרישע שטאָט, האָט מיר די פּאָליציי אָנגעוויזן אויף דעם שפּאַנישן קאָנסול, וועלכער איז ספּעציעל געקומען, כדי מיך ניט צו לאָזן אויסשטייגן. עס האָט ניט געהאָלפן מיין טענה, דאָס מיר געפינען זיך ניט מער אין די שפּאַנישע וואַסערן, עס האָט אויך ניט געהאָלפן דער פּראָטעסט פון די אַנדערע מיטפאָרער. דער קאַפּיטאַן האָט געענטפערט דאָס מיר זיינען אויף אַ שפּאַנישער שיף, און ער האָט אַ באַפעל מיך צוצושטעלן אין בוענאָס־איירעס (אַרגענטינע).

אָבער ווען אונדזער שיף איז אָנגעקומען אין דעם האַפן פון מאָנטעווידעאָ, — אורוגוויי, — האָב איך גענומען מיין קלומיקל און זיך געלאָזט גיין. די וואַך פון דער שיף האָט מיך אָפּגעשטעלט, זאָגנדיק, אַז מיין בילעט איז נאָך אַרגענטינע, האָב איך אָנגעהויבן שטאַרק פּראָטעסטירן, און אין דעם זעלבן מאָמענט זיינען אַרויפגעקומען צוויי געהיים־אַגענטן פון דער לאָקאַלער פּאָליציי מיט אַ פאַראָרדענונג מיך אַראָפּצונעמען, דער קאַפּיטאַן האָט פּרובירט זיך אַקעגנצושטעלן, אָבער עס האָט אים גאָרניט געהאָלפן, מיר זיינען אין די אורוגווייער וואַסערן, האָבן די אַגענטן געזאָגט, און ער האָט קיין אַנדערע ברירה ניט געהאַט, ווי מיך איבערגעבן אין די הענט פון די געהיים-אַגענטן.

מאָמענטאַל בין איך געווען זייער איבערראַשט, וואָס עפּעס וויל מיך איצט גאָר די אורוגווייער פּאָליציי? אויפן וועג צו דעם פּאָליציי־באַצירק, זאָג איך צו מיינע שומרים, ווי עס ווייזט אויס איז דאָ דאָס זעלבע ווי אין שפּאַניע, דאָרט אין שפּאַניע האָט מען מיך אַרעסטירט און געהאַלטן אין תפיסה אָן אַ פאַרוואָס אָן אַ פאַרווען, און דאָ חזרט זיך איבער דאָס זעלבע. — האָבן זיי מיר דערקלערט אַז איך מאַך אַ טעות, זייער אויפגאַבע איז געווען מיך צו ראַטעווען פון אַריינצופאַלן אין די הענט פון דער אַרגענטינער פּאָליציי, און זייער אינטערווענירונג איז צו פאַרדאַנקען דעם קאָמיטעט: "פּראָ־פּרעסעס", אַ קאָמיטעט פאַר פּאָליטישע פאַרפאָלגטע, וואָס האָט זיך געווענדעט נאָך זייער הילף. אימעצער פון דעם קאָמיטעט האָט אויך באַדאַרפט דאָ זיין, אָבער ווי עס ווייזט אויס האָט ער זיך פאַרשפּעטיקט,

זיי פירן מיך אין פּאָליציי־באַצירק, ניט ווי אַן אַרעסטירטן, נאָר צו האָבן אַן אונטערהאַלטונג מיט דעם שעף פון דער פּאָליציי, און דערנאָך וועל איך זיין אַ פרייער מענטש. דער פּאָליציי־שעף דאַרף אין אַ שעה צוויי אַרום קומען, און דעמאָלט איז די זאַך דערליידיקט, אָבער דער שעף איז ערשט געקומען צו מאָרגנס 10 אַ זייגער פּאָרמיטאָג, ביז דאַן בין איך געזעסן אין דעם ביוראָ, געשמועסט מיט די אַגענטן, און געטרונקען קאַווע.

ענדלעך האָט מען מיך אַריינגעפירט אין דעם קאַבינעט פון דעם פּאָליציי־שעף, וועלכער האָט מיך אויף אַ זייער העפלעכן אופן אויפגענומען, וואָס האָט מיר געשיינט אַפילו פּאַרדעכטיק, ווי זאָגט אַ ייד, אויף דעם גנבֿ ברענט דאָס היטל, אָבער אין דעם לויף פון אונדזער אונטערהאַלטונג איז דער פּאַרדאַכט פאַרשוווּנדן, ער האָט די דאָקומענטן בנוגע מיין אָנגעלעגנהייט, וואָס די געהיים־אַגענטן האָבן צוגענומען ביי דעם קאַפּיטאַן פון דער שיף, געהאַלטן אָפן און זיי מיט צאָרן קאָמענטירט, ער האָט אויסגעשריען: אויף דעם סמך פון אַ פּאַרדאַכט זאָל מען אַ מענטשן אַרעסטירן, אים האַלטן אין תּפֿיסה און אים נאָך דעפּאָרטירן, דאָס איז אַ פאַרברעכן וואָס האָט ניט קיין נאָמען. דאָס, האָט ער מיט כּעס צוגעגעבן, קען נאָר פּאַסירן אין שפּאַניע, און דער אמת איז, אַז קיין אַנדערע באַשולדיקונג איז אין די דאָקומענטן קעגן מיר ניט אָנגעגעבן געוואָרן. ער האָט זיך מודה געווען, אַז ווען אַ דעלעגאַציע פון דעם פרייער־דערמאָנטן קאָמיטעט האָט זיך צו אים געווענדעט, האָט ער זייער שטאַרק געצווייפלט צי זיי זאָגן אמת, אָבער איצט האָט ער זיך איבערצייגט.

ער האָט אין אַ פיינעם פראַנצויזיש (ער איז געווען פון פראַנצויזישן אָפּשטאַם) צו מיר געזאָגט: דאָ איז אַ פריי־לאַנד, דאָ מעגט איר זיין אַן אַנאַרכיסט, ווי לאַנג איר וועט ניט באַגיין קיין פאַרברעכן, אויב איר וועט אויף די מאַניפעסטאַציעס ניט וואַרפן שטיינער אין די פענצטער, ווי עס טוען די אַנדערע, וועט איך קיינער נישט באַאומרואיקן.

ער האָט מיך געפרעגט, צו איך האָב אַן אַדרעס וווּהין צו פאַרפאָרן, האָב איך אים געזאָגט, דאָס קיין אַדרעס וווּהין צו פאַרפאָרן האָב איך ניט, און וויל אויך ניט, אָבער איך האָב דעם אַדרעס פון דעם סאָציאַליסטישן דעפּוטאַט: עמיליאָ פריגאָני. אַז ער האָט דאָס דערהערט, איז ער געוואָרן מלא שמחה. אָ, זייער גוט, ער איז אַ פיינער מענטש, ער איז דאָך אונדזער נאַציאָנאַלער דיכטער. און ער האָט באַלד צוגערופן אַ לאַפּיטוטל און מיך געהייסן אַוועקפירן אין אַ ביליקן האָטעל, און איך בין געוואָרן אַ פרייער מענטש, ריכטיקער, אַ פרייער מאַראַן...

מיט דעם סאָציאַליסטישן דעפּוטאַט עמיליאָ פריגאָני און זיין ליבע פרוי דאָניאַ מאַריאַ, בין איך מיט דער צייט געוואָרן זייער באַפריינדעט, איך

בין שפּעטער, ווען איך האָב זיך אַביסעלע איינגעאָרדנט, געוואָרן אַן אָפּטער אַריינגייער אין זייער הויז, דאָס זיינען געווען צוויי האַרציקע מענטשן, פון איטאַליעניש אָפּשטאַם. זיי האָבן אויך גערעדט אַ גוטן פראַנצויזיש, אָבער צו ביסלעכווייז האָב איך געמאַכט פּראָגרעס אין דער שפּאַנישער שפּראַך, זיי האָבן מיר דערצו זייער פיל געהאָלפן, איך בין געוואָרן אַ מיטאַרבעטער אין זיין צייטונג: „לא כוסטיציא״ (די גערעכטיקייט). מיין ערשטע דער־ציילונג „די וואַגאַבונדקע״ האָב איך געשריבן אין פראַנצויזיש, ער האָט דאָס איבערגעזעצט, די אַנדערע צוויי: „על וועגדעדאָר דע קאַראַמעלאָס״ (דער צוקערקע־הענדלער). און „לא ראזאָן״ (דער אמת) האָב איך שוין געשריבן אין שפּאַניש, אָבער ווען איך האָב בשעת דעם אויסברוך פון דער באָלשעוויסטישער איבערקערעניש אין רוסלאַנד אָנגעהויבן שרייבן וועגן פּאָליטישע געשעענישן, האָט ער מיך אויף זייער אַ פריינדלעכן אויפן געבעטן ניט שרייבן, ווייל ער קאָן דאָס ניט דרוקן, ער האָט חלילה ניט געוואָגט מיר זאָגן, אַז דאָס שמעקט מיט אַן אַנאַרכיסטישן צוגאַנג, הגם ער האָט דעם פּאַרדאַכט געטראָגן אין זיך פון דעם ערשטן מאָמענט אָן פון אונדזערע צוזאַמענקונפטן, אָבער ער האָט עס מיר ניט געוואָגט צו זאָגן, און איך האָב דעם אמת זאָגנדיק, צוריקגעהאַלטן זיך צו מאַניפעסטירן, ווייל איך האָב געוואָלט ווערן אַ בירגער, כדי צו קענען שפּעטער זיך לאָזן אין וועג אַריין נאָך אייראָפּע, אַלס אַ בירגער פון אַ באַשטימטן לאַנד, מיט אַ כשרן פּאַספּאָרט. דאָס איז געווען מיין איינציקער טרוים, קיין זאַך האָט פאַר מיר ניט עקזיסטירט, קיין אַנדערער געדאַנק האָט ניט פאַרנומען דעמאָלט מיין מוח, ווי זיך אומצוקערן נאָך אייראָפּע, הויפּטזעכלעך נאָך פראַנקרייך...

אָבער די צייט איז געלאָפן, די מלחמה פון איין זייט און די רוסישע רעוואָלוציע פון דער אַנדערער זייט, האָט איבערגעריסן יעדן קאָנטאַקט מיט יענער געבענקטער וועלט, מיין הברה, איז מיטגעריסן געוואָרן מיטן שטראָם פון דער רוסישער עמיגראַציע אין אויסלאַנד, מיט דעם רוף נאַ ראָדינו — (צום היימלאַנד) — און איז געלאָפן נאָך רוסלאַנד, מיט וואָס איך בין ניט געווען איינשטימיק. פון פאַרשלאַג, דאָס איך זאָל נאָכטאָן איר ביישפּיל, האָב איך זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט, ביז די לאַגע אין רוסלאַנד וועט זיך ניט אויסלייטערן, אָבער דערווייל האָב איך זיך דאָ אין לאַנד זייער גוט איינגעאָרדנט, סיי עקאָנאָמיש און סיי גייסטיק, אמת פון אָנפאַנגס האָב איך זיך זייער פיל אָנגעפּלאָגט, געהונגערט, געשלאָפן אויף ברעטער אַמאָל אין דעם סאָציאַליסטישן קלוב, און אַמאָל ביי אַ פריינט אין וואַרשטאַט פון אַ סטאָלאַר. געוואָרן אַן אַרבעטער אין אַ זייפן־פאַבריק, געוואַשן די בלעכן פון ניקאָטין, געטראָגן שווערע משאות אויף די פּלייצעס, פאַר אַ הונגערלוין. דאָס איז געווען ביי אַ בעל־הבית אַ סאָציאַליסט, וואָס

האָט מיר געגעבן די אַרבעט אויס רחמנות, ווייל איך האָב ניט געקאָנט די שפּראַך, ביז אין אַ שיינעם טאָג, האָט ער צו מיר געזאָגט: ווי איך זע, וואָלט איר געקאָנט טאָן אַ בעסערע אַרבעט, ווי דאָ צו שטיין און וואַשן די בלעכן אָדער מישן דעם קעסל פון דער קאָכנדיקער זייף, און באָט מיר אָן, די אַרבעט פון אַ געהילף־קאָמיוואָיאַזשאַר אויף דער פּראָווינץ, וואָס איך האָב פאַרשטייט זיך אָנגענומען מיט פאַרגעניגן... אָבער מיין אַרבעט איז באַשטאַנען אין טראָגן די וואַליזן מיט די מוסטערן פאַר דעם האַנדלס־וואָיאַזשאַר, דאָס הייסט צו זיין אַ טרעגער, אָבער איך האָב אָנגענומען און מיר זיינען אַוועק אויף דער פּראָווינץ, ריכטיקער אויף די פערמעס אין דרום טייל פון אורוגוויי, דאָרט האָב איך זיך באַקאַנט מיט דעם לעבן פון די גאוטשאָס — די אַרבעטער אין די פערמעס — דאָס איז גאָר אַ באַזונדערע וועלט, אַ וועלט פון אַ ליידנשאַפטלעכער מעלאַנכאָליע, פון בראַוווּר און טיפער האַרצלעכקייט, אַ וועלט ווו מען טרינקט די מאטע, (אַזאַ פאַרבריט גראָז, ווי טיי), וואָס גייט איבער פון מויל צו מויל, זיצנדיק אַרום דעם פייער, דערציילנדיק זיך די איבערלעבונגען פון טאָג, אָדער אויסזינגנדיק אין כאָר, זייערע אין טרויער געוויקטע לידער. דאָ אויף די פערמעס האָב איך אויך געלערנט דעם געבאָט פון גאַסט־פריינטשאַפט. ווו מיר זיינען אָנגעקומען מיט אונדזער בריטשקעלע, האָט מען דאָס ערשטע אויסגעשפּאַנט דאָס פערדל, אַריינגעטריבן עס אין פעלד, און אונדז האָט מען באַלד מכבד געווען מיט דער נאָר וואָס דערמאָנטער מאטע, און דערנאָך אונדז געוויזן דאָס צימער ווו זיך אָפּצורוען. אין צייט פון עסן האָבן מיר זיך געזעצט צום טיש מיט דער פאַמיליע צוזאַמען, קיינער האָט ניט געפרעגט ביי אונדז דעם צוועק פון אונדזער באַזוך. מען האָט גערעדט פון אַלץ, פון פּאָליטיק, וואָס גייט אָן אין דער מעטראָפּאָליע, אָבער ניט פון קיין געשעפט, ערשט אויף דעם אַנדערן טאָג האָט מיין פירער אָנגעהויבן צוריידן מיט דעם בעל־הבית פון דער פערם, מכוח געשעפט, אין אַנדערע פערמעס, הויפּט־זעכלעך ווו עס האָבן זיך געפונען אַ פּאָר פאַרזעסענע מיידלעך, האָט מען אונדז פאַרהאַלטן אַ לענגערע צייט, מען האָט באַדאַרפט איינפאַך זיך אַרויס־רייסן. אָבער אין אַנדערע פּלעצער, האָט פּאַסירט, ווען מען איז אויפגעשטאַנען אין דער פרי, איז שוין אונדזער בריטשקעלע געשטאַנען איינגעשפּאַנט, און דער בעל־הבית האָט שוין געוואַרט אויף אונדז צו ריידן וועגן מסחר. די האַנדלונג פון דעם בעל־הבית איז געווען אַ צייכן פון נאָן־גראַטאַ, פון דעם ניט גוטן איינדרוק וואָס מיר האָבן אויף אים געמאַכט, און פאַרשטייט זיך, אַז אין אַזאַ פאַל, איז שוין דער מסחר נאָר געווען ווי בלויז יוצא צו זיין. אַזוי זיינען מיר געפאָרן פון דאָרף צו דאָרף, ריכטיקער פון פערם צו פערם, אָבער בשעת מיר זיינען אַרומגעפאָרן זוכן קונים פאַר אונדזערע פּראָדוקטן,

האָט אונדזער פאַבריקאַנט באַנקראָטירט און מיר זיינען געבליבן שטעקן אין דעם שטעטל פּייזאַנדו אין דרום טייל פון אורוגוויי, וואָס האָט געהאַט אַ באַ־פעלקערונג פון עטלעכע זעכציק טויזנט איינוווינער, וואָס האָבן מערסטנס גע־צויגן זייער חיונה פון די רייכע פאַרמערס, און פון די פערם זאַכן. אין דעם גאַסטהויז אָדער אכסניה, ווו איך בין איינגעשטאַנען, האָט זיך אויך געפונען אַן אָנגעשטעלטער פון אַ קאָנסערוון־פאַבריק, האָט ער מיך רעקאָמענדירט צו דעם פאַרמאַן (אַרבעט־לייטער) פון דעם געביי, וואָס מען האַלט דאָרט אין בויען צו דער פאַבריק, אָבער אָנקוקנדיק מיין פנים, האָט ער מיר גלייך געזאָגט, אַז איך זע ניט אויס צו זיין פעאיק צו אַזאַ אַרבעט. עס איז געווען אַ גליק וואָס די ווירטן פון דעם גאַסטהויז, זייער אַ איידעלע פרוי, אַן איטאַ־ליענערין, האָט מיך געטרייסט, אַז איך וועל דאָך געפינען אַרבעט. זי האָט ביי מיר ניט געמאָנט קיין געלט, ביז איך וועל געפינען אַרבעט.

אין אַ שיינעם פרימאָרגן, בין איך אַריין אין דער רעדאַקציע פון דער לאָקאַלער צייטונג, און זיך פאַנאַנדערגערעדט מיט דעם רעדאַקטאָר, אים דערציילט מיין לאַגע, און פאַרשטייט זיך, איך האָב אים דערציילט ווער איך בין, אים באַוויזן דעם זשורנאַל וואָס איך האָב רעדאַקטירט פאַר דער פירמע, פאַר וועלכער איך האָב געררייזט. אמת, איך האָב אַלץ געשריבן אין פראַנ־צויזיש, אָבער דער פאַבריקאַנט האָט געפונען עמעצן וואָס האָט געמאַכט די איבערזעצונג. דער קליין־שטעטלדיקער רעדאַקטאָר, זייער אַ האַרציקער מענטש, האָט גלייך פאַרעפנטלעכט אַן אינטערוויו מיט דעם רעדאַקטאָר פון דער מעטראָפּאָלישער צייט־שריפט: „לאַ אַראַרא" (דער זון־אויפגאַנג), אַזוי האָט געהייסן די צייטונג, וואָס איך האָב אַרויסגעגעבן, נאָר איין נומער, ווייל דער פאַבריקאַנט, ווי געזאָגט, האָט באַנקראָטירט. זייענדיק אויך אַ פאַכ־מאַן, האָט דער רעדאַקטאָר מיך גלייך אַוועקגעפירט אין אַ מעבל־געשעפט, און דער בעל־הבית פון דעם געשעפט האָט מיר אָפּגעגעבן אַ פענצטער, ווו איך זאָל קענען אַרבעטן. די דורכגייער זאָלן קענען זען, ער האָט אפילו מיר אויסגעבאָרגט אַביסל געלט, צו קענען זיך איינשאַפן דעם נויטיקן לעדער־מאַטעריאַל צו קענען אַרבעטן. בקצור, איך האָב אָפּגעאַרבעט אַ פּאָר הדשים, זיך פאַנאַנדערגעצאָלט, און נאָך געהאַט גענוג געלט צוריקצופאָרן אין דער מעטראָפּאָליע, ווו איך האָב זיך איינגעשטעלט אַ קליינעם וואַר־שטאַט פון לעדער־אויסאַרבעטונג, און געוואָרן אַ גאַנצער מאַכער. שפּעטער צו, געעפנט אַ שולע פאַר האַנט־ווערקעריי ווו יונגע מיידלעך האָבן זיך געלערנט די מלאכה.

אין דער זעלבער צייט, האָב איך אָנגעהויבן אַרויסגעבן מיין צייטונגל: „לאַ כענעראַציאָן נוועוואַ" (דער נייער דור) אַן אומפּאַרטייאיש 8־זייטיק בלעטל, אָבער די צייט איז דערווייל געלאָפן, פריינט האָבן זיך

געמערט, מיין פריינטשאַפט מיט דעם סאָציאַליסטישן דעפּוטאַט און זיין ליבע פרוי, האָט אָנגעהאַלטן און איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, דאָס די ליבע דאָניאַ מאַריאַ, האָט מיך אַמאָל איינגעלאַדן ביי טאָג צו זיך, און בשעת איך בין געזעסן אין דער סאַליע און געוואַרט, האָט זי געשפּילט אויף דער פּיאַנאָ, און אַ זייער שיין איטאַליעניש מיידל האָט געזונגען... אָבער איך האָב ניט געוואַרט און כ׳בין אַוועקגעגאַנגען... און ווען איך בין צומאָרגנס געקומען, האָט זי מיר דאָס פאָרגעוואָרפן, אָבער איך האָב איר געגעבן דעם פאָלקסטימלעכן תירוץ: אַז דאָרט ווו דער ציגיינער שטייט איין, גנבעט ער ניט... זי האָט דאָס פאַרשטאַנען. אַבזיכטן זיך צו פאַרבינדן, און דאָ שוין בלייבן האָב איך דאָך ניט געהאַט, אָבער דעם סוד האָב איך נאָך געהאַלטן פאַר זיך... ענדלעך אין חודש פעברואר פון 1922, באַקום איך אַ בריוועלע, פון מיין הברה, פון וועמען איך האָב די גאַנצע צייט פון קאַרגע 7 יאָר ניט געהערט. זי שרייבט אָט די פאָר שורות: „איך בין איצט דאָרט, ווו דו ביסט געווען אין שפּאַניע, אויב דו געפינסט פאַר נויטיק, טאָ קום!״ מער האָב איך ניט באַדאַרפט. אין דעם זעלבן אויפדערנאַכט, בין איך גלייך אַריבער נאָך בוענאָס־איירעס, ווו עס האָט זיך געפונען מיינס אַ פריינט, רעזניק, אַן איבערזעצער פון יידיש אויף שפּאַניש און פון שפּאַניש אויף יידיש, ער איז אויך געווען דער איבערזעצער פון רודאָלף דאָקערס: „דענקער און רעבעלן״, דאָס זיינען עסייען וואָס זיינען געווען פאַרעפנטלעכט אין דעם „זשערמינאַל״, וואָס ראָקער האָט אַרויסגעגעבן אין לאָנדאָן. איך האָב זיך מיט אים באַראָטן, ער איז געווען דער איינציקער, וואָס האָט געוווסט מיין לאַגע.

אין דער צייט האָט אין בוענאָס־איירעס געוויילט דער יידישער שרייבער נאָמבערג, האָט ער מיך מיט אים צוזאַמענגעפירט, דער האָט מיר געגעבן אַ רעקאָמענדאַציע צו זיינס אַ פריינט אין בערלין, וועלכער האָט געאַרבעט ביי דעם האַנדל־אָפּטייל פון דעם סאָוויעטישן ווניעש־טאָרג (אויסלאַנד־האַנדל). דעם 22טן מערץ בין איך שוין געזעסן אויף דער שיף וואָס שווימט נאָך פראַנקרייך, אָבער שוין פאַרשטייט זיך אַלס אַן אורוגווייער בירגער.

אויף דער האָלענדישער שיף וואָס האָט מיך געפירט נאָך שערבורג, פראַנקרייך, בין איך געווען דער איינציקער אורוגווייער בירגער, און ווען אונדזער שיף איז אַריינגעקומען אין דעם האַפן פון שערבורג, און דער אורוגווייער קאָנסול איז ארויפגעקומען אויף דער שיף, האָט מיך דער קאַפּיטאַן פאַר אים פאָרגעשטעלט, דער האָט מיך זייער העפלעך אויפגענומען, וואָס האָט מיך שרעקלעך איבערראַשט. אויף דעם גנב ברענט דאָס היטל... אָבער באַלד האָב איך זיך איבערצייגט, אַז דער נעבעכדיקער קאָנסול איז גאָרניט אויסן, ער טוט זיין פליכט. יעדעס מאָל, ווען אַ שיף קומט פון יענע מקומות,

קומט ער תמיד אַרויף, אַנבאַטנדיק זיין הילף צו זיינע בירגער, אויב זיי נויטיקן זיך אין דעם. ער האָט מיר טאַקע געהאָלפן מיט מיין באַגאַזש, און ער האָט מיך אַרומגעפירט איבער דער שטאָט אין זיין אויטאָמאָביל, און אין אָוונט, מיך אַריינגעזעצט אין דער באַן וואָס האָט מיך געפירט נאָך פּאַריז.

אין פּאַריז בין איך נאָר געבליבן עטלעכע טעג, זיך געזען מיט מיין משפּחה, און אויך מיט אַ פּאָר אַלטע חברים. אַ סך פון מיינע באַקאַנטע חברים פון פריער זיינען אַוועק נאָך רוסלאַנד, און די וואָס איך האָב געפונען, זיינען אייניקע פון זיי שוין געווען אַנגעשטעקט מיט דער באַלשעוויסטישער קראַנקהייט, אַזוי, דאָס איך האָב פאַרלאָזן פּאַריז אָן אַ זייט־געזונט.

אין דעם זעלבן חודש אַפּריל 1922, בין איך אָנגעקומען אין בערלין, דייטשלאַנד. באַלד האָב איך אויפגעזוכט ראָקערן, דאָס איז געווען אַ גרויסע איבערראַשונג פאַר אונדז ביידן. 8 יאָר זיינען פאַראיבער, וואָס מיר האָבן זיך ניט דורכגעשריבן, און ווען איך האָב אים דערציילט די כּוונה פון מיין נסיעה, האָט ער פּרובירט מיך אָפּרעדן, שילדערנדיק די טרויעריקע לאַגע אין רוסלאַנד, און די פאַרפאָלגונגען קעגן די פּאָליטישע קעגנער וואָס גייען דאָרט אָן. אויף מיין פראַגע: ווי קומט עס וואָס די אַנאַרכיסטישע פּרעסע, דער אַנאַרכיסטישער אינטערנאַציאָנאַל, פון וועלכן ער איז דער סעקרעטאַר האָט ביז איצט ניט רעאַגירט דאַרויף, איז זיין ענטפער געווען: דאָס מען האָט ניט געוואָלט דאָס די באָלשעוויקעס זאָלן זאָגן, אַז מיר האָבן געמאַכט יד אחת מיט דער וועלט בורזשואַזיע, דערפאַר האָבן מיר ביז איצט געשוויגן.

צו יענער צייט האָבן זיך אין בערלין אויך געפונען אַ גרופּע חברים, וואָס זיינען אויף דעם פאַרלאַנג פון דעם סינדיקאַליסטישן קאָנגרעס אַרויס־געשיקט געוואָרן פון רוסלאַנד, צווישן זיי האָבן זיך געפונען, וואָלין, מאַק־סימאָף, יאַרטשוק, אַרשינאָף, מ. מראַטשני; עמאַ גאָלדמאַן, אַ בעקערמאַן, א.א. וואָס זיינען אַרויס פון רוסלאַנד. פאַרדעם האָט קיינער פון זיי ניט געזען קיין נוצן אין מיין רייזע נאָך רוסלאַנד. אַלעקסאַנדער שאַפּיראָ, האָט געגלויבט אין רוסלאַנד וועט מיט דער צייט זיך איינשטעלן אַ מער נאָרמאַלער סדר, און ער האָט מיך ניט אַנטמוטיקט, הגם אַלץ וואָס מען האָט מיר דעמאָלט געקענט זאָגן האָט ניט געקאָנט ענדערן מיין באַשלוס, איך בין דאָך ניט געפאָרן לשם דער רעוואָלוציע נאָר לשם דעם גורל פון מיין חברה.

איך בין אַוועק אין קאָנטאָר פון דעם סאָוויעטישן וניעש־טאָרג (אויס־לענדישן האַנדל־ביוראָ), און דאָרט אויפגעזוכט דעם פּריינט פון נאָמבערגן, און אים איבערגעגעבן דאָס בריוועלע וואָס איך האָב געהאַט פאַר אים, און דער וועמענס נאָמען איך געדענק שוין ניט, און פאַר דעם צוועק גלויב איך איז דער נאָמען ניט וויכטיק, און געוויס איז ניט געזונט אים צו דערמאָנען, ווען אפילו איך וואָלט דעם נאָמען ניט פאַרגעסן... דער פּריינט האָט ווירקלעך

באַוויזן וווּנדער איבער וווּנדער, ער האָט מיך רעקאָמענדירט צום רוסישן קאָנסול, וועלכער האָט ביי מיר אָפּגענומען מיין אורוגווייער פּאַספּאָרט און מיך פאַרשריבן אַלס אַ קריגס־געפאַנגענעם, און מיט דעם ערשטן עשאַלאָן פון די קריגס־געפאַנגענע בין איך אָפּגעשיקט געוואָרן נאָך רוסלאַנד.

דער וועג נאָך רוסלאַנד

פון שטעטין, (דייטשלאַנד), ווו עס האָט זיך געפונען דער לאַגער, ביז ריגא, לאַטוויע, זיינען מיר, אַ פּאַרטיע פון אַ פּאָר הונדערט פּערזאָן, מענער, פרויען און קינדער, געפאָרן אין פּאַסאַזשיר וואַגאָנען און אונטער דער אויפזיכט פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן רויטן קרייץ. אמת עס איז טאַקע געווען ענגלעך. מיר זיינען געשלאָפן זאַלבענאַנד אין אַ שמאָל בעטעלע, אָבער דאָך אַ בעטעלע. דאָס עסן ווי די באַהאַנדלונג איז געווען אַ מענטשלעכע. אין ריגאַ האָט שוין אויף אונדז געוואַרט דער סאָוויעטישער קאָנוואָי, וואָס איז באַשטאַנען פון טיעפּלושקעס, אַזוי רופט מען אין רוסלאַנד די פראַכט־וואַגאָנען. מען האָט אונדז אַריינגעטריבן ווי די בהמות, מען איז געזעסן און געשלאָפן אויף די קלומיקעס, אויף דער פּאָדלאָגע, און קיין עסן האָט מען שוין ניט געגעבן. די וואָס האָבן געהאַט מיט זיך אַ טשייניקל, זיינען געלאָפן אויף יעדער סטאַנציע, ווו דער קאָנוואָי האָט זיך אָפּגעשטעלט, זוכן קיפּיאַטאָק (געקאָכטע וואַסער). אין יעדן וואַגאָן האָט זיך געפונען אַ רויטער אַרמייעץ. אַ וווּנדערבאַרן איינדרוק האָט אויף מיר געמאַכט, ווען איך האָב אים צום ערשטן מאָל דערזען, דער רויט אַרמייער מיט דעם גרויסן רויטן שטערן אויף זיין היטל. אָפּגעזען פון מיין פאַרבאָרגענער מיינונג וואָס איך האָב געהאַט וועגן די באָלשעוויקעס, אָבער איך קען ניט פאַרלייקענען דעם טיפן איינדרוק, וואָס עס האָט אויף מיר געמאַכט אין דעם מאָמענט דער רויטער שטערן. די געדאַנקען און בילדער וואָס דער שטערן האָט ביי מיר אַרויסגערופן, אפילו די פאַריזער קאָמונאַרן זיינען אין דעם מאָמענט פאַר מיר דערשינען... און איך דערנענטער זיך צו דעם טאָוואַריש קראַסני־אַרמייעץ, און פאַרפלעכט מיט אים אַ געשפרעך, אָנהייבנדיק מיט געבן אים אַ מתנה, אַ ברויט פון דייטשלאַנד. ער האָט דאָס ברייטל אַ כאַפּ געטאָן, ווי אַ אבן־טוב, און גלייך דאָס באַהאַלטן אונטער דעם שינעל־כאַלאַט. אין דעם שמועס, גיב איך אים אַ פרעג, צי ער איז אויך אַ קאָמוניסט. ער האָט מיך לאַנג ניט געלאָזט וואַרטן מיט זיין ענטפער: ווען איך וואָלט געווען אַ קאָמוניסט, וואָלט איך ווי דער, אָנווייזנדיק מיר אויף איינעם וואָס איז געשטאַנען אויף דער סטאַנציע, געגאַנגען מיט אַ רויט היטעלע און געטראָגן גאַליפעס, (אַזעלכע שמאָלע הויזן), מיט לאַקירטע שטיוול, און ניט געגאַנגען אין אַזאַ

הולך, און אין דעם מאָמענט האָט ער פאַר מיר פאַנאַנדער גענומען זיין כאַ־לאַט, און עס איז מיר פינצטער געוואָרן פאַר די אויגן פון דעם הולך פון דעם יונגן רויטן אַרמייער. מען האָט מיך צוגענומען פון מיין היים, מיר געגעבן אַ ביקס, און מיך אַנגעטאָן אין אַ שנעל, און איך בין אַ סאָלדאַט. מער האָב איך שוין ניט געקאָנט און ניט געטאָרט ריידן, דער פאַקט רעדט שוין פאַר זיך אַליין.

מיר זיינען אָנגעקומען אין וועליקי־לוק, דאָס איז געווען אַ ספּעציעלער לאַגער, ווו מען האָט אונדז געהאַלטן אין קאַרענטין פאַר 8 טאָג צייט, יעדן טאָג האָט מען אונדז געגעבן פאַרשיידענע איינשפּריצונגען, אָבער פון דער אומהיגיענישער איינריכטונג פון דעם לאַגער האָט מען געקאָנט קראַנק ווערן. עס זיינען געווען הילצערנע נאַרעס, אויסגעבעט מיט שטרוי. די נאַרעס זיינען געווען דריי גאָרנדיקע, איינע איבער די אַנדערע. עסן האָט מען געגעבן אַביסל שיטערע זופּ. אמת איך האָב זיך אין דעם ניט גענויטיקט, איך בין אַרויס אין שטאָט און געגעסן אין אַ רעסטאָראַן. אין בערלין האָט מען מיר געזאָגט אַז אין רוסלאַנד הערשט אַ גרויסער הונגער, האָב איך פאַר כמעט דאָס גאַנצע געלט וואָס איך האָב געפירט מיט זיך איינגעקויפט פּראָדוקטן און מעדיקאַמענטן, מען האָט מיך אויך געמאַכט גלויבן, אַז אין רוסלאַנד דאַרף מען קיין געלט ניט האָבן, ווייל אַלץ גייט אין דער קאָמונע , אָבער אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז מען האָט אין רוסלאַנד צו יענער צייט געקאָנט פאַר געלט קויפן, אפילו דאָס טעלערל פון הימל. ווען מיר זיינען געקומען אויף דער באַן־סטאַנציע שוין אַלס פרייע מענטשן, יעדער האָט באַדאַרפט פאָרן אויף זיין אייגענער רעכענונג נאָך דער שטאָט וווהין ער צילט, האָב איך דעם שעף פון דער סטאַנציע אַריינגעדרוקט אַ גוטע מטבע, און עס איז באַלד פאַר מיר געוואָרן אַ פּלאַץ אין דעם וואַגאָן, און אַ פּלאַץ פאַר מיינע 6 גרויסע טשאַמאָדאַנעס, וואָס איך האָב געפירט נאָך קיעוו. בשעת דער וואָקזאַל איז געווען געפּאַקט מיט מענטשן, וואָס האָבן טעג געוואַרט אויף אַ פּלאַץ אין אַ וואַגאָן צו קענען ווייטער פאָרן. אין סוף פון דעם חודש יולי פון דעם זעלבן יאָר 1922, בין איך אָנגעקומען אין קיעוו.

אין קיעוו האָב איך פאַרברענגט עטלעכע טעג, גענוג אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם און זיך געלאָזט נאָך מאָסקווע, ווו עס האָט שוין אויף מיר געוואַרט מיין חברה, זי איז געלאָפן פון אסאָסולץ (סיביר), ווו זי איז געווען פאַרשיקט, אָבער אין מאָסקווער בוטירקע (תפיסה) האָט זיך געפונען אירס אַ שוועסטער, האָבן מיר דאָך ניט געקאָנט אָפּפאָרן און זי לאָזן. האָב איך אַלס דרום־אַמעריקאַנער קרוב אָנגעהויבן אַרבעטן פאַר איר באַפרייונג. זי האָט שרעק־לעך געליטן אויף רעוומאַטיזם, איך האָב באַדאַרפט קלאַפּן טירן, ביז איך האָב זיך דערשלאָגן צו דער הויפּט־אינסטאַנץ, צו דעם פּרעדסיעדאַטעל

פון רעוו-טריבונאַל, צו דעם פּאָרזיצער פון דעם רעוואָלוציאָנערן טריבו־נאַל, זי איז געווען באַשולדיקט אין האָבן פאַרבינדונגען מיט דער מאַכנאָ באַוועגונג. עס איז מיר ניט אָנגעקומען זייער לייכט אים איבערצוצייגן די ניט ריכטיקייט פון דער באַשולדיקונג. אָבער אין דער אונטערשטער שורה האָט ער זי מיר אַרויסגעגעבן ,אונטער מיין אונטערשריפט, אַז אַזוי שנעל ווי זי וועט זיך פילן בעסער, וועל איך זי צוריקשטעלן.

מערקווירדיק, אין יעדער טיר פון די אָפיציעלע קערפּערשאַפטן, וווהין איך האָב זיך באַדאַרפט ווענדן, האָב איך באַדאַרפט אויספילן אַ גאַנצן בויגן מיט פראַגן, און די ערשטע פראַגע איז געווען מכוח מיין פּאָליטישן אַני מאמין. אויף דערויף האָב איך געהאַט זיך גוט איינגעחזרט די לעקציע וואָס דער פריינט פון נאָמבערגן האָט מיך געלערנט: „סאָטשוסטווי־רוסקיאַ רעוואָלוציע״ — סימפּאַטיזירער מיט דער רוסישער רעוואָלוציע — און דאָס האָט וווּנדערבאַר געקלאַפּט, מען האָט מיר די שוועסטער, פאַניע באַראָן, אַרויסגעגעבן, אָבער וווהין זי נעמען? ווייל אויף דער קוואַרטיר, ווו עס האָט זיך געפונען מיין חברה, האָב איך דאָך מורא געהאַט זי צו ברענגען, דאָס הויז צו קאָמפּראָמיטירן, דאָס איז געווען די דירה פון חבר, מייערטשוק, דער אַדמיניסטראַטאָר פון דעם בוך־פאַרלאַג: „גאָלאָס טרודאַ״״ (די אַר־בעטער־שטימע) און אין דעם זעלבן הויז האָט אויך געוווינט דער חבר אַלעקסאַנדער שאַפּיראָ מיט זיין פאַמיליע, דאָס הייסט אַז די גע פּע או (די די פּאָליטישע געהיים־פּאָליציי) האָט גוט געוווסט, אַז דאָס איז דער מקום־מקלט פון די אַנאַרכיסטן, האָב איך באַשלאָסן צו פאַרפאָרן אין אַ האָטעל, האָב איך גענומען אַ דראָזשקע, און זיך געלאָזט זוכן אַ האָטעל. וואו מיר זיינען ניט אָנגעקומען, איז אַלץ געווען פאַרנומען, דער אָרעמער איזוואָשטשיק שוין אַן עלטערער מענטש, איז אַרויס פון געדולד, און האָט מיט טרערן אין די אויגן אויסגערופן: יאָ, ווען דער צאַר־באַטושקאַ (דער צאַר פאָטערל) האָט געהערשט האָט מען געקאָנט געפינען אַ האָטעל, אָבער איצט, ווען די זשידעס די באָלשעוויקעס (די יידן־באָלשעוויקעס) הערשן, קען מען שוין גאָרנישט געפינען... דאָס איז געווען דער טיפער וויי־געשריי פון אַ פאָלק אין קייטן, וואָס האָט דורכגעלעכערט מיין האַרץ, עס איז ניט געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס איך האָב אין פאַרלויף פון דער קורצער צייט וואָס איך האָב זיך געפונען אין דעם פּראָלעטאַרישן פאָטערלאַנד, געהערט דאָס ביטערע קרעכצן. אויף דער באַן פאָרנדיק האָבן אַ סך געקוקט אויף מיר ווי אויף אַ משוגענעם, וואָס זאָל פון דרום־אַמעריקע קומען אַהער... אָבער ניט אַזוי האָט געדענקט דער חבר קאַרעלין, וועמען איך האָב נאָך געקאָנט פון פּאַריז, ווען איך האָב אים באַזוכט אין דער אָפּשציזשיטע — אין דעם אַלגעמיינעם וווין־אָרט — אין דעם גרויסן מאָסקווער האָטעל וואָס די

באָלשעוויקעס האָבן פאַרנומען פאַר זייערע געטרייע דינער. ער האָט געזאָגט: דאָס איז דער נאַטירלעכער גאַנג פון אַ רעוואָלוציע, און מיר מוזן שלום מאַכן מיט דער לאַגע... קאַרעלין איז געווען אַ הויך־געבילדעטער מענטש, און אַ הונדערט־פּראָצענטיקער אַנאַרכיסט, אין דער רוסישער אימיגראַנטן־וועלט אין פּאַריז. ביז דער רוסישער רעוואָלוציע, האָט ער גענומען אַן אַקטיוון אַנטייל, ער האָט אָפּט געהאַלטן זייער באַלערנדיקע רעפעראַטן, און געהאַט אַ סך פאַרערערס, אָבער אין רוסלאַנד האָט ער שלום געמאַכט מיט דער לאַגע, און זיך אַנגעהאַנגען אַ שלאָס אויפן מויל, און דאָס זעלבע געעצהט אַנדערע צו טאָן.

אָבער מיר האָבן ניט געהאַט קיין אַנדער ברירה ווי צו פאַרפאָרן צו אַ חבר, וואָס האָט אָפּגעטראָטן זיין דירה איבער די פּאָר טעג, וואָס מיר האָבן צוגעגרייט אונדזער רייזע נאָך קיעוו, און פון קיעוו זיינען מיר שפּעטער געפאָרן נאָך אָדעס, צוליב די דאָרטיקע בלאָטע־בעדער, וועלכע זיינען פאַר דעם רעוומאַטיזם אַ גרויסע רפואה, מיר, איך און מיין חברה און איר שוועסטער האָבן דאָרט פאַרברענגט אַ חודש צייט. כדי צו פאָרן נאָך קיעוו, האָב איך שוין באַדאַרפט פאַרקויפן אַן אַנצוג און אַ פּאָר הויזן, עס איז מיר אויסגעגאַנגען מיין אַמעריקאַנער פאַרמעגן...

צוריק אין קיעוו. די שוועסטער פאַניע קען נאָך אַלץ זיך ניט שטעלן אויף אירע פיס. אָבער זי האָט זיך געפילט אַ סך בעסער, מען דאַרף אָנהייבן טראַכטן וועגן אַ תכלית. פון אַרויספאָרן לעגאַל, האָט קיין רייד ניט געקאָנט זיין. מיין אַמעריקאַנער פּאַספּאָרט האָט דער קאָנסול אין דייטשלאַנד ביי מיר צוגענומען, מיט דעם צוזאָג, אַז ווען איך וועל קומען אין קיעוו און זיך איינמעלדן ביי דער פּאָליציי, וועט מען מיר דעם פּאַספּאָרט צוריקגעבן. פון דעם האָט זיך אויסגעלאָזט אַ בוידעם. ווען איך האָב עס פאַרלאַנגט, האָט מען זיך פון מיר איינפאַך אויסגעלאַכט. מען האָט מיר פּראָסט און פשוט געזאָגט: ווי זדיעס טאַק ווי זדיעשני. (איר זייט דאָ, זייט אַ היגער). נו, האָב איך זיך געווענדעט צו אַן אַגענט, צו שוואַרצן די גרענעץ, און דער האָט מער ניט פאַרלאַנגט ווי 35 גאָלדענע פינפערלעך פאַר אַ קאָפּ, און דאָס איז שוין געווען צו פאַרדאַנקען אַ גרויסער רעקאָמענדאַציע, אָבער וואו נעמט מען אַזאַ פאַרמעגן? האָט מען געמוזט זיך שטעלן אַרבעטן, דאַן איז אין רוסלאַנד געווען דער נעפּ. — די נייע עקאָנאָמישע פּאָליטיק, וואָס לענין האָט איינגעפירט. ביי דעם רוסישן פאָלק איז געווען אַ סך גאָלד באַהאַלטן, די שוואַרצע בירזשע האָט געאַרבעט מיט דער פולער פּאַרע, מען האָט נאָר באַדאַרפט עפּעס האָבן, צו קענען פאַרקויפן, פאַר יעדער קלייניקייט האָט מען געקאָנט קריגן גוט באַצאָלט, אויך האָט מען געקאָנט אַרבעטן ביי זיך אין הויז, נאָר אַליין אָן אַרבעטער, אַלס קוסטאַר, (הויז־אַר־

פ. גדליה מיט זיין פרוי, חברטע סאָניע.

בעטער) נו, האָב איך אָנגעהויבן צו פֿאַבריצירן פּאָרטפֿעלן פֿאַר די באַל־שעוויסטישע טשינאָווניקעס, (אָנגעשטעלטע) און אויך דאַמען־טאַשן, אַזוי האָב איך אָפּגעאַרבעט אַ קאַרגן יאָר, צוזאַמענגעקליבן אַ ביסל געלט, און אַביסל האָט מיין חברהס משפחה צונויפגעקליבן, און מיר האָבן זיך גע־לאָזט אין וועג אַריין.

מיין חברה איז איבער דער צייט אויך דורכגעגאַנגען אַן אָפּעראַציע פֿון דער בלינדער קישקע, איז זי אויך נאָך געווען שוואַך, מען האָט אָבער די רייזע שוין ניט געקאָנט מער אָפּלייגן. און מיר זיינען אַוועק. עס איז אונדז אויסגעקומען צו גיין דורך אַ וואַלד. אַ פּוילישער בחור האָט אונדז געפֿירט, מיר זיינען געגאַנגען מיט גרויסע שוועריקייטן און אַביסעלע שרעק, אַ הונט פֿון דער גרענעץ־וואַך האָט אונדז דערשמעקט, אָבער די וואַך איז געווען אונטערגעקויפֿט. מיר זיינען בשלום אָנגעקומען שוין שפּעטלעך אין אָוונט, אין דעם פּוילישן דאָרף פֿון דער אַנדערער זייט גרענעץ, איבערגעשלאָפֿן די נאַכט אויף שטרוי אין אַ סטאָדאָלע ,און באַלד אין דער פֿרי, פֿאַרקלײדט ווי פּויערים, האָט מען אונדז אַריינגעפֿירט אין שטעטל, דעם נאָמען געדענק איך ניט, אָבער עס איז געווען נעבן קאָוועל (פּוילן). דאָ אין שטעטל זיינען מיר ביי טאָג איינגעשטאַנען ביי אַ יידישער פֿאַמיליע, אָבער אין אָוונט, האָט מען אונדז צעשיידט, מיין חברה איז געשלאָפֿן ביי אַ קריסטלעכער פֿאַמיליע, און מיך האָט מען אַוועקגעפֿירט אין דער שטאָט־תּפֿיסה, וואו איך האָב אין אַן אָפּגעטיילטער צעל איבערגענעכטיקט, ריכטיקער איבערגעשטאַנען, ווייל די פֿליי אויף דער נאַרע זיינען געווען אומדערטרעגלעך, זיי האָבן זיך מיט מיר אַרומגעכאַפּט ווי מיט אַ בוזעם־פֿריינט, אַז צומאָרגנס, האָט מען מיך אַרויסגעפֿירט צו דעם טייכל, כדי דאָרט צו וואַרטן אַ טאָג, ביז די באַן וועט אָפּגיין אונדז צו פֿירן נאָך וואַרשע, האָב איך זיך גוט אויסגעפּלייט. אויף דער פּוילישער באַן ביז וואַרשע בין איך געפֿאָרן אַלס אַן אַרעסטאַנט, און סאָניע, מיין חברה, אַלס די פֿרוי פֿון דעם פּאָליציאַנט וואָס פֿירט מיך, ביז מיר זיינען מיט גאָטס הילף און אין דער באַגלייטונג פֿון דעם פּאָלי־ציאַנט, און אַן אַגענט, ניט קיין ייד, אָנגעקומען אויף דעם געהעריקן אַדרעס אויך פֿון אַן אַגענט אין וואַרשע. אויך ביי אַ יידן, כדי דאָ צו וואַרטן אויף אַ צווייטן אַגענט, וואָס זאָל מיך פֿירן נאָך בערלין, ווייל פֿאַרביידן האָבן מיר ניט געהאַט גענוג געלט, און אויך קיין דאָקומענטן, האָב איך באַדאַרפֿט אַריינפֿאָרן נאָך בערלין דאָס אַלץ צו באַזאָרגן, און צוריק־קומען נאָך מיין חברה.

מיט אַן אָפּגעראַזירטן קאָפּ בין איך מיט אַ באַגלייטער אָפּגעפֿאָרן נאָך קאַטאָוויץ, וואו איך האָב באַדאַרפֿט בלייבן ביי אַ דייטשישער פֿאַמיליע, וואַרטן אַ טאָג צוויי, ביז עס וועט פֿאַרטיק ווערן אַ דורכגאַנג־שיין נאָך

דייטשלאַנד. עס איז אָבער אַריבער 6 טעג, און איך זיץ און וואַרט, קיין גראָשן ביי דער נשמה האָב איך ניט געהאַט, איך בין אין גאַס ניט אַרויס, ווייל איך האָב קיין דאָקומענטן ניט געהאַט, דאָס איז געווען זייער געפעל-לעך, אָבער איין אויפדערנאַכט, האָט מיך די טאָכטער פון דעם אייגנטימער פון דער וווינונג, אויס מיטלייד גענומען אין אַ קאַפע-הויז, מיך פאַרגעשטעלט פאַר אַ פּאָר פריינט אירע, און אין בעסטן שמועס — פאַלט דאָס מיידל אין חלשות, און עס ווערט אַ טומל, איך אַ פאַרצווייפלטער, די פאָליציי זאָל ניט קומען, און מיך אָנהייבן אויספרעגן און דאַן איז דאָך אַלץ פאַרלוירן, מיין חברה וואַרט אין וואַרשע אויף מיר, אָבער איך האָב זיך ניט פאַרלוירן. דאָס מיידל איז שנעל צו זיך געקומען, און מיר זיינען גלייך אַוועק אַהיים. ערשט אויף דעם זעקסטן טאָג איז געקומען מיין אַגענט, מיט דעם בויטיקן פּאַפּיר, און מיר זיינען בשלום אַריבער די גרענעץ.

צומאָרגנס בין איך אַוועק צו ראָקערן, ער האָט גלייך אַרויסגערופן וואַלינען און דער האָט מיר אויסגעבאָרגט 30 דאָלאַר און איך האָב אויפ-געהייטערט.

צומאָרגנס בין איך אַוועק צו דעם אורוגווייער אַמבאַסאַדאָר אין בער-לין, און אים דערציילט דעם אמת פון מיין אַוואַנטורע, ער איז געווען זייער אַ ליבעראַלער מענטש, ער האָט באַוווּנדערט מיין געוואַגטקייט, און גלייך מיר אַרויסגעגעבן אַ פּאַספּאָרט פאַר מיר און מיין חברה, מיט דעם פּאַס-פּאָרט בין איך אַוועק צום פּוילישן קאָנסול, נאָך אַ וויזע, וואָס איך האָב גלייך באַקומען, און צוריקגעפאָרן שוין ווי אַן אַמעריקאַנער טוריסט נאָך וואַרשע. פאַרברענגט אַ חודש צייט, צוריקגעקומען נאָך בערלין, ווו מיר האָבן פאַרברענגט 5 חדשים און — אַריינגעפאָרן אין פּאַריז, געאַרבעט אַ שטיקל צייט ביי מיין פאַך, הגם אַלס טוריסט האָב איך ניט געהאַט קיין רעכט צו אַרבעטן, אָבער מיינע פריינט, אַמאָליקע פאַך-קאָלעגן, האָבן פאַר-קוקט דעם געזעץ... אָבער פון דעם אַרבעטס-לוין האָט מען ניט געקאָנט אָנקלויבן גענוג צו קענען אַליין פאָרן ווייטער, און נאָך, ווי מיר האָבן צו-געזאָגט אונדזער משפחה אין רוסלאַנד, זיי אַרויסנעמען פון דאָרטן, האָב איך באַקומען אַ שטעלע אַלס רייזנדער פון אַ מעטאַל-פאַבריק פאַר דער שווייץ, ווו איך האָב פאַרברענגט זעקס חדשים. עס האָט ניט געטויגט, הגם די באַ-דינגונגען זיינען געווען זייער גוטע אָבער מען האָט באַדאַרפט האָבן דעם אמתן כאַראַקטער פון אַ קאָמי־וואָיאַזשאָר. און דאָס איז וואָס איך האָב ניט, האָבן די הוצאות אויפגעפרעסן דאָס פאַרדינסט. איך האָב לכן געמוזט מאַכן אַן הלוואה ביי מיין משפחה אין פּאַריז, צו קענען פאָרן נאָך מעקסיקע.

דעם 24טן יוני 1924 זענען מיר אָנגעקומען אין מעקסיקאָ. אמת, קיין אַנאַרכיסטישע באַוועגונג איז ניט געווען אין מעקסיקאָ, אָבער איינצלנע אַלטע

וועטעראַנען זענען דאָך געווען, יעדנפאַלס צו יענער צייט האָבן זיי מיר זייער פיל געהאָלפן אין אַרויסגעבן אַ שריפט, וואָס איז דערשינען, מען קען זאָגן, פון דעם ערשטן טאָג אָן וואָס מיר, איך און מיין חברה, האָבן באַטראָטן די מעקסיקאַנער ערד. צו ערשט נאָך זיינענדיק פריש אונטער דעם איינ־דרוק פון דעם סאָוויעטישן גיהנום, איז די צייט־שריפט דערשינען אונטער דעם טיטל: „לא רוסיא טראכיקא״ (דאָס טראַגישע רוסלאַנד, אָדער די טראַגעדיע פון רוסלאַנד). שפעטער האָב איך געביטן דעם נאָמען אויף: „לא אידעא נועווא״ (דער נייער געדאַנק).

איידער דאָס ערשטע יאָר פון אונדזער זיין אין מעקסיקאָ האָט זיך פאַרענדיקט, האָבן מיר שוין אַראָפּגעבראַכט די ערשטע פּאַרטיע פון מיין חברהס משפחה פון רוסלאַנד, — קיעוו. בקיצור, צום סוף פון די צוויי יאָר האָבן מיר שוין געהאַט די גאַנצע משפחה מיט אַן אַלטער מוטער, צוזאַמען 17 נפשות מיט אונדז אין מעקסיקאָ. די איינציקע שוועסטער וואָס איז אין רוסלאַנד פאַרבליבן, איז פאַניע באַראַן, וואָס האָט געוואָרן/ אויף איר מאַן, אַראָן באַראַן, וואָס איז געווען פאַרשיקט אויף דריי יאָר אין סיביר, אָבער ער איז שוין פון דאָרט מער ניט צוריקגעקומען. נאָך פיר מאָל בייטנ־דיק זיין טערמין און פלאַץ, איז ער צולעצט אינגאַנצן ליקווידירט געוואָרן, און פון דער שוועסטער מיט זייער טעכטערל ווייסט מען ביז היינט ניט, וואָס מיט זיי איז געוואָרן.

פון דער משפחה איז אויסגעוואַקסן אַ שבט פון איבער הונדערט פופ־ציק נפשות. אַלע זענען אין גוטע עקאָנאָמישע אומשטענדן, און אויך גייסטיק איינגעאָרדנט זייער שיין, פיר דאָקטוירים, אַ פּאָר דענטיסטן, כע־מיקערס, אויגן־דאָקטוירים, געשעפטס־לייט. דערמיט האָט זיך אונדזער מיסיע פאַרענדיקט. אין מעקסיקאָ האָבן מיר געלעבט קאַרגע ניינצן יאָר. פון יאָר 1941, לויט דער עצה פון אונדזער ליבן פאַרשטאָרבענעם חבר רודאָלף ראָקער, געפינען מיר זיך אין די פאַראייניקטע שטאַטן אין אַמעריקע.

מיר זיינען געקומען זיך באַזעצן אין די פאַראייניקטע שטאַטן, ווייל ראָקער האָט דורכאויס געוואָלט דאָס מיר זאָלן זיין צוזאַמען, ער האָט גע־שיקט צו אונדז די ליבע חברה, זשאַן לעווי, וועלכע האָט זייער שטאַרק געווירקט אויף מיין חברה, און מיר זיינען געקומען. אָבער איצט זיינען מיר פאַריתומט געוואָרן, רודאָלף ראָקער איז געשטאָרבן דעם 10טן סעפּ־טעמבער 1958, קאַרגע דריי יאָר נאָך דעם טויט פון זיין לעבנסבאַגלייטעריך, אונדזער טייערע מילע וויטקאָפּ ראָקער. און צום לעצט איז שוין אויך אַוועק אין זיין אייביקער רו, דער חבר ש. לינדער, מיט וועמען עס איז אויך געווען פאַרבונדן די קאַלירפולע צייט פון אונדזער יוגנט. ש. לינדער איז גע־

שטאַרבן דעם 24טן דעצעמבער 1961. — מיט זייער טויט האָט זיך פאַר־ענדיקט דאָס וווּנדערבאַרע געוועב פון אַ חלום. אויף מיר איז אויסגעפאַלן דער גורל צו זיין דער לעצטער פון דעם ביים לעבן אומצעשיידבאַרן מזומן. ריכטיק זינגט דער דיכטער: וואָס די יוגנט פאַראייניקט, קען נאָר דער טויט צעשיידן, דאָס איז אמת ווי דער טאָג. מיר האָבן געקאָנט האָבן, און מיר האָבן אויך געהאַט, אין געוויסע מאָמענטן, ביי געוויסע געשעענישן, מיינונג־פאַרשידנהייטן, אָבער דאָס האָט נישט פאַר קיין איין מאָמענט געשטערט אונדזער קעגנזייטיקער אַכטונג און ליבע. צום ביישפּיל, מיט דער שטעלונג פון ראָקערן לגבי דער ערשטער וועלט־מלחמה, און זיין אַרויסטריט קעגן פּיאָטער קראָפּאָטקין, בין איך ווייט ניט געווען איינ־שטימיק. ער האָט אָבער שפּעטער חרטה געהאַט און דאָס עפנטלעך צוגעגע־געבן אין איינעם פון זיינע רעפעראַטן אין יאָר 1949 אין לאָס־אַנדזשעלעס, קאַליפאָרניע. איך האָב וועגן זיין שלאָגן זיך חטאתי בנוגע זיין טעותדיקער שטעלונג לגבי דער מלחמה, בכלל, און לגבי פּ. קראָפּאָטקין, בפרט, געשריבן אין דעם מאַי־נומער „פ.א.ש.‟ פון 1949, פאָלגנדיקס:

„אום צו באַהאַנדלען גרינטלעך די היינטיקע טעמע — האָט דער רעדנער אָנגעהויבן זיין לעקציע — וואָלט מען באַדאַרפט האָבן ניט איין אָוונט, ניט איין לעקציע, נאָר פילע נעכט און פילע לעקציעס, און ווער ווייסט צי מיר וואָלטן עס געקאָנט באַווייזן — — קלאָר צו מאַכן די אורזאַכן פון דעם כאַאָטישן צושטאַנד וועלכער האָט באַהערשט די וועלט. אויב אַזוי, טאָ ווי קאָן איך מיט מיינע באַשרענקטע פעאיקייטן און אין דעם קליינעם פּלאַץ, וואָס אונדזער צוויי־וואָכיקע „פ.א.ש.‟ קען אונדז געבן, איבערגעבן בוכ־שטעבלעך די אַלע אַרויסגעבראַכטע געדאַנקען פון דעם רעדנער? אָבער פון דער צווייטער זייט, קען איך זיך ניט צוריקהאַלטן און מוז אויסדריקן מיין גרעסטע פרייד פון דעם פאַקט, נעמלעך: ר. ראָקער האָט דורכגעמאַכט די גרויסע מעטאַמאָרפאָזע, די טיפגייענדיקסטע אומוואַנדלונג פון דער צייט און דאָס האָט דער רעדנער, אויף אַ מייסטערהאַפטן אופן אַרויסגע־בראַכט אין זיינע לעקציעס. דערמיט האָט ער אָפּגעצאָלט אַ טאָפּלטן חוב צו דער געשיכטע און צו דעם גרויסן לערער אונדזערן און זיינעם, פּיאָטער קראָפּאָטקין, וועמענס מענטשלעכע שטעלונג צו דער ערשטער וועלט־מלחמה איז שלעכט פאַרשטאַנען און אויסגעטייטשט געוואָרן. נאָר אַ מאַן ווי ראָקער האָט עס געקאָנט טאָן, און דאָס אַליין איז איינע פון זיינע לויבנסווערטיקע האַנדלונגען. ראָקער האָט נאָך פילע אַנדערע טעותן און מיספאַרשטענדענישן מיט זיינע צוויי לעקציעס דאָ אין לאָס־אַנדזשעלעס, קאָרעגירט‟.

ראָקער האָט דעם באַריכט מיינעם געלייענט, און מיך באַדאַנקט דער־פאַר. דאָס איז די גרויסקייט פון אַ מאַן, פון אַן אַנאַרכיסט, און דערפאַר טאַקע האָב איך אים געאַכט און געליבט.